STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05872

# GEZAMLTE VERK

Joseph Opatoshu

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאַמלטע ווערק
פון
# י. אָפּאַטאָשו

IX

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

י. אָפּאַטאָשו

# אויף זייטיקע וועגן

נאָוועלן

1 9 2 6

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Copyrigth by Joseph Opatovsky New-York 1926
J. Opatoszu. „Ojf zajtike wegn".

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno.

# אויף זייטיקע וועגן

# שלעכטס

דער שווינדלוועג האָט זיך געריסן העכער און העכער. און דאָרט פאַרחאו די אָפריסן זענען געוואָרן טיפער און אַ מענטש האָט זיך זעלטן פאַרקליבן, איז געלעגן אַן אַלטער אויסגעריסענער קאַשטאַן־בוים מיט די לאַפּעס אַרויף, די וואָרצלען צעקרומטע, פאַרפלאָנטערטע, דורכגעוואַקסן מיט שטיקער מאָך, זענען געהאָנגען איבערן אָפּגרונט.

די זון האָט זיך געהויבן פון טאָל אַרויס, פויל געטריבן ניט־באַוועגלעכע שטיקער פאַרע, ווי גרויע בערן, אַרויסגעשיילט די בלויע בערג־שפּיצן און געצונדן טראָפּנס טוי אין די הויכע, נאַסע גראָזן.

דער באַגינען, אַ קלאָרער, אַ פרישער, האָט זיך געוויגט איבער באַרג און טאָל, אַרויסגעטאָגט פון די אָפּגרונטן, זיך געפלאָנטערט אין די וועלדער, זיך געלייגט איבער דער ערד מיט דער פרייד פון אַ יונגען גאָט.

אויפן שפּיץ באַרג איז געשטאַנען אַ ווייס געפאַרבט שטיבל מיט אַ רויטן דאַך.

טאָטל איז אַראָפּ פון די טרעפּלעך אין אַ פּאָר גומענע שטיוול און געבליבן שטיין אין נאַסן גראָז. מיט צעווירענע פינגער האָט ער אויסגעריבן זיינע וואַסערדיקע אויגן, עטוואָס צעשטעלט די קורצע פיס, זיך אַ וויג געטון מיט די פּלייצעס איבערן צו־ברייטן געזעס און מיט אַ געשמאַקן געניץ זיך גענומען ציען. ער האָט זיך איינגעוואַשן ביים פּלומפּ, לאַנג געווישט דאָס פּנים מיט אַ האַנטוך און אויסגערעכנט אויפן קול זיין טאָג־אַרבעט — מעלקן די קי, צעאַקערן פאַר קאַרטאָפל דאָס שטיקל לאַנד, צופאָרן אין דאָרף — מען דאַרף אַוועקשיקן נאָך ניו יאָרק די פינף טאָלער פאַרן פאָנאָגראַף, וואָס ער צאָלט אויס.

ער איז צופרידן געווען, וואָס די שטאָטישע קומען אַרויס אויפן זומער — ס'איז באַקוועמער, מען שפּאָרט ביי זיי אָפּ אַ פּאָר טאָלער. די פאַמיליע, וואָס איז נעכטן אַרויסגעקומען, וועט צונעמען אַ דריטל מילך, שפּעטער וועלן אַרויסקומען די בעלי־בתּים פון הויז, וועט ער איינגאַנצן אויפהערן פירן די מי׳ך אין דאָרף אַריין. טיף אָבער אין זיין פאַרוואַקסע-

נער, ווי די גאַנצע געגנט, נשמה, איז געווען אַ פּאַרדרוס, וואָס ער, טאָטל, אַרבעט דעם גאַנצן לעבן, ליידט אויף גאַל־שטיינער, אויפֿרעוומאַטיזם, דאָק־טערט זיך יעדן ווינטער אין דאָרף (זומער איז קיין צייט ניטאָ), לעבט מיט דער קו, מיטן פערד, מיטן חזיר — לעבט מיטן פעלד, מיטן וואַלד, און אַז ער קריגט שוין אַרויס נאָך דער שווייסיקער אַרבעט דאָס ביסל גרינס פון דער שטייניקער ערד, עסן עס אויף די ליידיקגייערס, וואָס קומען אַרויס אויף אַ גאַנצן זומער.

דאָס האָט ער ניט געטראַכט. אין מוח ביי אים זענען געשטאַנען — די ערד אַ האַרטע, אַ באַרגיקע, וואָס מען דאַרף צעאַקערן, די פינף טאָלער, וואָס מען דאַרף שיקן נאָך ניו יאָרק, און די פאַמיליע, וואָס איז נעכטן אַרויסגעקומען. די זאַכן האָט ער געזען, זיי געקאָנט אָנטאַפּן, ווי די אַרומיקע בוימער. דאָס איבריקע האָט זיך געוויכערט, געלעגן אין אים מטושטש, ווי די גרויע שטיקער פאַרע, וואָס זענען געקראָכן צווישן די בערג אויף בערישע לאַפּעס.

זיינע וואַסערדיקע אויגן האָבן אָנגעשטרענגט געקוקט אין דער ריכ־טונג פון דאָרף, און אין דעם טעמפּן פנים איז געלעגן דער צער פון אַ בהמה, ווען זי האַלט זיך ביים אָפּקעלבן.

טאָטל האָט אַראָפּגענומען פון דער וואַנט צוויי בלעכערנע עמערס און זיך געלאָזט גיין צו דער קו־שטאַל, וואו פוןביידע זייטן אַריינגאַנג זענען געלעגן אַ גאַנצן ווינטער צוויי בערג מיסט, און איצט, מיטן פרילינג, האָט עס געפּאַרעט, אַריינגעטריפט אין דער קלאָרער לופט דעם גערוך פון פריש לעדער.

אַ דריטהאַלבן יאָריק ביקל, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן ווילד צו ווערן, זיך געיאָגט נאָכן נישט־גוטן, וואָס האָט זיך אים געפּלאָנטערט צווישן די הערנער, איז טאָטלען אַנטקעגן געקומען מיט אַ בלוטיק אויג.

— קריגסט שוין הערנער אין די קאָפּיטעס, דזשעק! גיי, גיי אין שטאַל אַריין! נו, גיי, ניי — האָט טאָטל זיך אַ בויג געטון, געכאַפּט אַ שטיין און אַ שליידער געטון דעם ביק אין קאַרק אַריין.

דאָס בלוטיקע אויג ביים ביקל איז געוואָרן חושך — דער ניט־גוטער האָט זיך פאַר אים אַוועקגעשטעלט ווי אַ רויטע פלאַכטע. דאָס ביקל האָט אַ בויג געטון דעם קאָפּ צו דער ערד, געשטאַנען אויף די פאָדערשטע

פיס און מיט די הינטערשטע געצומען שפּינען אין דער לופט.

איין קו נאָך דער צווייטער איז אונטערגעקומען, עטוואָס צעשפּרייט די הינטערשטע פיס, זיך איינגעהערט ווי די מילך סוויסטשעט אין בלעכענעם עמער, און אין די טעמפּע מאָרדעס איז געלעגן מענטשישע מגושמדיקייט.

---

מעש האָט שטיל פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, וואו דאָס ווייב מיטן קינד זענען געשלאָפן, און איז געבליבן שטיין אויף אַ קליינער וועראַנדע, וואָס אַרום הויז. אַזאַ רחבות האָט ער שוין יאָרן ניט געזען. דאגות און דאַגהלעך זענען ניט געוואָרן, ווי ביי אַ יונגל דעם ערשטן טאָג פון וואַקאַציע. ער האָט טיף אָפּגעעטעמט, געקוקט אויף די בייכיקע שלענגלעך, וואָס האָבן געשניטן פון די קאַרשן-בוימער צום הויז און זייערע רוקנס האָבן געבלישטשעט מיטן פלאַטער פון זומער-פייגעלעך.

מעש האָט זיך געלאָזט מיט דער קילער שטומקייט, וואָס האָט גערוישט אַרום, מיטגעבראַכט דעם ריח פון פרישע מילך.

— האַלאָ, מיסטער טאָטל!

טאָטל האָט שוין געהאַט צוויי פולע עמערס. שטיקלעך היי האָבן זיך געוויגט איבער דער שוימיקער מילך. ער האָט זיך אַ צעפרידענער אַ הויב געטון פון די קיטשקעס, געפילט ווי די געלענקן קנאַקן פון צופיל זיצן, און מיט אַ זויערקייט אין די צונויפגעצויגענע ברעמען געוויזן אויפן רוקנביין:

— ס'ברעכט.

— איר מעלקט דען די קי?

— יעס, סער!

— און איך האָב געמיינט, מיסעס טאָטל מעלקט.

— זי איז ביי מיר אַ „שטאָטיש מיידל" — האָט ער מיט גדלות געענטפערט — קאָן ניט מעלקן.

מיסעס טאָטל האָט זיך געפּאָרעט מיט צוויי קליינע חזירימלעך, וואָס האָבן זיך געריבן אָן איר שטייף געקראָכמאַלעט קלייד, זיי געטאַפּט די

בוידערלעך, אַנגעקוואָלן, און די קאַרביר־נאָדלען האָבן געציטערט אין אירע גרוילעכע האָר.

— מיסטער מעש, ווייסט איר ניט וויפיל קוואָרט מילך מיסעס מעש וויל?

— כ'רעכן דריי.

— זי וויל אַ הינדל אויך?

דאָס „שטאָטיש מיידל", וואָס האָט שוין געהאַט איבער פערציק, אָט פאַרשפאַרט די חזירימלעך, געכאַפּט אַ ווייס הינדל, עס געהאַלטן פאַר די פיסלעך און מיט אַ האַק אָפּגעהאַקט ס'קעפּל. דאָס הינדל אָן אַ קעפּל, האָט זיך אַ ריס געטון אין די הויכע גראָזן און מיט אַ כאָרכל פאַרוואָרפן די לאַפּקעס.

די פרייד איז ביי מעשן אַוועק. ער האָט געקוקט ווי אַ פּאָר צעקרומטע הענט שפּאַנען איין אַ ווייסן אָגער אין אַ וועגעלע מיט צוויי רעדער. דאָס פערד, אַ גרויס, אַ ברייטס, דאָס בלוט שפּילט זיך אונטער דער ווייסער פעל, בערגלט זיך, און דאָס פערד שטייט ניט איין, שרעקט זיך פאַר דער אַרומיקער וועלט, וואָס שפּרינגט אים אין די אויגן אריין. די פיס זענען ניט זיכער, גלויבן ניט דער ערד, וואָס וויגט זיך, געשווילט איבער די בוימער און פון שרעק צאַפּלט די גלאַנציקע פעל, די נאָזפליגל רויכערן און די קאָפּיטעס שליידערן שטיקלעך ערד, ווילן ניט אריין צווישן די דישלען.

טאָטל האָט פאַרגעסן, אַז עס שטייט אַ פרעמדער, זיך מער ניט געשעמט פאַר דעם „שטאָטיש מיידל". די אויגן זענען ביי אים געקראָכן פון קאָפּ — ווייסלעכע אויגן, ווי גליטשיקע וואַסער־געוויקסן.

ער איז געשפּרונגען דעם פערד אין פּנים אַריין, געשריגן אויף דעם ווייב, זי זאָל פעסטער האַלטן דעם לאַנגען ווידל, און אַליין האָט ער געשטאָלטן דאָס פערד ביז דעם פערטן דור.

— גאָט פאַרשאָלטענע בעסטיע... דיין מאַמע, דיין באָבע, דיין עלטער־באָבע, אַלע זענט איר פאַרשאָלטן... דריי זיך! נו, נו...

דער אָגער איז אריין אין שפּאַן. טאָטל מיט דעם ווייב האָבן אויף גיך פאַרלייגט די לעדערנע לייצעס, און אַז ס'פערד האָט אַ שלעפּ געטון, איז טאָטל, לויפנדיק, אַרויפגעשפּרונגען אויפן וועגעלע, פאַרגעסן, אַז ער האָט

זיך נאָר וואָס געשאָלטן, און זיינע וואַסערדיקע אויגן האָבן געשמייכלט צו מעשן:

— אפשר דאַרפט איר עפּעס אין דאָרף?

— אַ דאַנק, גאָרנישט.

מיסעס טאָטל האָט אויפגעהויבן פאַר די שטייפע לאַפּקעס דאָס פאַרבלוטיקטע הינדל און זיך געלאָזט צום הויז.

מעש האָט אויפגעזוכט אַ שפּאַדל, אָנגעצייכנט עטלעכע בייטן און זיך געשטעלט גראָבן די ערד הינטערן שייער. ער האָט טיף אַריינגעלאָזט דעם שטאָלענעם שפּאַדל אין דער ערד, אויסגעריסן באַגראָזטע שטיקער, זיי אויפגעהויבן און איבערגעדרייט מיטן בויך אַרויף. רעגן־שלענגלעך האָבן זיך געדרייט צווישן די שוואַרצע ברילעס, און אַז מעש האָט געענ־דיקט אַ בייט, איז ער געבליבן שטיין איבער דער אויפגעשניטענער, צע־פאַרעטער ערד. וואָס איז געלעגן אַ צייטיקע אויפצוגעמען זוימען.

די שטייפלעכע גלידער זענען ביי מעשן געוואָרן בויגיקער, זיך צע־וויגט מיט דער אַרבעט, געעטעמט מיט דרך־ארץ פאַרן ערד־מענטש.

דעם פויערס אַרבעט איז אַ שווייסיקע, אַ פאַרעקשנטע, און עס איז דאָ מיט וועמען זיך צו פאַרמעסטן. די ערד איז האַרט, פאַרוואַקסן, דער וואַלד — געדיכט, ניט דורכצוגיין און די בערג, הויכע, רייסן זיך אַ קאָפּל איבער אַ קאָפּל, מאַכן קירצער דעם טאָג.

צווישן פעלדער און וועלדער, וואו דאָס אויג פאַלט אויף מיילן, איז דער מענטש אומבאַהאָלפן, דערפילט זיך נישטיק מיט דער אַרומיקער רחבות, ווערט גלויביק, ווען ער אַרבעט האַנט אין האַנט מיט דער ערד, וועמעס לשון עס איז אים פרעמד.

---

אויף די קאַרשנביימער, וואָס זענען געוואַקסן קעגנאיבער דער וועראַנדע, זענען געהאָנגען לענגלעכע בייטלען. די בייטלען האָבן אויסגעזען ווי אייטערס געמאַכט פון שפּינוועבס.

מעש האָט זיך געכאַפּט, אַז איינער פון די בייטלען איז דורכגע־געסן, און דאָרט ווימלט מיט לעבן. טויזנטער קעפּלעך הויבן זיך, קנייטשן

זיך, איינס אויפן צווייטן, איינס אונטערן צווייטן. אַ פֿאַרפֿלאָנטערטער קנויל מיט קעפּלעך, וואָס קאָן יעדע רגע דורכרייסן דעם צעלעכערטן געוועב. פֿון דעם בלויזן געדאַנק, אַז די ווערעם קאָנען פֿאַרקריכן אין די צימערן, איז מעשן קאַלט געוואָרן. ער האָט איבערגעציילט אויף איין בוים איבער צוואָנציק אַזעלכע בייטלען, דערזען אַז איבערן שטאַם פֿון בוים קריכן בייכיקע לאַרוועס *), סאַמעטענע, פֿלישענע, און די ביי-כער קנייטשן זיך, פֿינקלען מיט קאָלירטע אייגעלעך.

— פֿאַ, זיי קריכן דאָך אויך — האָט מעשס זעקס-יעריקע יינגעלע געוויזן דעם פֿאָטער אויף די טרעפּלעך — צווי, דריי, זע נאָר וויפֿיל, פֿאַ!

מעש האָט אַרויסגענומען פֿון שייער אַ בלעך מיט סמאָלע, אָנגע-שמירט אַ ברייטן פּאַס, די לאַרוועס זאָלן ניט קאָנען דורכגיין, און אַ ביי-געריקער זיך געזעצט מיטן יינגל קוקן, וואָס דאָ וועט זיין.

די שלענגלעך האָבן זיך גערוקט שורותווייז. די פּלושענע און סאַ-מעטענע בייכער, אויסגעזעצט מיט געלע, גרינע אין שוואַרצע אויגעלעך, האָבן געפֿינקלט אַנטקעגן דער זון, זיך איבערגעגאָסן פֿון איין קאָליר אין דעם צווייטן. אַז די שלענגעלעך זענען צוגעקומען צו דעם פּאַס און אַ צוויי-דריי זענען געבליבן שטעקן אין דער סמאָלע, האָבן די איבעריקע זיך אָפּגעשטעלט, געשטאַנען אַ ווײַלע מיט פֿאַריסענע קעפּלעך און זיך אייניציקווייז גענומען אויסדרייען.

דער עקל צום וואָרעם איז ניט געוואָרן. מעש איז ביי זיך געפֿאַלן, ניט געוואוסט, וואָס איז דער יחוס מיטן מענטשן. זיין בחורל האָט ביז אַ יאָר ניט געוואוסט, וואָס אזוינס איז געפּאַר, און דאָ איז אַ שלענגעלע אַלט אַ טאָג, און ווי פֿאַרזיכטיק עס איז!...

דאָס זעקס-יאָריק בחורל איז שוין ניט געווען אַרום, געשפּרונגען אין די הויכע גראָזן, זיך אויסגעטענהט מיט טאַטלס צווי קעץ, וואָס האָבן זיך געוואַרעמט אויף דער זון, און אַז עס איז אים דערעסן געוואָרן האָט ער זיך געזעצט רייטן אויף אַ שטעקן און דאָס האַלץ האָט באַ-קומען לשון.

*) לאַרוועס — גוסיעניצעס

אין דעם גראָז, וואו מעש איז געזעסן, האָט עפּעס אַ פּאָל גע־טון. ער האָט זיך אויפגעהויבן. שלענגלעך האָבן זיך געשאַרט איבערן בוים, זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די צווײַגן, אַריבערגעפאַלן דעם פּאַס מיט סמאָלע, וואָס מעש האָט אָנגעשמירט.

דאָס קאָלטע, דאָס גליטשיקע אין די שלענגעלעך, וואָס איז מעשן געווען דערווידער, איז פאַרשוואונדן. ער האָט געזומען אַ לאַר־ווע אויף דער האַנט־פּלאַך, געזוכט צווישן די פינטעלעך די אויגן און ניט געקאָנט שלום מאַכן, אַז דאָס ווייכע שלענגל, וואָס לעבט אַ טאָג צוויי, זאָל אים, דעם מענטש, קאָנען אָפּטון אַ שפּיצל.

— די ווערעם עסן אויף די קאַרשן — איז מיסעס טאָטל אונ־טערגעקומען מיט אַ בלעך נאַפט. — איר זעט ווי די בלעטער זענען אָרומגעריסן?

— קאָן מען דאָס ניט פאַרהיטן?

— מען דאַרף וויסן, ווי אַזוי אַרומצוגיין מיט די ביימער. פון אונזער באַלעבאָסטע האָט אַלץ פאַרלאָזט.

— ווען קומען זיי שוין אַרויס?

— בעסער זי זאָל אינגאַנצן ניט קומען!

— פאַרוואָס?

— אַזאַ שלעכטס ווי אונזער באַלעבאָסטע, מיסטער מעש, איז צו זוכן!

בשעת זי האָט גערעדט, האָט טאָטל אַרומגעדרייט מיט אַ דראָט אַ שטיק וואַטע אַרום אַ דראָנג. ער האָט איינגעטונקט די וואַטע אין נאַפט, זי אָנגעצונדן, זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ בוים און גענומען ברענען די נעסטן.

אין דער שטילער לופט האָט זיך דערהערט אַ שיפּן. דער פלאַם האָט אַרומגעכאַפּט איין נעסט נאָך דעם אַנדערן. טויזנטער שלענגלעך האָבן זיך געקאָרטשעט אין פייער, געפאַלן אין גראָז אַריין און אין דער שטילקייט איז געשטאַנען אַ טעמפּער סווישטש. דאָס „שטאָטיש מיידל" האָט די שלענגלעך באַגאָסן מיט נאַפט און געזען, אַז קיין איינס זאָל זיך ניט אויסדרייען פון אירע קליינע שאַרפע אויגן.

די צווײ קעץ, וואָס האָבן טעג פאַרבראַכט אין פעלד, זיך אַלײן דערנערט, זענען געשטאַנען מיט אויפגעטורעמטע רוקנס. זײ האָבן קונ־ציק געדרײט מיט די אױפגעשטעלטע עקן, זײ געבויגן ווי לעבעדיקע באַשעפעניש‏ן, וואָס האָבן קײן שײכות ניט מיט די קעץ.

מעשׂ האָט זיך אָפּגערוקט, געוואָלט זײן וואָס ווײטער פון דעם פײכטן גליטשיקן ריח, וואָס האָט געגודיעט. דער ריח האָט אים אָבער שוין געהאַט דורכגענומען, זיך געטראָגן פון די קלײדער, פון די הענט. אַלץ איז געווען דורכגעזאַפּט מיט עפּעס, וואָס איז געווען דער־ווידער, פון וואָס ער האָט געוואָלט אַנטלויפן.

ער איז אַרײן אין שטוב, זיך ניט געקאָנט קײן ווינקל געפונען. דאָס ווײב האָט אים דערזען און זיך כּלומרשט אַ בײזער געטון:

— מען דאַרף האָבן אַ האַרץ צוצוקוקן ווי דער גוי ברענט די ווערעם.

ער האָט ניט געענטפערט, ארויס מיט אַ זײטיקער טיר און זיך פאַרקליבן הינטער אַ בוש. דאָס ײנגל האָט אים אויפגעזוכט, זיך צו־געזעצט:

— טאַטע איז אַ שלעכטער!

— פאַרוואָס, זונדעלע?

— ער האָט פאַרברענט אַלע שלענגלעך!

— דו ביסט אויך אַ שלעכטער!

— איך?

— יאָ, זונדעלע. כאַפּסט אַ פליג און רײַסט איר אָפּ די פליגע־לעך. ס'איז אַ זינד.

— גאָט וועט מיך שטראָפן?

מעשׂ האָט זיך אויסגעצויגן, געקוקט אין דעם קינדס ברוינע אויגן, וואָס זענען געווען ענלעך אויף זײנע, און די פרײד, וואָס איז ניט געוואָרן האָט זיך ערגעץ ווײט גענומען קײקלען, זיך געהויבן איבער אים ווי אַ שלײער.

זומערפויגעלעך האָבן געפלאַטערט אנטקעגן דער צעפלאַמטער זון. דאָס ײנגל האָט געכאַפּט דעם פאָטערס קאַפּעלוש און זיך געלאָזט מיטן פעלד.

מיסעס מעש, נאָך גאָר אַ יונגע, אַ בלאָנדע, אויגן גרויע, קינ־דישע, האָט זיך געיאָגט מיט איר זעקס יאָריקן בחורל, און זייער געלעכטער האָט געהילכט אין דער בלויקייט.

אַ ליכטיקייט האָט זיך געשפרייט אַרום מעשן, געקומען פון די גרינע צווייגן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער שטילער, דורכזיכטיקער לופט, זיך קיין ריר ניט געטאָן און די געשניצטע בלעטער האָבן זיך געצייכנט אין דער בלויקייט, ווי אוזאָרן פון איידעלן פיליגרין. דער בוים האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט צו זיין אַ שטיק האָלץ, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַשעפעניש, וואו לייבער, בויגיקע, האָבן זיך געצויגן איבער מעשן, געוואַרעמט די אויגן־לעפלעך, און בלויע רייפן האָבן זיך געטראָגן פון די פעלדער, פון די בערג.

און אַז דאָס ווייב אין ווייסן מיטן גאָלדענעם קעפל האָר, מיט די גרויע אויגן, וואָס האָבן געהאַט אין זיך עפעס פון אַ קליין שפי־לעוודיק קעצל, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן אים מיט אַ פלאַטער, האָט אַזאַ פיינלעכע פרייד זיך אַ גאָס געטאָן איבער זיינע גלידער, געקומען פון דער רחבות מיט אַזאַ בלינדער גבורה, אַז דער מות, אַ פאַרגאָסענער, האָט זיך צעוויגט, ניט געוואָרן אין דעם איינזילביקן גע־זאַנג וואָס אַרום.

---

טעג זיינען געשטאַנען לאַנגע, זוניקע.

זעלטן ווען אַ מענטש האָט דאָ באַאַרבעט די שטיינערנע ערד. מען האָט געטריבן סמאָלע אין די וועלדער, געהאָדעוועט בהמות אין טאָל, געוואַקסן, ווי די פרוכט־בוימער, מער אין דער ברייט ווי אין דער הויך, און געלעבט אָן זאָרג, מיט אַלע חושים.

מעש און זיין קליינע משפחה זענען פון טאָג צו טאָג מען אַריינ־געצויגן געוואָרן אין דעם רוהיקן לעבן, ליב געקראָגן די פוילקייט, וואָס איז געקראָכן אין די ביינער, און די ערד האָט געצויגן, גע־שמעקט מיט געשניטן היי.

די אַרומיקע שטילקייט האָט מיטגעבראַכט מיט זיך בוימער־לשון, איז מעש, דאָס ווייב, צוריק קינדיש געוואָרן, געשטאַנען מיט זייער

בחורל, זיך אויסגעטענהט מיט די באַשאָטענע שטענגלעך, זיך איינגע־הערט ווי די פוילע, זאַפטיקע יאַגדעס בעטן זיך — רייס מיך כ׳בי־שוין פון נעכטן צייטיק, זע ווי די זון האָט מיך דורכגענומען — און די פינגער, קלעפּיקע, פליען פון שטענגל צו שטענגל. די פוילקייט זשומעט אין יעדן גליד, באַרוהיקט, און דער מענטש, אויסגעטאָן פון יעדער רשעות, ווערט איינס מיט דער ערד, מיט די פלאַנצן, מיט די פליגעלעך.

אַ באַהאַלטענע פרייד, די פרייד צו אַ מענטשן, ווען מען איז לאַנג פון אַ ישוב, האָט זיך אַוועק געטאָן אין מענטשן. ער, דאָס ווייב דאָס קליין ייִנגעלע, אַלע האָבן באַגעגנט די באַלעבאָסטע מיט אירע צוויי טעכטער, וואָס זענען אָנגעקומען פון שטאָט, זיי מכבד געווען מיט קאַלטער מילך, מיט ברויט און פּוטער, מיט געקאָכטע יאַגדעס.

מעש האָט זיך געדרייט צווישן די געסט, געהאָלפן עפּענען דאָס געפּעק, און אַליין ניט געוואוסט, פאַרוואָס ער לאַכט אויפן קוק.

— זאָגט איר, אַז אין שטאָדט איז הייס? און דאָ איז ביינאַכט קאַלט, מען מוז זיך צודעקן מיט צוויי קאָלדרעס!

— ווי הייסטו? — האָבן די מיידלעך זיך אַרומגעכאַפּט מיט ייִנגעלע.

— הערשעלע.

— און אויף ענגליש?

— אויך הערשעלע.

— דאָס ייִדיש רעדן וועט אים שפּעטער זיין אין וועג. שטערן צו האָבן אַ ריינע אויסשפּראַך אין ענגליש — האָט די עלטערע אַ זאָג געטאָן צו מעשן מיט אַ טאָן פון אַ לערערין.

— און דאָס ענגליש רעדן מאַכט קאַליע זיין ייִדיש — האָט מעש געשמייכלט.

— אַן אומגליק! — האָט די באַלעבאָסטע צונויפגעצויגן די דאַרע ליפּן — ער וועט סיי־ווי־סיי ניט רעדן קיין ייִדיש! די „גרינהאָרנס" ווילן ניט רעדן. וועט אַן אַמעריקאַנער רעדן?

— ביי מיר וועט ער רעדן ייִדיש — האָט מעש אָנגעקוואָלן פון די מיידלעך, סתם אַזוי.

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז די עלטערע קוקט ניט גלייך אין פּנים אַריין, ווען זי רעדט מיט אימיצן. אויגן האָט זי ברוינע, גרויסע, גיסן

זיך צונויף מיט די געדיכטע קאַשטאַן־האָר. די ייִנגערע — אַ דינע, אַ דורכזיכטיקע, מיט אַ שוואַרץ אַרומגעשוירין קעפל, ווי ביי אַ ייִנגל. די נאָז אַ דאַרע, אַ לענגלעכע, גיט צו דעם פּנים אַ פויגלשע בייזקייט.

די באַלעבאָסטע, אַ טרוקענע, אַ רירעוודיקע, האָט אַרויסגעצויגן איבערן קלייד אַ פּאָר ברייטע, לייוונטענע „איבערהויזן", אָנגעטאָן אַ שטרויענעם קאַפּעלוש מיט אַ ברייטן ראַנד, אַז מען האָט דאָס פּנים ניט אַרויסגעזען און, ווי אַ סטראַשידלע איבערצושרעקן פויגל, האָט זי זיך געלאָזט איבערן הויף, געטריבן די הינער פון די בייטן, פון דערוויטנס זיך פאַרמאָסטן מיט אַ צווייגל אויף טאָטלס חזירים, וואָס האָבן זיך געגראָבן אין דעם באַרג מיט בהמהשע מיסט.

— אַ טפו זאָלט איר ווערן!

די מיידלעך, איבערגעטאָנענע אין „ניקערס", זענען ערגעץ פאַר־שוואונדן מיט די קעץ, און אין דער העלקייט פון טאָג האָט געגרילצט דער באַלעבאָסטעס שלעכטער ענגליש:

— אַ הונט, אַ גוי, גיב אים אַ דירה, גיב אים באַהייצונג... און ס'הייַ האָט ער ניט געקאָנט אַראָפּנעמען! חזירים וועט ער מיר האָ האָדעווען? כ'וועל אים דורכטרייבן!

— מיט וועמען רעדט זי, מאַ?

— מיט זיך אַליין, זונדעלע.

זי איז געלאָפן פון שייער אין די שטאַלן, געזען וואו מען דאַרף צוקלאַפּן אַ ברעטל, געליטן, וואָס דער הונט אַ פרעמדער, רייסט זיך אויף איר, לאָזט זי נישט צו צום הינער־שטאַל, וואו די הינער, ווייסע, מיט פולע רוקנס האָבן זיך געטולעט צו דער וואַנט ווי פאַר אַ שטורם.

איצט ערשט האָט מיסעס מעש דערפילט, אַז זי מיטן מאַן זענען מער נישט אַליין. די קליינע ווערענדע איז צעטיילט געוואָרן געוואָרן אויף צווייען. די מיידלעך האָבן די גאַנצע צייט צו איר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, געזעסן אָנגעבלאָזענע, און זי האָט אַ זאָג געטאָן צום מאַן:

— זיי הויבן מיר נישט אָן צו געפעלן!

— פאַרוואָס?

— האָסט געזען ווי די ייִנגערע האָט זיך געקרימט, ווען מיר האָבן גערעדט ייִדיש?

וואָס דיר פֿאַלט אַלץ איין!

די אַרומיקע רחבות האָט זיך מיט אַמאָל איינגעקאָרטשעט, צו קליין געוואָרן פֿאַרן אייגענעם לײַב, און מעש האָט זיך געערגערט, וואָס דער רשע אין מענטש זעט זיך בולטער אַרויס צווישן פֿלאַנצן, פֿאַרמיאוסט זיי.

---

טאָטל מיטן ווייב זענען געזעסן אין שייער, צוגעלאָזט ס׳ביקל צו אַ יונגער קו. זיי זענען געשטאַנען באַזאָרגטע, ערנסטע, און כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אַז ס׳דאַרף אַזוי זיין, אַלע טוען עס — די ערד, די בהמה און אפילו דער מענטש — האָבן זיי פונדעסטוועגן אויסגעמיטן איינער דעם צווייטנס בליק.

— איר האָט זיך שוין ווידער צעווערטלט מיט דער באַלעבאָסטע?

— האָט מעש זיי אַרויסגענומען פון אַ פֿאַרלעגנהייט.

— זי לאָזט נישט לעבן!

— וואָס שוין ווידער?

— זי וויל מיר זאָלן איר פֿאַרקויפן מילך מיט אַ סענט ביליקער ווי אייך!

— אַזאַ קאַרגע לײַדי האָב איך נאָך נישט געזען! — האָט טאָטל אויסגעשפּיגן אַ פּלאַסטער קיי־טאַבאַק. — האַלט פעסט אַ סענט, לאָזט אים פון דער האַנט נישט אַרויס, מעג זיך דער אינדיאַנער צעווייגן מיט טרערן!

די באַלעבאָסטע איז אָנגעלאָפן, דערזען דעם ביק אויף די היב־טערשטע פיס, איז איר ס׳לשון אָפּגענומען געוואָרן, קוים געפונען צו־ריק די טיר און פֿאַרשטעלט די טעכטער דעם וועג:

— גייט נישט קינדער, גייט נישט!

— וואָס איז, מאַמע? — האָבן הי מיידלעך זיך אַ בויג געטאָן צום שייער.

— דאָס האָט קיין בושה נישט, טאָטל מיטן ווייב. ערגער פון בהמות! און דער „גרינהאָרן" האָט קיין אַנדער אַרבייט נישט ווי שטיין און קוקן!

אַרום הויז איז נישט געווען מיט וואָס צו עטעמען.

וואו מען האָט זיך געדרייט — אין פעלד, אין וואַלד — אומעטום איז אויסגעוואַקסן די באַוואַקסענע אין דעם גרויסן קאַפּעלוש, ווי אַ סטראַשידלע, געקאָנט נאָכגיין טעג אירע צוויי הינער, געוואָלט וויסן, וואו זיי לייגן זיך.

אויף דער וועראַנדע, הינטער די פענסטער, בייטאָג, ביינאַכט האָבן זיך געדרייט יוגען, כמעט אַלע גוים, געקומען צו די מיידלעך חברהווייז, נישט אָפּגעטראָטן, ווי הינט פון אַ צויג.

זעש מיטן ווייב זענען אַרומגעגאַנגען ציטומלטע, נישט געוואוסט וואָס ס'איז מיט אַמאָל געוואָרען. דאַכט זיך אַלץ דאָס זעלבע: די זעלבע ערד, די זעלבע פלאַנצן, די זעלבע ליכטיקע טעג — און די גייסט אַרום אַן אָנגעכמורעטער, זעסט קיין זאַך נישט, בלאָזט זיך און אַלץ דערפאַר, וואָס עפּעס אַ מכשפה מיט צוויי טעכטער שטייען דיר אין וועג, פאַרשטעלן די שיין.

דאָס יינגעלע איז צוגעקומען אַ ברוגזער·

— די מיידלעך לאַכן פון מיר.

— פאַרוואָס, זונדעלע?

— זיי זאָגן, אַז כ'בין אַ „גרינהאָרן", אַז אַן אַמעריקאַנער יינגל הייסט נישט הערשעלע!

— לאָזן זיי זאָגן. וואָס אַרט דיך?

— כ'וויל נישט!

— טאָ גיי נישט צו זיי! — האָט דער פאָטער זיך אַריינגעמישט.

— וואָס שרייסטו נאָך אויף דעם קינד? — האָט מיסעס מעש אויסגעלאָזט דעם כעס אויפן מאַן. — שריי אויף די מוידן!

מעש האָט גענומען שפּרייזן איבער דער ווערענדע, געשטערט די שקצים, וואָס זענען געזעסן אויף די טרעפּלעך, גענומען רעדן אויפן קול, און אַז ער האָט זיך אַנטשולדיט פאַר אַ שייגעץ, איז דוקא אויף יידיש, הנאה געהאַט, וואָס די מיידלעך ווערן בלוי פון כעס, שטיקן זיך מיט דער

אייגענער רשעות און בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי ס'נעמט זיך אַזאַ שנאה צו יידיש.

די באַלעבאָסטע איז אָנגעלאָפן אין דעם שטרויענעם קאַפּעלוש, ווען מיסעס מעש האָט אָנגעפּלומפּעוועט אַן עמער וואַסער.

— זייט שפּאָרזאַם מיטן וואַסער. אַ טרוקן יאָר. און אָן וואַסער וועט איר דאַרפן איינפּאַקן די זאַכן און פאָרן אין שטאָט אַריין!

— און איר אויך! — האָבן די אויגן ביי מיסעס מעש זיך צע־פינקעלט.

— איך וועל זיך שוין אַן עצה טאָן!

— איך אויך!

די עלטערע טאָכטער האָט אַ שלעפּ געטאָן די מוטער.

זי איז אָנגעלאָפן אויף הערשעלען, וואָס איז געריטן אויפן פּאָ־רענטש פון דער וועראַנדע.

— זאָג דיין טאַטן, אַז דעם פּאָרענטש האָב איך אים נישט פאַר־דונגען!

מעש האָט קוים איינגעשטילט דאָס ווייב, זיך געבעטן ביי איר:

— זעסט דאָך, אַז זי איז אַ כּלבטע! אויב זיך יאָ קריגן, דאַרף מען היינט אַוועקפאָרן פון דאַנען!

— ס'איז סיי־ווי־סיי נישטאָ מיט וואָס צו עטעמען — האָט מיסעס מעש געבלעזלט מיט די ליפּן.

מעש האָט צוגעטולעט צו זיך ס'ייִנגעלע און נאָך אַלץ נישט גע־וואוסט וואָס דאָ קומט פאָר. זיצט אַ מענטש אויף אַ זומער־וואוינונג און פירט מלחמה מיט אַ מכשפה. קיין זאַך גייט אים נישט איין. די ערד, דער וואַלד, די לאָנקעס — אומעטום האָט זיך פאַרקליבן די מענטשלעכע קללה, לאָזט אים ניט אָפּ אויף אַ רגע. בייטאָג, ביינאַכט, וואו ער זאָל נישט גיין, שטייט דאָס פאַרזעעניש אין דעם ברייטן שטרויענעם קאַפּעלוש, היט יעדן טראָט זיינעם, און מעשן איז איינ־געפאַלן, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען אַזאַ מכשפה אונטערצו־צינדן.

די וועראַנדע איז געוואָרען קלענער, די מענטשן צונויפגעפּרעסט, אַ פּנים צו אַ פּנים, ווי אָנגעבלאָזענע הענער. די רשעות, אַ צעקרימטע, איז געלעגן אין די אויגן, אויף די געשפּיצטע נעז, נישט געוואָלט

ארויס פון די דלת אמות, און מעש האָט זיך געהאַלטן אין איין חדושן, ווי נעמט זיך צום מענטש אַזוי פיל שלעכטס.

אַ קו האָט זיך ערגעץ צעמעקעט. דאָס מעקן האָט זיך געצויגן לאַנג און אומגעהויערעריש, דערציילט וועגן טויט.

מעש האָט צעעפנט דעם סוועטער, אַריינגענומען הערשעלען און אָנגעהויבן שטיל, ווי פאַר זיך:

— אַמאָל, גאָר אַמאָל, ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט לילית געבוירן סמאלן אַ יינגעלע. סמאל איז געקומען מיטן יינגעלע צו חוהן און געזאָגט:

— חוה, כ׳דאַרף גיין אין אַ ווייטן וועג. לאָז מיין יינגעלע בלייבן מיט דיר.

— גוט, פעטער סמאל — האָט חוה געענטפערט.

אַז סמאל איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ס׳יינגעלע זיך צעוויינט, גע־בענקט אַהיים צו זיין מאַמען, צו ליליתן.

אָדם איז נישט געווען אין דער היים, געגאַנגען אין וואַלד אַריין אויף געיעג. אַז ער איז אַהיים געקומען אַ הונגעריקער און דער־זען דאָס פאַרוויינטע יינגל, האָט ער זיך געפרעגט ביים ווייב:

— ווער וויינט עס דאָרט, חוה?

— ס׳איז דאָך דעם פעטער סמאָלס יינגל!

— פאַרשטופּ אים ס׳מויל, חוה, און מאַך עפּעס צו עסן!

— האָסטו עפּעס געפאַנגען?

— גאָרנישט, חוה.

— אפשר גאָר אָפּבראָטן דעם יונג, וועט זיין אַביסל ווייניקער שלעכטס אויף דער וועלט. וואָס זאָגסטו אדם?

— טו וואָס דו ווילסט, חוה, אַבי מאַך עפּעס צו עסן.

חוה האָט אַ כאַפּ געטאָן ס׳יינגל, אים אָפּגעבראָטן אויפן פייער און זיך געזעצט מיט אָדמען עסן. זיי האָבן אים אויפגעגעסן מיט די ביינדלעך און זיך געלייגט שלאָפן.

פאַרנאַכט איז דער פעטער סמאל אָנגעקומען:

— וואו איז מיין יונג, חוה?

— וואָס פאַר אַ יונג?

— טרייבסט שפּאַס פון אַ פעטער, חוה?

— כ׳טרייב קיין שפּאַס נישט!

— דעם יונג, וואָס כ׳האָב ביי דיר היינט פרי איבערגעלאָזט?

— כ׳ווייס פון גאָרנישט.

אדם האָט אין שלאָף ברייט צעעפנט ס׳מויל און אַן אומגעהויער־ריש קול, דעם יינגלס קול, האָט זיך געטראָגן איבער דער הייל:

— טאַטע, גיי אַהיים און זאָג דער מאַמען, זי זאָל נישט וויינען. זאָג איר, אַז כ׳זיץ שוין אין מענטש. דאָס שלעכטס זיצט שוין אין מענטש, און דער מענטש וועט קיינמאָל פון מיר נישט פּטור ווערן.

1924

# יוסף קארו

די שוועסטער, אַ הויכע, אין אַ שוואַרץ שטערנטיכל ביז איבער די טונקל געוועלבטע ברעמען, האָט אים באַגעגנט אין די שטילע צי־מערן מיט די שווערע טאָפּעלע טירן.

זיי האָבן זיך נישט באַגריסט, געשטאַנען געבויגענע איבער אַ ליידיקן חלל, און אַז עס איז מער ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען, האָט די שוועסטער פאַרבראָכן די הענט און לייכט געשטעלט די לאַנ־גע, דינע פיס. אירע ווייסע זאָקן האָבן אָפּירגעבלענדט פון אונטערן שוואַרצן קלייד, ווי דער בויג פון ווייסע פייגל־העלזער אין די „שבעה"־טריט האָבן זיך איינגעזאַפּט אין דעם האָריקן דיוואַן.

— ווען איז עס געשען? — האָט דער ברודער נישט אויפגעהויבן די אויגן און געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— היינט אַ וואָך, איז דער טאַטע, ווי זיין שטייגער, אַרויס אויפן באַלקאָן מנחה דאַווענען. ס׳מיליטער איז פונקט דעמאָלט אַריין אין שטאָדט, זיך געיאָגט נאָכן שונא. אויפן גאַס איז נישט געווען קיין לעבעדיקער נפש און דאָ שטייט דער טאַטע אויפן באַלקאָן, זיין רויטע פאַטשיילע שטעקט אין גאַרטל און ער דאַוונט מיט דבקות... דאָס איז געווען געצנוג. מען האָט דעם טאַטן אין, מיטן דאַוונען אַראָפּגענומען פון באַלקאָן... די שטאָט איז געלאָפן, געוואָלט געבן לעבעדיקע משכנות, קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן...

— און דער טאַטע?

— דער טאַטע האָט געשוויגן, זיך בלויז געבעטן ביי קהל, מען זאָל נישט איינלייגן פאַר אים קיין לעבעדיקע משכנות. באַדויערט, וואָס ער לאָזט ניט איבער קיין קדיש, וואָס מיט אים ענדיקן זיך פינף הונדערט יאָר רבנות... מיר האָבן נישט געוואוסט, יוסף, צי דו לעבסט. זעקס יאָר ווי דו שלעפּסט זיך אַרום אין אויסלאַנד, ביזט אַוועק אין

שלעכטע דרכים, דערווייל האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און מען זעט ניט און מען הערט ניט.

— און דער טאַטע?

— דער טאַטע איז אומגעקומען ווי אַ קדוש!

ברודער־שוועסטער האָבן זיך אויסגעגלייכט, געוואָרן העכער און זייערע גרויסע טונקעלע אויגן האָבן זיך אַ צינד געטאָן.

די שוועסטער האָט שטום געבראָכן די לאַנגע פינגער, צוריק באַהאַלטען די גרויסע אויגן הינטער די שפּיצלעך פון שטערנטיכל און זיך געבעטן ביים ברודער:

— יוסף, אונזער טאַטע האָט עס פאַרדינט. גיי און שול אַריין קדיש זאָגן און קום צוריק זיצן „שבעה".

ער האָט געקוקט אויף דער שוועסטערס ווייסע זאָקן און גאָרניט געענטפערט. די טאָפּלטע טיר האָט זיך טעמפּ פאַרמאַכט נאָך אים און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די שוועסטער האָט אַ לאָמבאַרד. איר מאַן, דער מקובל, פּראַוועט התבודדות און די שטאָט איז מקנא דער שוועס־טער, וואָס זי האָט אַזאַ איידעלע פּרנסה.

ער איז אַרויס הינטער דער שטאָט, זיך געלאָזט מיט די פעל־דער, וואו שטעכיקע זאַנגען־שטאָפּסלען האָבן פאַרשטאַרקט די גרויקייט.

אַ ווינט־מיל מיט אַ מאָכיק היטל האָט געדרימלט אויף אַ בערגל. די פליגל, אָנגעשטעלט ווי אַ צלם, זענען געווען באַפּוצט מיט יאַלאָוויץ בוימלעך, דערציילט, אַז ס'פּוילישע מיליטער האָט פאַרטריבן פון שטאָט דעם שונא.

יוסף איז געגאַנגען צום בית עולם. — הויכער, אַ דינער, באַ־וועגלעך, ווען ער האָט אַפילו געדוט, מיט אַזאַ איידלקייט אין דעם מאַטן פּנים, וואו גרויסע טונקעלע אויגן האָבן געקוקט מיט חכמה און שטילן צער.

פלייצעס שמאָלע, גאָר שמאָלע און אין יעדן בויג איז געווען אַ זיכערקייט, די רוהיקייט, פון אַ פוך־פעדערל, וואָס וויגט זיך צווישן ווינטן. יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט האָבן די קאָרוס געצערט דעם גוף, אים אָפּגעוויינט פון עסן, געזען ער זאָל ווערן דין און בויגיק ווי אַ פייל, האָט דער גוף, אַזאַ לייכטער, אַזאַ לופטיקער, געלאַכט פון ווינט, געלאַכט פון שטורם און זיך געטראָגן פון לאַנד צו לאַנד.

יוסף איז געשטאַנען ביי די קברים — אָפּגעריבענע מצבות פון איבער צוויי הונדערט יאָר. דעם עלטער־עלטער זיידן, אַן אור־אייניקל פון ר׳ יוסף קארו, האָט מען אַראָפּגעבראַכט נאָך פוילן. ער האָט קוים זיך געקענט צונויפרעדן מיט קהל, זיך געלערנט יידיש פון דער באָבעס „צאינה וראינה״. שטרענגע רבנים געווען די קארוס, און דער זיידע, דער מחבר פון „שלחן ערוך״, האָט זיך ניט געהאַט מיט וואָס צו שעמען. זיין „משניות״ איז איבערגעגאַנגען פון קינד צו קינד. אויפן שער־בלאַט איז געשטאַנען מיט רש״י אותיות:

„... עס ווייניק, טרינק ווייניק, ווער קיינמאָל נישט אין כעס, האַלט זיך נישט גרויס, הערסט לשון־הרע — קוועטש צענויף די ליפּן ווי מילשטיינער, ווי לאַנג ביזט געזונט — היט זיך אויס אַ מענטש זאָל דיך באַדינען, דער קנעכט איז אויך באַשאַפן געוואָרן אין „צלם אלהים״. נישטאָ קיין גרעסערע מצוה, ווי אומצוקומען אויף קדוש־השם״.

דאָס טיפע בענקעניש אומצוקומען אויף קדוש־השם איז געבוירן געוואָרן ביי זיינעם אַ זיידן אין צפת, געלעבט מיט דער האָפנונג, אַז גאָט וועט עס אים צוליב טאָן. ער, דער מחבר פון „שלחן־ערוך״, קען נישט דורכלאָזן קיין איינע פון די זעקס הונדערט און דרייצן מצוות! און דער מלאך, וואָס איז אים געקומען צו חלום, האָט אים פאַרזיכערט, אַז זיין פאַרלאַנג וועט מקוים ווערן — איז עס מקוים געוואָרן אין פוילן מיט פיער הונדערט יאָר שפּעטער.

אַ רויש איז דורך איבערן אַלטן בית עולם. אַ ווינט האָט אַ הויב געטאָן די געלע בלעטער פון צווישן די ביימער, זיי אַ שליידער געטאָן אָן די מצבות און אַן אָפּקלאַנג, ווי פון גלאָז, איז געשטאַנען אין דעם שטילן, בלויען פאַרנאַכט.

ערגעץ ווייט איז געבוירן געוואָרן אַן אויסגעוויטאָגטער געדאַנק. ס׳איז געווען ר׳ יוסף קארו זאָל צומאַכן די אויגן און זיין חבר, דער „מגיד״, זאָל בעמען אַרויסרעדן פון אים, אַרויסזינגען, אַז די אַרומיקע זענען פון שרעק געפאַלן אויף די פנימער און דערפילט די גרויסע פרייד פון „קדוש־השם״. דער געדאַנק, אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער, איז געווען גע־ונד, זיך געטראָגן איבער דער וועלט

ווי די משפחה, וואָס האָט אים געבוירן און נאָך פיר הונדערט יאָר האָט דער געדאַנק באַקומען זיין „תיקון״ אויף אַ בית־עולם פון אַ פאַרוואָרפן פויליש שטעטל.

ס׳איז געוואָרן טונקעלער. צווישן די בלעטער האָט זיך עפּעס אַ שאַר געטאָן.

דער גרעבער, אַ געבויגענער זקן, האָט געפירט אַ ציג, גע־שטעלט דראָבנע טריט, פאַרבייגעגאַנגען דעם יונגענמאַן, וואָס איז גע־שטאַנעןביים רבס קבר און זיך געכאַפּט.

— יוספל? יוספל דעם רבס?

— יאָ, ר׳ שמחה.

— אַן אבל גיט מען קיין שלום נישט! ס׳יונגוואַרג אַנטלויפט, און דו, יוספל, ביזט צוריק געקומען! נישט גוט! נישט גוט!

די ציג מיטן פולן אייטער איז ניט איינגעשטאַנען, געשלעפּט דעם זקן.

— וואַרט, יוספל, כ׳וועל נאָר אַריינפירן די ציג!

יוסף האָט נישט געוואַרט. ער איז אַרויס פון בית־עולם. הינטערן בית־עולם האָט זיך געזעצט די זון אַ בלוטיקע. אין שטאָט־גאָרטן האָט געשפּילט דער מיליטערישער אָרקעסטער, דערציילט, אַז דער שונא איז פאַרטריבן.

יוסף איז געשטאַנען אויף אַ בערגל, זיין שמאָלער גוף האָט זיך געצויגן אין דער פאַרנאַכטיקער בלויקייט ווי אַ פלאַנץ. אין טאָל איז געלעגן דאָס שטעטל, געהויקערטע דעכער איבער דעכער. אין יעדן שטיבל לעבט מען מיטן „שלחן ערוך״, ווי מען האָט געלעבט מיט הונדערט, מיט צוויי, מיט דריי הונדערט יאָר צוריק. קומט אום אַ ייד אויף „קדוש השם״ איז מען גוזר תענית — און פון דער רוי־טער מקוה, וואו ווייבער וואַשן די לייבער, ציען זיך שנירלעך רויך.

ער איז אַראָפּ פון בערגל, געגאַנגען צו דער באַן. איבערן שטעטל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט, געקראָגן מיט זיך דאָס געזאַנג פון מיליטערישן אָרקעסטער.

די גרויע לאָנקעס האָבן אַ ציטער געטאָן, איבערגעגאַנגען אין אַ שטיל געזאַנג, דער געזאַנג האָט זיך גע פֿלאָכטן אַרום יוספֿן ווי גע־וויקסן, ווי לעבעדיקע באַשעפֿענישן, פֿאַרטויבט זיין שטום געשריי, און ער, אַ דינער, אַ בויגיקער, אויסגעטאָן פֿון גשמיות, האָט געפֿלאַטערט איבער דער ערד, געגאַנגען אַנטקעגן דעם זיידן.

1924

# א גאון

נאָכן אָנבייסען האָט דער שרענסקער רב, ר׳ טוביה, זיך פאַר־מאַכט אין בית־דין שטוב, אַרויסגענומען לאַנגע בויגנס פאַפיר מיט רש״י־כתב און מיט אַ געניזענער פעדער זיך געזעצט שרייבן. די אותיות דראָבנע האָבן זיך צעשטעלט אין געוועלבטע שורות.

דעם רב איז קשה געווען, וואָס ביז דעם מלך חזקיהו איז קיין איין קראַנקער נישט געזונט געוואָרן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, לייכט געשפרייזט איבערן חדר, וואו אַרום און אַרום אויף די נישט־געהובלטע פאָליצעס זענען געווען צעשטעלט ספרים.

אָן אַ שיעור קעמערלעך האָבן זיך געעפנט ביים אַלטן רב אין מוח. איין גמרא האָט סותר געווען די צווייטע. זאָל עס הייסן, ווי דער אבן־עזרא זאָגט — אַז ביז חזקיהון האָט מען נאָר געקענט היילן אויסערלעכע קראַנקהייטן, ווי אַ צעבראָכענעם פוס, אַ האַנט, אָבער אי־נערלעכע האָט קיינער, אַ חוץ גאָט, ניט געקאָנט היילן? אַנדערש וואָלט דאָך זייער פלייש געמוזט זיין פון שטיין און זייערע לייבער פון קופער!

דער רב האָט זיך געמוטשעט. און אַז ער איז שוין פינף און צוואַנציק יאָר רב, האָט שוין צען מאָל געענדיקט ש״ס און אַז ס׳קומט צו אַ פסוק, צי אפילו צו אַ דרוש, דערפילט ער זיך אַזוי קליין, קאָן זיך קיין עצה ניט טאָן און זיין חבור ווערט פאַרנאַכלעסיקט.

ער גייט אין גאָטס דרכים, בעט זיך ביי אים, ער זאָל אויס־גלייכן די סתירות, וואָס לאָזן נישט קיין זיכערן טריט שטעלן און גאָט ענטפערט נישט.

אַנדערע לערנען, דאַוונען, טראָגן צופרידענע גאָטס יאָך, און דער אויבערשטער העלפט זיי. ער, ר׳ טוביה, הייבט זיך אויף מיט די בעסטע כוונות און ווי ער הויבט נאָר אָן צו זאָגן „מודי אני

לפניך״ — טוט אויף אַ רגע אַ טראַכט, ווער דער „אַ נ י״ מישטיינסגע־זאָגט איז און ווי גרויס און ווייט איז דער „ל פ נ י ך״ — דערפילט ער די אייגענע נישטיגקייט און פאַלט אַריין אין אַ טיפער עצבות...

וואָס איז ער, דער שרענסקער רב, אין פאַרגלייך מיט די גרויסע יידן, די גאונים, וואָס אין יעדן טראָט זייערן איז געווען גאָטס רצון?

דער רב האָט פאַרלייגט די הענט אויף אַהינטער און זיי אַריינגעשטעקט אין די לויזע אַרבל. ער האָט זיך צעוויגט איבער די פּאָליצעס מיט ספרים, זיי געבלעטערט אין געדאַנק. דער מוח האָט זיך געהויבן איבער די אותיות, העכער, העכער, זיך געגעסן, אַז נישט אַזוי דאַרף מען זאָגן אַ בלאַט גמרא און אויב ער געזאָגט שוין יאָ, פּלאָנ־טערן זיך בייזע מחשבות, רופן אַרויס דעם נישט־גוטן, וואָס פירט אַראָפּ פון דרך הישר.

ער האָט איבערגעוואָרפן זיינע חברים — רבנים און ווייטע און שכנישע שטעט. מיט וואָס פאַר אַ צופרידנקייט זיי באַגעגענען אים אַמאָל ביי אַ בוררות, צי אויף אַן אַסיפה? מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט מען פירט אָן מחלוקות? דאָס איז נישט די זיכערקייט פון די גאונים, דער כּוח פונם שטעלן אויף זיך — אַ מדרגה צו וועלכער יחידי־סגולה דערגרייכן. דאָס בריקעט אין זיי די זאַטקייט, וואָס האָט אינגאַנצן קיין מדרגה נישט.

די מחשבות האָבן ר׳ טוביהס שוואַכן גוף גיך אויסגעמאַטערט. דער רב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול ביים פיר־עקיקן טיש, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט ספרים און בויגנס פּאַפּיר. ער האָט געקוקט אויפן חבור מיט אויסגעלאָשענע אויגן, געזען, אַז זיין אַרבעט האָט קיין האַפט נישט. אַלץ ענדיקט זיך מיט אים, קיינער וועט די אַרבעט נישט פאָרטזעצן.

בויגנס מיט ווערטער, מיט ווערטער, אַ מלבוש אָן אַ גוף, וואָס נאַרט אָפּ, פאַרפירט, ווען אין אמתן גלאָצן די אותיות מיט ספקות.

און דאָס פאַרשוויגענע, דאָס נישט דערזאָגטע, וואָס לאָזט דעם שרענסקער רב קיין נאַכט נישט שלאָפן, דאָס וואָס מען טאָר אפשר פאַר די ליפּן נישט ברענגען — די אמתע נשמה — וואָס דאַרף אויסגלייכן

אַלע סתירות און פּאַר וועלכער ער, ר׳ טוביה, קען גאָר קיין כּלי נישט צוטראַכטן, ווי וועט דאָס אַהינקומען?

דער שרענסקער רב זיצט „על התורה ועל העבודה״ און איבער דער וואַנט, אויפן מאַרק דרייען זיך אַרום יידן מיט שטעקעלעך אין די הענט, מיט שטרויען אין די מיילער: מען שפּאַצירט שורות־ווייז, מען שטייט אין קופּקעס, שלום ושלוה. און די מוחות טראַכטן ווי נאָך אָפּצונאַרן, ווי אונטערצושטעלן דעם שכן אַ פּיסל, און די הייזער, די געשעפטן, דער גאַנצער, יידישער ישוב איז געבויט אויף קנאה־שנאה, אויף קריכן דעם שכן אין גרגרת. און דערצו איז מען צופרידן, מען גלעט זיך די בייכלעך, וואָס ר׳ טוביה זיצט איבער דער וואַנט אין בית־דין שטוב, נעמט צען רובל אַ וואָך שכירות, און לערנט, ווען ער, ר׳ טוביה, ווערט אויפגעגעסן פון ספקות!

דער אַלטער רב האָט זיך געקאָרטשעט אין זיין אייגענער הויל־קייט, געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ פּלעווע, וואָס דער קלענסטער הויך קען יעדע רגע פּאַרטראָגן. די איידעלע, אויסגעצערטע פינגער האָבן נערוועז געטונקען די גענזענע פעדער אין דעם שמאָלן העלזל פון דעם טינטער, און די אויגן האָבן אַריינגעקוקט אין אַ פאַנאַנדערגעוואָרפענער „הצפירה״.

די פינגער האָבן זיך באַפרייט פון דער פעדער און די אויגן זענען געלאָפן איבער די געדרוקטע אותיות. ער האָט שוין געהאַט אַריינגעלייענט אַ האַלבן מאמר איבער אַ בוך שירים, וואו מען האָט דעם מחבר אָנגערופן גאון.

די מידקייט איז ביים רב אַוועק. ער האָט מיטאַמאָל אויפגע־הערט לייענען און זיך נאָך אַמאָל איינגעקוקט אין דעם קעפל פון מאַמר — שלמה קאַלינע.

אַ ליכטיקייט האָט געשלאָגן אין מוח אַריין. דער רב האָט עפּעס געהערט, אַז שלמהלע שרייבט שירים, אָבער מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ גאון, פאַר איינעם פון די געציילטע מיט וועמען יידן דאַרפן שטאָל־צירן? זאָל דאָס זיין קאַלינעס זון, שלמהלע, וואָס איז געקומען צום פאָטער צו גאַסט און וועמען ער, דער רב, פלעגט אַרויסיאָגן פון בית־המדרש מיטן טיכל, ווען שלמהלע האָט נישט געלאָזט לערנען, זיך אַריינגעריסן מיט אַ חברה לאָבוסעס?

דער אַלטער רב האָט זיך יינגליש פֿאַרשעמט. פֿאַר די אויגן זענען געשטאַנען רב שרירא גאון, רב האי גאון, רב סעדיה גאון — אָט די גרויסע יידן, וועמעס טראָט איז געווען זיכער, געוואוסט, וואָס זיי טוען, ווּעמען גאָט האָט אויף אַ רגע נישט פֿאַרלאָזט און נישט די הייליקע ספֿרים, נאָר אפֿילו ערד, הימל, אַלץ איז ביי זיי געווען אַן אָפֿן בוך. די פֿרייד איז ביי ר׳ טוביהן געוואַקסן. ער האָט באַשלאָסן גלייך מקבל פּנים צו זיין שלמהלען, בעטן ביי אים מחילה, עפּעס אַ קליי־ניקייט — אַ גאון!

דער רב האָט אויף זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן די ריפּסענע קאַפּאָטע, דעם רבנישן קאַפּעלוש, גענומען דעם שטעקן און זיך געלאָזט אָן שמש אין גאַס אַריין.

ער האָט ניט באַמערקט ווי יידן קוקן אים נאָך. נישט געענט־פֿערט אויף באַגריסונגען, געשפּרייזט אַ באַוואַקסענער, אַ גרויער, דער שטעקן אויף אַ פֿריער, צוגעגרייט איין קשיה האַרבער פֿון דער צווייטער און געווען גליקלעך, וואָס סוף־כּל־סוף האָט גאָט זיך צוגעהערט צו אים. אַ זיכערקייט, אַז קאַלינע וועט אים אַרויספֿירן אויפֿן אמתן וועג, געבן די ריכטיקע תּשובֿה, האָט געשטראַלט אין אים. אַ גאונישער קאָפּ. אַי, אַי!

דער אַלטער קאַלינע, אַ תּבֿואה־סוחר, האָט אַן איבערראַשטער באַגעגנט דעם רב.

— גוט מאָרגן, שרענסקער רב!

— גוט יאָר. איז דיין שלמהלע דאָ אין שטוב?

— וואָס דאַרף דער רב פֿון אים?

— דעם אמת געזאָגט, דאַרף איך גאָרניט. נאָר אַז ס׳קומט צו פֿאָרן אין שטאָט אַריין אַ תּלמיד־חכם, דאַרף מען אים געבן שלום.

— איינמאָל אַ תּלמיד־חכם, — האָט דער פֿאָטער זיך אַ קרום גע־טאָן מיט בטול — ער מיינט דאָך, אַז די גאַנצע וועלט שטייט אויף זיינע שירים, און איך זאָג אייך, שרענסקער רב, אַז מען קאָן מיט אים גאָרנישט רעדן!

דער רב האָט נישט געענטפֿערט, קלוג געשמייכלט — וואָס ווייסט טאַקע קאַלינע, אַ פּשוטער בעל־הבית? ער האָט זיך געישובֿט, צי ער זאָל אים זאָגן ר׳ שלמה און אָנגעהויבן אין דריטן פֿערזאָן:

— שלום עליכם, אַן אָנגעזעענער גאַסט ביי אונז אין שטעטל!
— זיצט רב, וואָס מאַכט איר?

שלמהס קורצע קליידער, קיין סימן פון אַ באָרד, דער קאָפּ שוואַרצע האָר, וואָס איז געלעגן אין מיטן שטערן, טונקעלער געמאַכט די גרויסע אויגן — קיין זאַך האָט איצט דעם רב נישט איבעראַשט. ער האָט אָן הכנות אָנגעהויבן אַרויסצוזאָגן זיינע טענות, געוואָלט, אַז שלמהקע זאָל אויסגלייכן די סתירות, און די סתירות זענען געווען אויף טריט און שריט. דער שכל וויל נישט און קען נישט משיג זיין דעם סדר־העולם, וואָס איז פול מיט קשיות, וואָס אַז ווי לאַנג ער וועט נישט דערפילן אין דעם תהו ובהו גאָט, וועט ער, דער שרענסקער רב, אַרומגיין אין גרויס עצבות.

קאַלינע האָט באַלד זיך נישט געכאַפּט, וואָס דער רב רעדט צו אים, געהערט ווערטער און זיי ניט געקאָנט צונויפבינדן, און אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן שטויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער זיך אָנגערופן:

— אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט — — — אַייערע טענות, שרענסקער רב, זענען נייע פאַר מיר...

— איר לאַכט עס? — האָט דער רב געעפנט אַ פּאָר אויגן, און קאַלינע האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק און גענומען שטאַמלען.

— מיט אַן אמת, רב, איר האָט נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט נייע, אינטערעסאַנטע געדאַנקען, יעדנפאַלס פאַר מיר... מיט פילאָזאָפיע האָב איך זיך ווייניק אָפּגעגעבן...

דעם רבס גרויסע אויגן האָבן זיך גענומען לעשן, געקוקט אויף שלמהן און געטראַכט, צי דאָס איז אויך נישט איינע פון די סתירות, וואָס מען דאַרף פאַרענטפערן, און אַ טיפער טרויער האָט זיך גענומען וויקלען אַרום דעם אַלטן, אויסגעצערטן גוף.

1924

# דער גֶעצנדינער

אַ פּאַרטיע לאַנדמעסטערס האָבן דריי טעג געשניטן אַ וועג אין אַ געדיכטן וואַלד, וואו ס'האָט זעלטן פאַרבלאָנדזשעט אַ מענטש.

די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, די גריבע נאָדלען זענען געלעגן עטלעכע פוס טיף, זיך צונויפגעגאָסן מיט דער ערד, אַרויסגעלאָזט קריכיקע פלאַנצן, וואָס האָבן זיך געוויקלט צווישן ביימער. ס'איז שווער געווען זיך אַרויסצעפּלאָנטערן פון די שטעכערס, וואָס האָבן געריסן די מלבושים.

די לאַנדמעסטערס האָבן געשניטן די געוויקסן, אַראָפּגעלאָזט ביימער, אָנגעצייכנט וואו אַראָפּצעשיסן א בערגל, וואו דורכצוהאַקן אַ טונעל, געוואָלט פאַרבינדן די וויסטעניש מיטן ישוב.

אין די דריי טעג זענען די אַרבעטער געוואָרן אַזוי פאַרשוואַרצט, אַז זיי האָבן אָנגעוואָרן דעם מענטשישן אויסזען. די הויט אויף די אָפּגעבּרענטע פּנימער און הענט — צעראַצט, די מלבושים אָפּגעטראָגן, דורכגעזאַפּט מיט שווייס און פול מיט געוואַלד־ריסן. און פון דערווייטנס האָט מען די פּאַרטיע מיט די פענדלעך אויף די פּלייצעס, מיטן טרענזיט *) אויף אַ פּריער געקענט אָננעמען פאַר אַ פאַרבלאָנדזשעטע רעשט זעלנער פון אַ צעשלאָגענער ראָטע.

ס'וואַסער צום טרינקען איז נאָך דעם ערשטען טאָג אויסגעגאַנגען, האָט מען אויפגעזוכט סאָסנאָווע ביימער און מיטן סאָק געשטילט דעם דורשט, און אַז די סאָסנאָווע ביימער האָבן אָנגעהויבן צו ווערן זעלטענער, האָט דער פּאָרמאַן געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

– מ'דאַרף אַ זוך טאָן וואַסער.

---

*) טרענזיט — אַן אינסטרומענט צו מעסטן לאַנד.

— איך וועל גיין!

— איך!

אַ לאַנדמעסטער האָט מיטגענומען צוויי בלעכענע קעסעלעך און זיך געלאָזט מיטן וואַלד, וואָס איז געווען אַזוי פאַרצווייגט, אַז מען האָט געמוזט קריכן אויף אַלע פיר.

דער וואַלדמעסטער האָט געגלויבט, אַז אין דער געדיכטעניש מוז ערגעץ שלאָגן אַ קוואַל, אָדער אַ שנירל וואַסער פאַלט ערגעץ פון אַ באַרג, רינט צווישן פלאַנצן, אַז נישט וואָלטן די געוויקסן נישט געווען אַזוי געדיכט.

דער וואַלדמעסטער איז געגאַנגען אַ שעה, צוויי, געגאַנגען נאָכן רויש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די בלעטער, געווען זיכער, אַז ערגעץ נאָענט רינט וואַסער. די היץ האָט אים אויסגעמאַטערט. ער האָט זיך געזעצט אין שאָטן, אָנגעשפּאַרט די מידע פּלייצע אָן אַ בוים און געקוקט פאַר זיך אין דער בלויקייט.

שפּינען מיט קאָלירטע בייכער האָבען געפינקלט אַנטקעגן דער זון ווי טייערע שטיינער, זיך געוויגט אין די נעצן. אַן אויסגעהונגערטער שפּין איז געזעסן הינטער אַ בלאַט, געטשאַטעוועט די פעדים, וואָס האָבן זי פאַרבונדן מיט איר נעץ. אַ פליג האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דעם שפּינוועבס מיט אַ זשומעריי, און די פעדים האָבן אָנגעהויבן ציטערן.

די שפּין איז אַרויס פון איר באַהעלטעניש, זיך געגליטשט איבער די פעדים, און איידער וואָס ווען איז זי געזעסן איבער איר קרבן און פון גרויס פרייד געשפּונען מיט די לאַפּקעס.

דער לאַנדמעסטער האָט זיך אײַנגעהערט — זאָל עס זיין אַ פויגל?

פון צווישן די צעצווייגטע ביימער האָט זיך געטראָגן אַ שטיל אָפּגעהאַקט געזאַנג. דאָס געזאַנג האָט אויפגעהערט, ווידער אָנגעהויבן און אין דעםווילדן וואַלד האָבן די קלאַנגען אַרויסגערופן אַזאַ נישט צוטרוי, אַז דער וואַלדמעסטער האָט זיך אַ פאַרלוירענער אויפגעשטעלט. ער האָט זיך פאַרזיכערט, אַז דאָס זינגט אַ פויגל — פאַרגייט זיך אַמאָל מיטן אָוונט אַ פויגל, הערט זיך ס'געזאַנג פון קינדער. אַ ווײַלע איז געווען שטיל. באַלד האָבן זיך ווידער גענומען טראָגן

קלאַנגען פון צווישן די בלעטער, טיפער געמאַכט דעם סוד, און ווי דורך אַ כשוף האָט יעדעס בלעטל, יעדעס צווייגל באַקומען לעבן, איינגערוימט א מעשה וועגן אַ וואַלד־מיידל, וואָס פאַרפירט.

אַ צווייג האָט זיך אַ בויג געטאָן, דורכגעלאָזט אַ שטיק ליכט, און אַן אויג, אַ מענטשיש אויג, האָט געקוקט אַ רגע אויפן וואַלדמעסטער און נישט געוואָרן צווישן די בלעטער. [אָן אָטעם האָט דער וואַלד־מעסטער זיך אַ בויג געטאָן אויף צוריק, געוואָלט אַנטלויפן און אַ פאַר־ראַליזירטער געבליבן שטיין אויף איין אָרט — די צווייג האָט זיך אַראָפגעלאָזט און ס'איז צוריק טונקל געוואָרן.

אַן איבערגעשראָקענער האָט דער וואַלדמעסטער גענומען בויגן די צווייגן, געזוכט — קיין זאַך איז מער נישט געווען צו זען. זאָל עס אים האָבן אויסגעדוכט זיך? דער רויש, וואָס איז געשטאַנען אין דער לופט, ווי דער אָפּקלאַנג פון טריט, האָט אים פאַרזיכערט, אַז נישט ווייט וואוינען מענטשן. ער האָט פאַרגעסן די מידקייט, געבויגן די צווייגן, געזוכט אין בלעטער און נישט געפילט, ווי די בושעס שטעכן דאָס לייב.

די בושעס זענען געוואָרן שיטערער און באַלד האָט ער דערזען ווי איבער דעם שטיקל לאָנקע טראָגט זיך אַ פאַרזעעניש, גייט נישט, שפרינגט אונטער, ווי אַ מאַלפּע.

דער לאַנדמעסטער האָט אָנגעהויבן רופן ס'פאַרזעעניש. עס האָט זיך נישט אומגעקערט, פאַרשוואונדן צווישן די שטיינער, וואָס האָבן זיך געשניטן פון דער ערד אַרויס.

ס'האָט זיך געהערט אַ בילעריי. דאָס בילעריי האָט אָפּגעהילכט פון אַלע זייטן און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, פון וואַנען ס'קומט. דער לאַנדמעסטער איז געאַנגען מיטן בילן. באַרג אַראָפּ אַיינגעהילט איןביימער, איז געשטאַנען אַ הייזל.

אַ הונט האָט זיך געריסן אויף דער וועראַנדע, זיך געוואָרפן אויפן פרעמדן.

ס'הייזל איז געווען אָפּגעלאָזט. טייל שויבן פאַרהאַקט מיט ברעטלעך. אַן אויסגעבויגענע וואַנט אונטערגעשפּאַרט מיט קלעצער, און ווען נישט דער הונט, וואָלט מען עס אָנגענומען פאַר אַ פאַרלאָזטער חורבה.

וואָס דער לאַנדמעסטער איז נענטער געקומען צום הייזל, איז ס׳בילדן געוואָרן שטאַרקער. דער הונט האָט זיך געריסן פון דער אייגענער פעל.

אַ טיר האָט זיך געעפנט און אַ באַוואַקסענער מענטש אין אויסגעריבענע לעדערנע הויזן, אין אַן אויסגעריבן לעדערן רעקל, איז אַרויסגעקומען, אָנגעכאַפּט דעם הונט פאַר די אויערן, אים אַיינגעשטילט:

– שאַראַפּ, בוירק!

פון דער צעעפענטער טיר האָבן אויפן לאַנדמעסטער אַ בלישטש געטאָן אַ פּאָר פּאָספּאָר אויגן. אַ פאַרגאַפטער האָט ער זיך געלאָזט צום טרעפּל:

– קען מען ביי אייך קריגן אַ טרונק וואַסער?

דער באַוואַקסענער מענטש האָט געמאַכט מיט דער האַנט צום פרעמדן, ער זאָל ווייטער נישט גיין, צוגעהאַקט נאָך זיך די טיר און איבערגעלאָזט דעם הונט אויף דער וועראַנדע.

דער הונט איז געשטאַנען גרייט זיך צו וואַרפן. ער האָט אָבער נישט געבילן, בלויז די אויגן און די צוויי אָפּגעדעקטע ציין האָבן געשיפּעט. דער אויסגעצויגענער בויך האָט זיך געהויבן און די צעעפנטע מאָרדע האָט געסאָפּעט, הייסער געמאַכט די לופט.

באַלד האָט זיך באַוויזן דער באַוואַקסענער מענטש מיט אַ קרוג וואַסער:

– טרינקט!

– גוט וואַסער ביי אייך!

– קוואַל־וואַסער. זיצט, פרעמדער, רוט אייך אָפּ און דערציילט ווי איר קומט אַהער.

– געגאַנגען זוכן וואַסער און פאַרבלאָנדזשעט צו אייך.

– פאַר די לעצטע זיבן יאָר זיינט איר דער ערשטער מענטש, וואָס איז פאַרקראָכן אין דער געגנט.

– און איר זעט קיין מענטשן נישט?

– כ׳זע נישט.

– און פון וואָס לעבט איר אין אַזאַ העק?

– ווייסט פון וואָס? די ערד גיט גרינס, דער טייך – פיש און די לאַנקעס – קראָליקעס.

פון דער צעעפנטער טיר האָט עפּעס אַרויסגעגלאָצט און אַז דער לאַנדמעסטער האָט זיך אײַנגעקוקט, האָט ער דערזען קראָליקעס.

וואָס האָט איר דאָרט?

דער גאַוואַקסענער מענטש האָט פאַרמאַכט די טיר, צוריק זיך צוגעזעצט און געקוקט מיט חשד אויפן פרעמדן.

די שטילקייט האָט מיטגעבראַכט דאָס אָפּגעהאַקטע געזאַנג. האָריקע קעץ זענען פון ערגעץ־וואו אויסגעוואַקסן, געגאַנגען צוזאַמען. זייערע צאַפּלדיקע עקן האָבן זיך געוויקלט איינער אין צווייטן. די קעץ האָבן זיך אויסגעצויגן ־רום דעם באַלעבאָס פיס און מיט ווילדע האַלב פאַרמאַכטע אויגן געקוקט אויפן פרעמדן.

דעם לאַנדמעסטער איז געוואָרן אומהיימלעך. ער האָט נישט געוואוסט, וואו ער איז פאַרבלאָנדזשעט, עפּעס נישט געגלויבט אַ מענטש זאָל זײַן ־פגעריסן פון דער וועלט און פלוצלונג אַ פרעג געטון:

— ווייסט איר, אַז ס'איז געווען אַ וועלט־מלחמה?

— כ'האָב עפּעס יאָ געהערט — האָט דער באַוואַקסענער מענטש געגלעט די בורשטינענע רוקנס פון די קעץ — האָט די מלחמה זיך שוין געענדיקט?

— די וועלט האָט זיך איבערגעדרייט — האָט דער פרעמדער געוואָלט איבעראַשן דעם פאַרוואַקסענעם מענטש — נישטאָ מער קיין רוסישער צאַר, נישטאָ קיין דײַטשער קייסער...

אַ צעפּאַטעלט פּנים האָט זיך אַ הויב געטאָן פון צווישן די געלע קעץ, געעפנט אַ פּאָר אויגן, געקוקט אויפן פרעמדן און עפּעס, וואָס ער האָט מיט יאָרן פאַרלוירן, האָט זיך גענומען וויקלען, דערגאַנגען צום פאַרוואַקסענעם מוח.

— אויס רוסלאַנד, זאָגט איר?

פון אונטער די צעפּאַטעלטע האָר האָט אָפּערגעקוקט אויפן לאַנדמעסטער אַ באַקאַנט פּנים. די אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרויער.

— איר זײַט אַ ייד? - איז דעם לאַנדמעסטער מיט אַמאָל אײַנגעפאַלן.

— און אַז כ'בין אַ ייד איז וואָס?

— כ'בין אויך אַ ייד.

דער קאָפּ האָט זיך ווידער געבויגן איבער די בורשטינענע

רוקנס, די פינגער האָבן זיך געשאַרט אין די גאָלע טיפע האָר, זיי אויפגעשטעלט. די קעצישע אויגן האָבן געשאָסן פאָספאָר. אָפּגעהאַקטע ווערטער זענען געפאַלן פון מויל, זיך געמישט מיטן בורטשען פון די קעץ און ס'האָט גענומען אַ ווײַלע ביז דער לאַנדמעסטער האָט זיך געכאַפּט וואָס דער באַוואַקסענער מענטש זאָגט:

— — — כ'האָב זיך געבעטן ביי אים — גאָט, טאַטעלע, טאַטע זיסער, האָב רחמנות אויף מיין יונג עופהלע... כ'בין געלעגן דרי מעת־לעת אין אַ קוימען פון אַ חורבה, געזען ווי מען מאַטערט מיין פינף יעריק יינגעלע... ער האָט מיין תּפילה נישט אָנגענומען — טאָ צו וואָס טויג ער?

— איר האָט דורכגעמאַכט אַ פּאָגראָם? — האָט אים דער לאַנד־מעסטער איבערגעריסן.

ער האָט נישט געענטפערט, געטוליעט צו זיך די קעץ, געציטערט איבער זיי, ווי איבער עופהלעך.

— שוועסטערלעך, ברידערלעך, זיי, די חיות, פּאָלגן מיך, זיי הערן מיך. כ'בין אַוועק פון מענטש... כ'לעב צווישן חיות...

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן. אַראָפּ פון די טרעפּלעך, די קעץ מיטן הונט נאָך אים, געוויזן מיט ביידע הענט אויף דער ערד:

— די ערד טוט אָפּ שפּיצלעך, מען קען מיט איר נישט זיכער זיין. די ערד איז אָבער יושרדיקער פונם מענטש.

די עטלעכע ווערטער האָבן אויסגעמאַטערט דעם גרויסן גוף און אויפן באַוואַקסענעם פּנים איז געלעגן אַ צער.

ער האָט זיך צוריק פאַרקליבן אויף דער וועראַנדע, געזעסן צווישן די קעץ, זיי געגלעט: — ברידערלעך, שוועסטערלעך...

פון פעלד איז אָנגעקומען אַ קו, קוים געשלעפּט דעם פולן אייטער צווישן די פיס, זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הייזל מיט אַ רחמנותדיק מעקן:

— מעלק מיך אויס!

— כ'גיי שוין שוועסטע'ל כ'גיי שוין דיך אויסמעלקן — האָט ער געגלעט די קו און זיך אויסגעדרייט צום לאַנדמעסטער — נו, מענטש, גיי דיר געזונטערהייט!

דער באַוואַקסענער מענטש האָט אַרויסגעבראַכט אַ ליימענע כלי־

אַ וועקגעזעצט ביי דער קו און ס'האָט זיך געהערט דאָס סווישטשען פון בייטשן מילך.

אין דער פּאַרנאַכטיקער לופט איז געשטאַנען דער ריח פון בהמה מיסט, פון פריש געמאָלקענע מילך.

דער לאַנדמעסטער איז אַריין צווישן די בושעס מיט די קעסע־לעך וואַסער, אויפגעכאַפּט דאָס ווייטע געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן צווישן די צווייגן און מער נישט געזען, ווי ס'בענקעניש אַ צעהויקערטס זיצט מיט משוגעת אין ווילדן וואַלד און וויינט.

דער פאַרוואַקסענער מענטש האָט מער נישט געשראָקן. אין האַרצן איז געוואָרן ליכטיק, נישט צוגעלאָזט דער טאָג זאָל זיך זעצן, און אַז איבער די בערג איז שוין געלעגן די נאַכט, האָט נאָך אַלץ די פרייד געשלאָגן ווי פונם קוואַל.

# פלאָנטער

די שטילקייט אַ בולטע האָט געזשומעט אין די אויערן, פאַרוויגט. דאָס שטיקל הימל, וואָס איבערן אָפענעם פענסטער, האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן — פון רויט ביז טונקל־גרוי.

דער דאָקטאָר, אַן עלטערער, איז געזעסן איינער אַליין אין קאַבינעט. אַ גרויסער „קאָפּ, כמעט אָן אַ האַלז, האָט געריט אויף די ברייטע פּלייצעס. די אָטעמע האָט זיך יעדע ווײַלע געלאָזט הערן און אין דער שטילקייט איז געשטאַנען אַ טרוקענער הוסט מיט אַ פּגימה.

דער טאָג איז פאַרגאַנגען, ס'איז געוואָרן טונקל, טונקעלער, און דער דאָקטאָר איז געבליבן זיצן אין דער פינסטער.

קאָלירטע פאַסן האָבן אָנגעפולט דעם חלל — יאָרן האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט, אַ לעבן האָט זיך פאַרבייגעטראָגן. די יאָרן האָבן זיך גרופּירט צו פינף, צו צען, זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה — פאַרביקע, פאַרפּראָפּקעווועטע פלעשלעך ביים דאָקטאָר אויף דער גלעזערנער פּאָליצע.

ער האָט אַ וויש געטאָן דעם קאַלטן שטערן, גענומען דעם דופק, גלייכגילטיק געציילט, ווי ער וואָלט רעווידירט אַ פרעמדן חולה. און הינטערן חושך האָבן ווערטער זיך געריוועלט, דערציילט, אַז דער גוף איז שוואַך, צעפאַלט זיך ווי אַן אויסגעטרוקנט פאַס, קען מער ניט טראָגן דאָס ביסל יאָרן. ס'האָט אים וויי געטאָן פאַר זיין לעבן, וואָס ס'וועט ווערן נע־ונד, זוכן אַ צווייטן גוף.

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן אין ווייכן פאָטעל, אָנגעשפּיצט די אויערן, די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, געזעצן ווי די געפאַלדעוועטע פאָרטיערן צעגייען זיך, נעמען מיט דאָס געדיכטע פינסטערניש:

— האַ, שוין ווידער...

אויף דער אָטאָמאַנע איז געזעסן דאָניאַ. די קליידער נאַכלעסיק, אויפגעשפּילעט. דער האַלז ווייס, די הענט נאָך ווייסער, אַ ווייס שלייפל טיקט זיך הינטער דעם שוואַרצן זיידנס און נאָכן שלייפל בערגלט זיך לייב, שלאָגט מיט וואַרעמקייט, ווערט ניט, שימערט אַפיר אַ צעשפּילעט קנעפּל, בלעזלט זיך און ס׳מויל — אַ ביס אין אַ רויטן עפּל.

קעגנאיבער איז געזעסן דעם דאָקטאָרס דינער — דער מולאַט. ער איז נישט דרייסט, זיצט און זיצט ניט, הויבט זיך מיט די צעשפּרייטע הענט, ווי אַ פויגל, און די שוואַרצע באַקן פאַלן אַריין אין ציגלקאָליר.

— וואָס זיצסטו אין הויז, בוק?

— אַליין גלוסט זיך נישט צו גיין.

— האָסט גאָר קיין באַקאַנטע מיידלעך ניט?

— דאָ, נאָ מעם, דאָ וואוינען ניט אונזערע...

— און אַ ווייסע געפעלט דיר ניט?

ער צעלאַכט זיך און די קרייזלעך הויבן זיך אויפן שאַרבן.

— און איך, בוק, געפעל דיר?

די אויגן בייטן זיך, פינקלען מיט צעשמאָלצענעם פּערלמוטער:

— די מיס איז אַ פריילעכע, טרייבט שפּאַס...

פון דעם ווייסן האַלז, פון די נאָך ווייסערע הענט, פון די צעשפּילעטע קנעפּלעך — האָט זיך דער יצר־הרע געריסן, געשלאָגן מיט זוניקייט, זיך געשפּיגלט אין דעם סאַמעטענעם גוף, געשיפּעט. דער מולאַט איז געוואָרן בויגיקער. זיינע אור־עלטערן, וואָס האָבן זיך געשאַרט צווישן פּאַלמען, געפּויזעט אַרום דער קאָנגאָ, בייגעקומען שלאַנטיקער, האָבן זיך געוועקט אין אים, פאַרגאָסן דעם מוח מיט הייסע כוואַליעס און דער חלל איז פול געוואָרן מיט ליכט.

— האַ, שוין ווידער...

די בייטלען אונטער די אויגן האָבן געשוועכט, געדיכטער געמאַכט דאָס פינסטערניש. האָט ער געדרימעלט? די בוימער, וואָס ביים פענסטער האָבן זיך איבערגערוקט, געשטאַנען ווי אַ מחיצה, אַריינגענומען די גאַנצע וועלט אין די צוויי איילן. דער גוף איז קלענער געוואָרן, געווען צופרידן מיט די צוויי איילן, געוואָלט מ׳זאָל אים

ניט שטערן, מ׳זאָל לאָזן אַ פּינטעלע, וואו ער וועט זיך וויגן, אויס־גלייכן די קראַנקע גלידער.

ס׳האָט זיך געעפנט א זייטיקע טיר. אַ שיטערע ליכט האָט זיך אַ צי געטאָן, אַריינגעזאַפּט די פינסטערגיש, געצייכנט אַ ליכטיקן אָוואַל.

אַ לייביק מיידל, נאָכלעסיק אָנגעטאָן, איז געבליבן שטיין ביים פענסטער, אַראָפּגענומען דאָס ווייסע פאַרטוך און פויל אַ פרעג געטאָן:

— בלייבסט אין דער היים?

— ווילסט דען ערגעץ גיין?

זי האָט ניט געענטפערט. געוואוסט, אַז די אַסמטע מאַטערט אים שוין צוויי טעג, אַז דער מלאך־המות האָט זיך צו אים פאַרקליבן אין האַלז אַריין און זי האָט אינגאַנצן אויפגעציטערט.

— וואָלסט נאָר געלאָפן, דאָניאַ!

ס׳זענען דורך טעג און זי האָט קיין מענטש ניט געזען, זיך גע־פּלאָנטערט אין אַ קנויל און יעדעס מאָל, ווען זי איז אַנטלאָפן פון דעם הויז, וואו דער טויט האָט געלויערט אין יעדן ווינקעלע, איז גענוג געווען דער דאָקטאָר זאָל אַ צי טאָן די פעדים פון דעם קנויל און זי איז צוריקגעקומען.

פון דער גאַס האָבן זיך געהערט קולות: יונגעלייט האָבן גע־שטיפט מיט מיידלעך. זי האָט זיך אַרויסגעבויגן, צונויפגענומען ס׳לייב צווישן די הענט, איינגענורעט ס׳פנים אין דער אייגענער וואַרעמקייט, געציטערט, וואָס דער פלאָנטער פאַרציט זיך אַלץ שטאַרקער, וואָס די ציין עסן זיך אין דער אייגענער ווייכקייט.

— כ׳גיי אַרויס.

— וואוהין?

— כ׳וויל זיך אַ ביסל איבערגיין.

— און מיך לאָזסטו אַליין?

די פעדעם האָבן אָנגעהויבן צו וויברירן, געוויקלט דעם גוף און אויערן הייטלעך.

די קולות אויפן גאַס זענען געוואָרן פאַרשייטער, אויסגעקלאַפּט אין דעם חושך דעם ריטם פון לעבן, איז דער דאָקטאָר געוואָרן אומ־

באַהאַלפֿן, זיך געשעמט פֿאַר דאַניאַן, זיך געשעמט פֿאַר דער אייגענער חורבה און זיך אַ וואָרף געטאָן.

— פֿאַרמאַך ס׳פֿענסטער!

זי האָט פֿאַרמאַכט, פֿאַרשטעלט די אויערן, געזוכט מיט די אויגן אַ וואַנט מיט וואַטע, זי זאָל אַריין, פֿאַרשטיקן די קולות, איז יעדער אָבער ביי איר געוואָרן אויער און אַלץ אין איר האָט מיטגעשריען.

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ טאַבורעטקע נעבן דאָקטאָר, צוגעלייגט זיין האַנט צו איר באַק.

— וואָס וועט זיין?

זיין לעבעדיקע האַנט האָט זיך געוואַרעמט, געבלאָנדזשעט איבער איר קערפּער. די זיידענע זאָקן זענען געווען אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג, די פֿינגער האָבן זיך פֿאַרלוירן אין די ווייכע וועגעלעך און אונטער־וועגעלעך:

— האָסט מיך ליב?

— הייבסט שוין אָן...

— וואָס זיצסטו גאַנצע טעג אין קיך?

— כ׳קאָך דיר עסן.

— ווי ווערט עס דיר ניט נמאס צו רעדן מיטן נעגער?

— כ׳פֿיר מיט אים אַ ליבע.

— וואָס?

— מאַטער מיך ניט!

— טאָ זאָג דעם אמת?

— וואָסער אמת?

— כ׳מיין מיטן נעגער.

זי האָט זיך אַ שאַר געטאָן. ער איז געבליבן ליגן אויף אַ זייט. ס׳פּנים פֿאַרקרימט. אַן אויסגעצויגענע האַנט מיט קורצע פֿינגער האָט געטאַפּט די לופֿט, געוואָלט עפּעס צוריקכאַפּן, וואָס זי האָט נאָר וואָס פֿאַרלוירן.

— דאַניאַ!

— כ׳האָב דיך פֿיינט!

— כ׳ווייס...

זי האָט צוגעקנעפּלט ס׳קלייד. ביסן, פֿאַרלאָפֿן מיט בלוט, האָבן

זיך איינגעגעסן אין ווייסן לײב ווי ראַקעס. זי האָט עס אים אונטער־געטראָגן:

— זעסט?

— ווער?

— ער!

— ס'איז אַ ליגן!

זי איז פאַרבײַ, ניט געוואָרן. אין אַ ווינקל האָט זיך געצייכנט אַ קאָפּ ווי אַ ליכטיקער אָוואַל. אַ שטיל געוויין האָט אָנגעפולט דעם חלל.

1924

# א סוד

דריי מאָל האָט פרעד ראָזען איבערגעלייענט דעם בריף, וואָס זיין לערערין, מיס לאָרענס, האָט אים געשריבן. זי האָט געגלויבט אין אים, זיך אַרומגעטראָגן מיט זיינע קורצע דערציילונגען, געהאַט אַפילו אָפּגע־דרוקט איינע אין אַ פּראָווינציעלן וואָכנבלאַט. און יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך געזען מיט מיס לאָרענס, געהערט ווי זי רעדט, ווי זי וואַרפט אָן איין בילד נאָכן צווייטן, פלעכט אַריין שטיקער פון די קלאַסיקער, טענהט, אַז די לערער־ביכער טעמפּן אָפּ די קינדער און גיבן אַ געלעגנהייט יעדן קאַליקע צו ווערן אַ לערער, מאַכן דעם געגנשטאַנד פאַר אַ מלאָכה, ווען אין אמתן דאַרף אַ לערער זיין אַ קינסטלער, דאַרף שפּילן אויפן איידלסטן אינסטרומענט — דעם קינדס נשמה, — ווען זי האָט אַזוי גערעדט, האָט דער יונגער ראָזען, אַ בויגיק בחורל מיט אַ געדיכטן קאָפּ האָר, געפילט ווי אַלע קעמערלעך עפענען זיך ביי אים, קוועלן אָן.

די מרה־שחורה, וואָס האָט זיך געלייגט אויף זיינע ניינצן־יאָ־ריקע פּלייצעס, איז פאַרשוואונדן, דער פּלאָנטער פון ניט קלאָרע חלומות איז געוואָרן דורכזיכטיק און אַלץ אין אים איז געוועזן זי־כער, אַז ער דאַרף נאָר וועלן, וועט זיך אַ וועלט צו אים צוהערן. און אין דעם ליכטיקן צימער מיט די ברייטע פענסטער, וואָס האָט אַזוי האַרמאָנירט מיט מיס לאָרענסעס זוניקע האָר, וואו ווערטער, צאַפּלדי־קע ווערטער האָבן זיך געקייקלט, אָנגעוואָרפן בילדער, צעשוואומען און איבערגעלאָזט נאָך זיך חלומות — אין דעם צימער האָט פאַרבענקט געקלונגען מיס לאָרענס שטימע.

אַן אויפגעלייגטער איז ראָזען געגאַנגען צו מיס לאָרענס, זיך יעדע ווײַלע אַ טאַפּ געטאָן ביי דער בוזעם־קעשענע, וואו זיין נאָר־וואָס אָנגעשריבענע דערציילונג איז געלעגן, געזען פאַר זיך איר

שמייכל און אַ דאַנקבאַרקייט האָט אים אַרומגענומען. ער האָט זי פאַר־געטערט, קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן איר ווי אַ ניינצן יאָריקער בחור טראַכט פון אַ יונגער, שיינער פרוי. ער איז געווען זיכער, אַז זי איז אַנדערש פון אַנדערע — זי איז מיס לאָרענס. און הינטער דעם אַלעם האָט געשוועבט, ווי אין אַ תהו־ובהו, אַן אָפּקלאַנג פון אַ זינדי־קער מחשבה, אָן אַ פאָרם, אָן אַ נאָמען, זיך געקייקלט דורך זייטיקע וועגעלעך, וואָס האָבן, דאַכט זיך, קיין שייכות ניט געהאַט מיט מיס לאָרענס, און אין דערזעלבער צייט האָט ער פון ערשטן טאָג אָן, וואָס ער האָט זיך מיט איר באַקענט, קיינמאָל נישט געזען אין איר די פרוי. איז געווען אַ זוניקער טאָג, פלעגט זי נעמען די שילער און אַרויספאָרן מיט זיי הינטערן שטאָדט, פאַרלייענען שטיקער פון שעקס־פיר אַזוי, אַז יעדער איז אַריינגעצויגען געוואָרן, מיטגעשפּילט, און אַז דער וועטער איז געווען שלעכט, האָט זי זיך אַרומגעזעצט מיט די מיידלעך און בחורימלעך, גענומען לייענען אַ בוך, אַרומגערעדט זייטיקע זאַכן, וואָס האָבן, דאַכט זיך, קיין שייכות ניט געהאַט מיטן ענין און ביי אַלעמען האָבן זיך די אויגן געעפנט, אַליין גענומען זען, געהאַט די פרייד פון שאַפן, פון פאַנאַנדערוויקלען פלאַנטערס...

קיינער האָט ניט געוואוסט, פאַרוואָס מיס לאָרענס האָט ניט חתונה, פאַרוואָס זי האָט ניט קיין באַקאַנטע, חברט זיך בלויז מיט די שילער, וואוינט איינע אַליין. און אַז אַ שילערין האָט דערציילט, ווי זי האָט מיס לאָרענס געטראָפן פאַר דער היילקער מאַמע אויף די קני אַ פאַרוויינטע, האָבן אַלע, מיט רחמנות, גענומען קוקן אויף דער נאָך יונגער דאַמע, וואָס לאַכט אַזוי האַרציק, אַז אַלע מוזן מיטלאַכן, און אין דעם געלעכטער איז דאָ אַזאַ ליכטיקייט, וואָס מישט זיך אויס מיט אירע זוניקע, עטוואָס צעפּאַטלטע האָר.

אין די אָוונטן, ווען ס׳איז זעלטן פאַרבייגעגאַנגען אַ מענטש, האָט זי ראָזען באַגעגנט אין פּאַרק. זי איז ניט געגאַנגען, דאַכט זיך גע־לאָפן, איבער די פינסטערע אַלייען איינע אַליין, דער ראָק צעקנע־פּעלט, די האָר צעשויבערט, געקוקט אין אַלע זייטן, ווי זי וואָלט עמעצן געזוכט און אירע טריט האָבן אויסגעקלאַפּט דעם אומרו פון דער נאַכט.

ראָזענען איז איינגעפאַלן, אַז מיס לאָרענס מוז זייער ליידן,

מוז זיין אומגליקלעך, אַנדערש וואָלט ני ניט געקענט אַזוי לאַכן, ניט געקענט מיטן בלויזן קלאַנג פון איר שטימע אויסשפינען אַרום זיך אַ לעגענדע.

אָוונט נאָך אָוונט פלעגט ער זיך באַהאַלטן צווישן די בוימער און אַ פאַרציטערטער וואַרטן, זי זאָל פאַרבייגיין.

דעמאָלט האָט ער איר געוויזן זיין ערשטע דערציילונג. זי האָט אים גערופן צו זיך, פאַרהאַלטן זיך צו אים, ווי צו אירס אַ גלייכן, לאַנג גערעדט, אים אויפגעהויבן איבער זיך, געצייגט ווי מענטשן קענען ניט שרייבן, און אַז ראָזען איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער גע־פילט, אַז די וועלט איז שיין, ווי לאַנג עס לעבן אַזעלכע מענטשן, ווי מיס לאָרענס. ער האָט אָנגעהויבן אָפטער קומען צו איר. די באַצי־הונגען זענען געוואָרן מער חבריש, און אַז ער האָט זי איינמאָל אָפּ־געשטעלט אין פאַרק, האָט זי אים געכאַפּט אונטערן אָרעם, געגאַנגען מיט אים ביז שפּעט אין דער נאַכט און ניט אויפגעהערט צו ריידן.

ראָזען האָט אָנגעקלונגען. מיס לאָרענס האָט אים וואַרעם באַגעגנט, ווי תמיד. זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין ווייסן, אָנגעיאָגט אַ זומער־דיקייט... זי האָט אים באַקוועם אַוועקגעזעצט און ער האָט אָנגעהייבן לייענען. זי האָט געשטראַלט, אים עטלעכע מאָל איבערגעריסן, אויס־געדריקט צופרידנקייט, ווי זי וואָלט אַ שותּף געווען צום אָנגעשריבע־נעם. אַז ער האָט געענדיקט, האָט זי אים לאַנג געגלעט איבער די האָר, גערעדט אַזוי חבריש און אין דעם ריידן זענען געווען טראָפּנס פאַרדרוס, וואָס ער, ראָזען, דאַרף שוין ניט די עצות פון מיס לאָרענס. ער איז אַ שרייבער מיט גרויסע מעגלעכקייטן, די וועלט איז פאַר אים אָפן, קען אָן אַ צווייטנס הילף שאַפן וויפיל זיין האַרץ גלוסט — און ער טוט עס. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ראָזען האָט זיך שלעכט געפילט מיט מיס לאָרענס. ער האָט געבענקט נאָכן זוניקן גע־לעכטער, געבענקט נאָכן מענטש, צו וועלכן מען דאַרף אַרויפקוקן. און דאָ האָט ער געזען פאַר זיך אַ פרוי, אַ שיינע פרוי, וואָס טראָגט אין זיך אַ סוד, אים פאַרוואַנדלט אין אַ קדשי־קדשים און איז מקריב פאַרן טויטן חלום איר געלעכטער, די זוניקע פלעכטן, דעם שיינעם קער־פּער. דער „רשע", וואָס אין מענטש, האָט זיך אין אים געוועקט, אים אונטערגעזאָגט, אַז ער, ראָזען, איז העכער פון מיס לאָרענס, און שטאַרק

געוואָלט פֿאַרפֿירן אַ שמועס וועגן איר פּערזענלעכן לעבן. זי האָט עס באַמערקט, אויסגעמיטן דעם געשפּרעך, און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אים ווידער אָנגערירט, איז זי איבערגעגאַנגען צו אַן אַנדער ענין. מיס לאָרענס האָט אים ניט אויפגעהערט צו גלעטן, געווען אַזוי ליבלעך, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אים אָנצואווערן. און אַז ער האָט זיך שפּעט אין אָוונט זיך אויפגעשטעלט, זיך געגומען געזעגענען, האָט זי נאָך אַלץ גערעדט, געווען שטאָלץ מיט איר יונגען פֿריינט, אים אָפּגעהאַלטן ביי דער טיר, ניט אַרויסגעלאָזט זיין האַנט פֿון אירער.

ראָזען איז געשטאַנען ווי אין פֿיבער. די נאָענטקייט, די צעשויבערטע האָר, די ווערטער — אַלץ האָט אים געהילט אין צעפֿלאַמטע נעצן. און אַז ער האָט זיך שוין געפֿונען הינטער דער טיר, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זי איז פֿאַר אים איצט מער, ווי די פֿריערדיקע מיס לאָרענס. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע, געטראַכט וואוהין צו גיין, זיך איינגעקוקט אין דער שטילער נאַכט און אויפגעכאַפּט פֿון דערווייטנס אַן אָפּקלאַנג פֿון אַ געוויין. ער האָט זיך בעסער איינגעהערט. עס איז אים מיטאַמאָל איינגעפֿאַלן, אַז דאָס געוויין טראָגט זיך פֿון מיס לאָרענס צימערן. ער האָט שוין אָנגענומען די האַנטאַבע. געוואָלט צוריק אַריינגיין, איז ווידער שטיל געוואָרן. דער מוח האָט ביי ראָזענען פֿיבערהאַפֿט געאַרבייט, געזען אויף מיילן, און דאָס שטילע געוויין האָט זיך געטראָגן מיט מער פּיין ווי פֿריער, ער האָט לייכט געעפֿנט די טיר. מיס לאָרענס אַ האַלב־נאַקעטע איז געלעגן פֿאַר אַ גרויסן געקרייצטן יעזוס, די האָר צעשאָטן, די אויגן, ווי ביי אַ נאַכטוואַנדלערין.

דעם ייד אין ראָזענען איז פֿרעמד געווען אַזאַ קרבן, ניט געקענט צונויפֿבינדן די צוויי מיס לאָרענסעס, און אַן איבערגעשראָקענער אַ ווייספּער געטאָן איר נאָמען. זי האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, אין דרייען אַ געקאָרטשעטע זיך גענומען רוקן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט פֿאַר קלעפּ, געקוקט אויף אים פֿון אַ ווינקל און זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט.

1921

# מענדל

סוף אָקטאָבער האָבן ביימער באַגילטע מיט רחבֿת געשפּרייט זייערע בלעטער איבער דער ערד. מיט אַ רויש האָבן די בלעטער זיך געטראָגן אין טאָל אַריין, וואו פּאַרמערס האָבן זיי געברענט קופּעסווייז.

אין טויער פון שייער איז געזעסן מענדל. טונקעלע קרייזלעך זענען געווען צעשאָטן אַרום די פּאות, געלאָפן איבער די אויסגעדאַרטע באַקן, געוואָרן געדיכטער און זיך פאַרקניפּט אַרום דער גאָמבע און אַ פּאַרריסן בערדל, וואָס האָט געבלישטשעט פון שוואַרצקייט, ס׳פּנים האָט זיך געהילט אין אַזאַ קרענקלעכער בלאַסקייט, וואָס, אַז מען קריגט זי איינמאָל, טראָגט מען זיך מיט איר אַרום ס׳גאַנצע לעבן.

ער איז געזעסן מיטן פּנים צו דער זון, וואָס האָט זיך גע־האַלטן אין זעצן און זיך געחידושט, וואָס קיינער קומט ניט. נייע טעלעגראַף־דראָטן האָבן זיך געצונדן, געשטערט צו קוקן אויף דעם ברייטן אַספּאַלט־וועג, וואָס איז געלאָפן צווישן די זאַמדיקע אונטער־וועגלעך, זיך מיטאַמאָל פאַרטשעפּעט אָן הימל און זיך אָפּגעריסן. ער האָט געאָטעמט מיטן רויך פון די בלעטער, נידריקער געבויגן דעם אויער און איינגעזאַפּט אין זיך דעם טרויער פון די נאַקעטע פעלדער.

יאָרן ווי מענדל וואוינט דאָ אַליין, פּאָרעט זיך מיך אַן אַלטן אינקובייטאָר, בריט קוים אויס אַ העלפט פון די אייער, וואָס מען לייגט אין אים אַריין. און די הינדלעך, וואָס דערזעען שוין גאָטס שיין, — פּגרן אויס פון פאַרשיידענע חולאתן.

קיין תּרעומות צום רבונו של עולם האָט ער נישט. טוט זיך זיינס. קלויבט די אייער, סאָרטירט זיי, טרעט נישט אָפּ אויף אַ מינוט פון אויוון, שטייט ביי „מעשה בראשית" און צערט מיט די הינדעלעך — ווייל פון אַן אויוון אייער וואַקסן ביי אים מער נישט אויס ווי אַ צענדליק עופות.

צווישן מענטשן שווייגט ער, טרעפט זיך מיט זיי זעלטן. כמעט אויף שטים־לשון קויפט ער אויף ביי די אַרומיקע פּאַרמערס אייער און יעדן מאָנטאג שפּאַנט ער איין דאָס וועגעלע און לאָזט זיך מיטן פּאַר־מעגן נאָך ניו־יאָרק.

די קונדן, היימישע ווייבער, קוקן אויף אים מיט דרך־ארץ. זיין האַלטן זיך, דאָס קושן די מזוזה, דאָס נישט רעדן. קוועטשט מען אָפּ אַ סענט — מרוקעט ער מיט די טונקעלע, אויסגעהונגערטע אויגן און דאָס בערדל ווערט שוואַרצער. ווערט שלאָף אין אַ שטוב אַ קינד, שלעפּט ער פון די קעשענעס פּאַרטריקנטע יאַלאָוויץ און שפּרעכט אָפּ אַ באַנעמעניש. און שטענדיק איילט ער זיך, האָט קיינמאָל קיין צייט ניט, שטעלט אים אָפּ אַ יידענע, נעמט אים רעדן אַ שידוך, הערט ער אויס מיט תמעוואַטע אויגן, ענטפערט נישט און פאַרשווינדט מיט אַ קוש אויף דער מזוזה.

דערפאַר ביי זיך, וואו ער איז אַליין, רעדט ער מיטן פערדל, מיטן הונט, וואָס ליידט פון אסטמא, מיט די עופות און אפילו מיט די מייז, וואָס שפּאַצירן איבערן דיל.

לעצטן מאָנטאָג האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אַ העלפט פון די הינד־לעך זענען געבליבן דערשטיקט אין די שאָלן. פאַרוואָס? און אַז אַ הון קומט שוין אַלץ דורך, אַלע חלואתן, וואַקסט אויס — וואו איז דער תכלית? דערצו דאַרף ער, מענדל, קיין נעכט ניט שלאָפן, היטן די עופהלעך, ציטערן איבער זיי, זיי האַלטן אין אויסגעבעטע זיפן?

אַן אומרוהיקער איז ער געפאָרן אין שטאָט אַריין און וואָס נענטער דאָס וועגעלע איז געקומען, אַלץ אומרוהיקער איז ער געוואָרן, זיך גערדרייט אויפן געזעס.

אַ הונגער האָט זיך געוויקלט אין דעם ביינערדיקן גוף, געפּי־בערט אין די אויגן. ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צום ערשטן הויז, געקומען קלינגען אין די טירן. די ווייבער זענען אַרויסגעקומען מיט די בייטעלעך, געזען, אַז מענדל האָט קיין מראה אין פּנים:

— וואָס איז מיט אייך, ר׳ מענדל? ס׳איז אייך ניט גוט?

ס׳רעכטע אויג איז ביי אים געוואָרן שיקלדיק, זיך געחנדעלט, דער ווייטאָג איז געוואָרן ליב. ער האָט אונטערגעהויבן אַ פוס, פּאַר־

קניפט די ליפן, געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך געקליבן גיין איבער אַ שטריקל.

די ווײַבער האָבן זיך איבערגעקוקט, נישט געבראַכט דעם שמייכל איבער די ליפן און צעעפנט מויל און אויער.

מענדל איז אַ פּאַל געטאָן. די אויגן פאַרגלייזט, אַרום די ליפן שוים און די פּיס מיט די הענט זענען זיך געפּאָרן.

— ער חלשט!

— גיסט אים אָפּ מיט וואַסער!

— רייבט איין די שלייפן מיט עסיק!

— עפנט דאָס העמד!

— דער טלית־קטן לאָזט ניט!

— אַ כשרע נשמה!

— נישט קיין וואַסער! נישט קיין וואַסער! — האָט אַן עלטערע יידענע זיך אַ שטעל געטאָן איבער מענדלען מיט צעשפּרייטע הענט — ס׳איז די פּאַליקע.

מיט פּחד האָבן די ווײַבער געקוקט אויף מענדלען, זיך גערוקט נענטער, זיך צונויפגענומען פון אַלע פיר שטאָק, ניט געהייסן אים אויפהויבן.

ס׳פּנים האָט זיך געקאָרטשעט, דאָס בערדל געשוימט, און אַ שטומע פּיין האָט זיך געטראָגן פון יעדן גליד.

דער דרך־ארץ איז געוואָרן גרעסער, איבערגעגאַנגען אין אַ יראת־הכבוד. אומבאַהאָלפענע האָבן זיי געצופּט די פינגער, געבויגן די קעפּ, ווי זיי וואָלטן געווען שולדיק אין אַלץ.

מענדל האָט זיך אויפגעשטעלט, ניט געוואוסט, וואָס מיט אים איז געווען, געקוקט אַרום זיך מיט אַ פרעמדן בליק און ס׳רעכטע אויג האָט געשיקלט.

מען האָט אים אַריינגענומען אין אַ שטוב, געשטאַנען איבער אים, ווי איבער אַ הייליקן און איידער ער איז אינגאַנצן געקומען צו זיך, האָט שוין די גאַס געוואוסט, זיך געקליבן הינטער די פענסטער, אויף די טרעפּ.

די ווײַבער האָבן אַליין אויסגעציילט די אייער. מענדל האָט זיך

אַרויסגעשאַרט, און איידער מען האָט זיך געכאַפּט, איז ער פאַרשוואונדן מיט דעם פערד און וועגעלע.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געדרייט איבער די נאַקעטע פעלדער — געוואָלט דערגיין דעם תּכלית פון לעבן.

פאַרנאַכט איז ער געזעסן אין טויער פון שייער, וואו אַרום און אַרום האָבן געברענט בערג מיט בלעטער, זיך געקרייכערט, און פון רויך האָבן פונקען זיך געשפּרייט אין דער טונקעלער בלויקייט, וואו די זון האָט זיך געהאַלטן אין זעצן.

ס'אויער האָט זיך איינגעהערט — נישט דורכגעלאָזט קיין איין קלאַנג. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַן אויסגעריבענעם מאַנטל און מיטן פאַרגייענדיקן טאָג זיך געלאָזט צום וועג.

אַן אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט. ווייבער זענען אַרויס, געטראָגן אַ קינד. מענדל האָט דערקענט זיינע קונדן, זיך גענומען פאַרענטפערן, אָן ווערטער, בלויז די אויגן, ס'בערדל, יעדער קער האָט גערעדט.

— מיר זענען געקומען צו אייך, ר' מענדל... אַ שלאַקרייק עופהלע... וואו אַ דאָקטאָר, איז די אָרעמע מאַמע געווען מיטן קינד... ס'העלפט ניט, ר' מענדל...

— טאָ וואָס ווילט איר פון מיר?

— איר זענט אַ הייליקער!

— איך!

— יאָ, ר' מענדל, אַלע ווייסן, אַז איר זענט אַ הייליקער, באַהאַלט זיך אויס פון מענטשן...

— וואָס פאַר אַ הייליקער בין איך? — האָט מענדל אַ הויב געטאָן מיט די שמאָלע אַקסל — קען נישט העלפן די אָרעמע הינדעלעך, קומט איר צו מיר מיט מענטשן...

— טרייבט מיך נישט, הייליקער רבי — האָט די מוטער אַ כאַפּ געטאָן דאָס קראַנקע קינד, עס צוגעפירט צו מענדלען און עס אָפּגעלאָזט.

ס'מיידעלע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, שיעור ניט געפאַלן, מענדל האָט עס דערכאַפּט, אויפגעהויבן, געקוקט דעם איבערגעשראָקענעם קינד אין פּנים אַריין:

— ווי הייסטו, מיידעלע?
— רחלע.
— האָסט ליב הינדעלעך? קליינע הינדעלעך האָסטו ליב?
— כ'האָב ליב.

די ווייבער האָבן זיך געצופּט פאַר די קליידער, נאָכגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, און די אויגן, פרומע, האָבן נישט אויפגעהערט אָפּצוגעבן אַ שבח דעם בורא.

די זון איז אינגאַנצן פאַרגאַנגען איבער די פעלדער, דער רויך פון די בלעטער איז געוואָרן געדיכטער. און די פלאַמען, דינע, האָבן זיך געצויגן, אָנגעצונדן מענדלען מיטן קינד, וואָס זענען געגאַנגען צו די הינדעלעך.

1924

# מאראַנען

לאָפּעץ האָט היינט לענגער אויפגעהאַלטן זיינע מאַטראָסן. ער איז געשטאַנען ביים פאַראַנקערן די שיפן, געוואַרט ביז מען האָט אויסגעלאָדן די סחורה און אַז אַלע זענען זיך צעגאַנגען, איז ער אַן אָפּגעבראַנטער, אַ צעוואַקסענער געבליבן אַ ווײַלע אויפן ברעג, געקוקט אויפן שוימיקן ים, וואו זיינע שיפן האָבן זיך ערגעץ דאָרט געטראָגן.

לאָפּעץ האָט אין אַלעם געזען גאָטס האַנט.

רוים איז פאַרפלייצט געוואָרן, ליסאַבאָן — צעטרייסלט פון אַן ערד־ציטערניש. ביי אים אין קעלער זיצן מאַראַנען, וואָס האָבן געדאַרפט היינט, מאָרגן פאַרברענט ווערן. און אַפילו אין דעם, וואָס ער, לאָפּעץ, אַ געוועזענער מאַטראָס, איז איצט איינער פון די רייכסטע סוחרים אין לאַנד — אומעטום וואונדער איבער וואונדער.

ער האָט געגלויבט, ווי טויזנטער אַנדערע מאַראַנען איבערן לאַנד, אַז ווי לאַנג גאָטס שליח — דיענאַ פערעס — דרייט זיך פראַנק און פריי אין קייזערלעכן הויף, אין רוים ביים פּאַפּסט — קען קיין שלעכטס נישט געשען.

דורך אַ שמאָלער, באַהאַלטענער שווינדל־טרעפּ, וואָס האָט זיך געדרייט ווי אַ געקרויזטע פּאה, אַז איין מענטש האָט זיך קוים געקאָנט באַוועגן אויף איר, האָט זיך לאָפּעץ אַראָפּגעלאָזט טיפער און טיפער.

אַ שווערע, זייטיקע טיר האָט זיך געעפנט, אָפּגעגאָסן די שווינדל־טרעפּ מיט ליכט.

אין אַ ליכטיקן צימער אָן פענסטער, ביי אַ געדעקטן טיש, זענען געזעסן איבער צוואַנציק מאַראַנען, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און געוואַרט אויפן בעל־הבית.

פּנימער אויסגעצערטע, פינסטערע. אויגן צעפינטלטע, ווערן גרעסער ביים קלענסטן שאָרך און דער טויט־שרעק פאַרברענט צו ווערן, צינדט זיך אין די שוואַרצע אויגן.

די בעל־הביתטע, אַ פּאַרפּוצטע און ווייסע, זיידענע קליידער, דער האַלז פול מיט פערל, האָט צעשטעלט זילבערנע בעכערס, פלע־שער וויין, פאָרזיכטיק איינגעוויקלט דריי מצות אין בראָקאַט און זיי אַוועקגעלייגט אויבן אָן אויף אַ זילבערנע טאַץ.

שטיל האָט מען אָנגעגאָסן די כּוסות. נאָך שטילער האָט לאָ־פּעצס איינציקער זון געפרעגט די קשיות. די עטלעכע צוואַנציק מיילער האָבן געענטפערט מיט אַ מורמל, נאָכגעזאָגט וואָרט נאָך וואָרט אַ גרוי־ען מאַראַן, וואָס האָט געזאָגט די „הגדה" אויפן קול.

דאָס זאָגן האָט זיך געמישט מיט פליעסקען פון וואַסער אָן די דיקע, שטיינערנע ווענט: און כאָטש דער עולם איז געווען זיכער, אַז דעם רייכן, פרומען לאָפּעץ, וואָס האָט אויסגעבויט אַ קירך, וועט קיי־נער נישט חושד זיין, פונהעסטוועגן זענען די איבערגעשראָקענע מאַ־ראַנען געבליבן אָן לשון ביי יעדן שטאַרקערן רויש פון ים.

ביים „שפוך חמתך" האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט, געקוקט אויף אליהוס כּוס, וואָס איז געשטאַנען אַ פולער אין עק טיש.

ווען דער גרויער מאַן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט דער עולם זאָל זיך זעצן, איז פונקט דעמאָלט אַרויס פון הינטערן טיש נאָך גאָר אַ יונגערמאַן און זיך געלאָזט צו אליהוס כּוס.

דער גאַנצער עולם האָט זיך אָן איבערראַשטער אַ רוק געטאָן אויף צוריק, גענומען פרעגן איינער ביים צווייטן:

— ווער איז?

— ווער איז ער?

— כ'האָב אים דאַכט זיך ניט באַמערקט דעם גאַנצן אָוונט!

— איך אויך ניט!

— איך אויך ניט!

קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער ער איז.

אַ הויכער, אַ שוואַרצער, אויגן ווייכע, טיפע, אַז ס'האָט זיך גע־וואָלט אין זיי קוקן. ס'מויל אַ קליינס, אַ קינדיש. און אין גאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרשלאָפן און איילט זיך זייער.

דער פרעמדער האָט אויסגעטרונקען דעם כּוס.

דער עולם האָט אויפגעציטערט. אַלע האָבן געקוקט צו דער טיר, געוואַרט יעדע מינוט זאָל עפּעס געשען.

— איר זיצט דאָ און רעכט אָפּ די „הגדה", — האָט דער פרעמ־דער שטיל געזאָגט — און מאָרגן וועלן אייערע ווייבער און קינדער פאַרברענט ווערן.

די מאַראַנען האָבן זיך אַ רוק געטאָן צום פרעמדן מיט צעשפּריי־טע הענט און פאַרצערטע אויגן:

— וואָס קענען מיר טאָן?

— וואָס קענען מיר העלפן?

— איר קענט זיי העלפן, — האָט דער פרעמדער געציילט די ווערטער, — נאָך היינט ביינאַכט פאָרט אַהין פון וואַנען איר זענט אַנטלאָפן.

— ווער מען דאָך אונז אויך כאַפּן?! — האָבן צוואַנציק העלזער אַ געשריי געטאָן מיטאַמאָל.

— בטחון אין גאָט! אַ ביסל מער בטחון און מען וועט אייך ניט כאַפּן!

דעם פרעמדנס ווערטער האָבן ווייכער געמאַכט די שרעק, צוגע־נומען דאָס אומבאַהאָלפנקייט פון די אויגן. די מאַראַנען זענען אַ פאַל געטאָן צו זיינע פיס, זיך צוגערירט מיט די ליפּן צום זוים פון זיין שוואַרצן פלאַשטש.

— פיר אונז, וועלן מיר גיין!

— זיי אונזער פירער!

— אויב ביזט געשיקט פון גאָט!

דער פרעמדער האָט זיך אַ דריי געטאָן, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף לאָפּעצעס, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אַ צעשטראַלטער, געזען אין דעם אַ גאָט־זאַך.

— אַ שיף איז גרייט?

צוויי שיפן שטייען פאַראַנקערט

— גוט.

איינציקווייז האָבן די מאַראַנען זיך געהויבן איבער דער שווינדל־טרעפּ, באַוואָפנטע זענען זיי אַריין אין איינער פון די שיפן, וואָס זענען געווען צוגעבונדן צום ברעג מיט אייזערנע קייטן.

לאָפּעץ אַליין האָט אָפּגעבונדן די קייטן, אָן אַ קלימפּער זיי אַראָפּגעלאָזט אין דער שיף. ריטמיש האָבן זיך אַ הויב געטאָן איבערן

ים די רודערס, איינס־צוויי און די שיף אָן אַ ליכט, און אָן אַ פאָן, האָט זיך געגנבעט נישט ווייט פון ברעג, זיך געוויגט צווישן די כוואַליעס.

דער פרעמדער איז געשטאַנען אין דער מיט אַזאַ רוהיקער, אַזאַ זיכערער, נישט באַמערקט ווי די שיף הויבט זיך, ווי ס'וואַסער ווערט העכער, העכער, געשווילט, ווי אַ שוימיקער וואַל לויפט אָן, גיסט אָפּ אַלע מיט אַ ווייסקייט, טוט מיט אַמאָל אַ פּלאַץ — און די שיף נעמט פאַלן נידעריקער, זי ווערט, דאַכט זיך, באַלד זיך איבערקערן צווישן די כוואַליעס.

די מאַראַנען האָבן זיך געקליבן אַרום דעם פרעמדן, געווען זיכער, אַז ער דאַרף נאָר אַ וואָרף טאָן זיין פּלאַשטש איבער די כוואַליעס, ווי אליהו איבערן ירדן, און זיי וועלן זיך לאָזן נאָך אים.

זיי האָבן נישט אויפגעהערט תּפילה צו טאָן און זייערע צעשטראַלטע אויגן האָבן שטום געפרעגט:

— ווער ביזטו?

די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער פרעמדער איז דער ערשטער אַרויס. און אַז די שיף איז שוין געווען פאַראַנקערט אָן אַ שטיין, האָט ער זיך געלאָזט מיט צען באַוואָפנטע מאַראַנען אין דער נאַכט אַריין, ער איז געגאַנגען אויף פריער מיט אַ צלם איןביידע הענט, געשניטן צו דער תּפיסה.

פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגערוקט, געמאַכט פּלאַץ און איבערצלמנדיק זיך, געווען זיכער, אַז דאָס זענען מיטגלידער פון דער אינקוויזיציע, זוכן מאַראַנען וואָס האַלטן דעם יידישן פּסח.

דער פרעמדער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אייזערנעם טויער. ער האָט אָנגעקלונגען, דער קלונג האָט אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט און צוריקגעבראַכט דעם פיין פון די פאַרשפּאַרטע. די לופט איז געווען פול מיט טריט און קיינער איז נישט געקומען. דער פרעמדער האָט אַ שטאַרקערן קלונג געטאָן.

פון הינטערן פאַרזשאַווערטן טויער האָט זיך געהערט אַ שטים:

— ווער איז?

— אַן אייגענער!

— ווער אַן אייגענער?

— אַ ברודערל, אַ דאָמיניקאַנער...

— טאָ וואָס שלעפּסטו זיך אַזוי אַרום אין אַזאַ פאַרשאָלטענער נאַכט?

גלייך ווי דער טויער האָט זיך געעפנט, האָבן די מאַראַנען גע־בונדן דעם דאָמיניקאַנער, אים פאַרשטאָפּט ס׳מויל, איבערגענומען די וואַך און זיך געלאָזט איבער די קאַמערן.

פאַרשטיקטע געשרייען פון די ברידערלעך אויף דער וואַך זענען געבליבן אין גרגרת. אויסגעלאָצטע אויגן האָבן געקוקט, ווי די נישט־גלויביקע עפענען אַ קאַמער נאָך אַ קאַמער, פירן אַרויס פרויען און קינדער.

דער פרעמדער מיטן צלם אויף אַ פריער האָט געשפּרייזט אין דער נאַכט, געגאַנגען מיטן שטילן וויגן פון די גלאָקן, געגאַנגען צו דער שיף.

אַ זקנה איז אונטערגעקומען, געווען זיכער, אַז מען פירט די ווייבער מיט די קינדער פאַרברענען, האָט זי אַנידערגעקניט, זיך אָנגע־הויבן צלמען:

— גייט אַנטקעגן, הייליקע אַפּאָסטאָלן, די זינדיקע נשמות...

און אַז די שיף האָט זיך ווידער געהויבן איבער די כוואַליעס, געפאָרן מיט די פרויען און קינדער צו לאַפּעצן, איז דער פרעמדער צווישן זיי נישט געווען. ער איז געבליבן אין דער תפיסה־שטאָט, געזאָגט, אַז מען וועט אים דאָרט מאָרגן דאַרפן.

די מאַראַנען האָבן געקוקט אויפן ים, זיך דערפילט אַזוי קליין, אַזוי נישטיק און נישט אויפגעהערט תפלה צו טאָן.

אַ ליכטיקער שימער האָט זיך דורכגעטראָגן איבער די כוואַליעס, אַלע זענען מיטאַמאָל שטיל געבליבן — די שטילקייט, ווען ס׳דאַרף עפּעס געבוירן ווערן.

ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן. בערג האָבן זיך געגרויט, זיך געשפּיגלט אין שטאָלענעם ים און פאַר די אויגן האָט זיך געבלויט אַ גע־שטאַלט — אליהו הנביא שפּרייט זיין מאַנטל איבער די כוואַליעס.

1924

# נאקעטע פיס

פנימער קאַלטע, שלאַבערדיקע, ווי ביי סריסים. צוואַקסענע פלייצעס האָבן זיך געוויגט אויף שווערע, ניט באַוועגלעכע פיס, וואָס האָבן געסקריפּעט ווי טעלעגראַפישע סלופּעס.

איבערגעשראָקענע האָבן זיי זיך געטראָגן איבער די טרעפּן, קיינעם נישט באַמערקט, אויסגעמיטן שכנים און נישט געוואָרן אין דער טיר באַשלאָגן מיט בלעך, וואו שלעסער און שלעסלעך האָבן גע־האַנגען. אַ מרה־שחורה איז געלעגן צווישן די שלעסער. די קינדער פון די שכנישע צעעפנטע טירן האָבן אויסגעמיטן דעם ווינקל.

אין די צימערלעך, וואו די ווייסע ראָלעטן זענען שטענדיק געווען אַראָפּגעלאָזט, האָבן געוואוינט — אַ מאַמע, אַ טאָכטער און אַן אייניקל.

מיט יאָרן צוריק האָט די מוטער זיך געקליבן חתונה האָבן מיט אַ שטילן יונגנמאַן, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ באַנק. זיי זענען אַוועק זוכן אַ דירה, געפונען פיר צימערן אין אַ פאַרוואָרפענעם געגנט, וואו אַרום און אַרום האָבן זיך געצויגן ליידיקע שטיקער לאַנד.

אין דער נאַכט פון דער חתונה איז דעם יונגנמאַן מיט אַמאָל קאַלט געוואָרן, זיך נישט געקענט דערוואַרטן. ס'ווייב האָט אים געלייגט הייסע פלעשער וואַסער צו די פיס, אים פעסט אַרומגענומען, גע־טוליעט.

אירע פיס זענען געווען לעבלעך, שלאַבערדיק, ווי קאַלט אויס־געזאָדן קעלבערן פלייש.

מיטן טאָג איז ער נישט געוואָרן

זי איז געשטאַנען גאַנצע טעג ביים פענסטער, געקוקט אויף די ליידיקע שטיקער לאַנד, אויף דער אַספאַלטענער אַלייע, וואָס האָט זיך

געפּאַלדעוועט, געקניפּט אַ באַרג־אַרויף מיט אַ באַרג־אַראָפּ. זי האָט גע־
האָפּט, דער מאַן וועט צוריקקומען — אַ שטילער, אַן אָנשטענדיקער.

זי האָט געבוירן אַ טאָכטער.

דאָס ליידיקע לאַנד אַרום איז אַלץ מער געוואָרן באַבויט, עס זענען צוגעקומען מענטשן. די טאָכטער איז געוואַקסן מיט דער געגנט. די מוטער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצוזונדערן, אויסגעמיטן אַפילו שכנים, זיך געשראָקן פאַר די פינסטערע ווענט, וואָס זענען געוואַקסן פאַר אירע פענסטער, ווי זיי וואָלטן זיך געלייגט איבער איר מיט זייער משא.

זי איז געזעסן מיט דער טאָכטער אין די אָפּגעקייטלטע צימער־לעך, נישט מיד געוואָרן צו ריידן פון טאַטן — אַזאַ שטילער, אַזאַ באַ־שיידענער, איינגערעדט זיך און דער טאָכטער, אַז ס׳איז אַן אומגליק מיט אים געשען, אַז שלעכטע מענטשן פאַרגינען איר נישט, האַלטן אים ערגעץ פאַרשפּאַרט.

צו אַכצן יאָר האָט די טאָכטער זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז שכנים האָבן זי אָפּט אָנגענומען פאַר דער מוטער, דאָסזעלבע פּנים — פאַרלעגן טויטלעך, ווי די הויט ביי אַ צוגעפרוירענער פרי. פיס שווערע, ליי־מענע. האָט פיינט מענטשן.

מיטן אָוונט זעצן זיי זיך, מאַמע־טאָכטער, אין די צוויי פענ־סטער, וואָס גייען אויף דער אַלייע אַרויס, קוקן ווי אין די בלישט־שענדע אַספאַלט־פעלדן קניפּט זיך באַרג־אויף מיט באַרג־אָפּ, בלאָנדזשען פאַרלעך.

ביים פאָליציי־טעלעפאָן, וואָס הענגט אויפן קעגנאיבערדיקן טע־לעגראַף־סלופּ, שטייען פאָליציאַנטן. זיי זענען די איינציקע מאַנסבילן, מיט וועמען מאַמע־טאָכטער שמועסן אין די אָוונטן.

אַ יונגן שמאָלן פאָליציאַנט זענען זייער געפעלן די צוויי דער־וואַקסענע דאַמען. ער איז לענגער פאַר די חברים געבליבן שטיין פאַרן פענסטער, אַזוי לאַנג געשמייכלט, ביז ער האָט אָנגעהויבן אַרויפ־צוקומען. ער איז געוועזן פאַרליבט איןביידע — געזען אין דער מאַמע די טאָכטער און אין דער טאָכטער — די מאַמע.

מען האָט געשטעלט אַ חופּה.

דער פאָליציאַנט האָט אויסגעטאָן אין דער פינסטער ס׳ווייב,

אַראָפּגעוואָרפן זיינע מלבושים מיט די מעשענע קנעפּ און דער מענטש, וואָס זעט מען זאָל אָפּהיטן ס׳געזעץ, איז אַריינגעשווימען אונ־טער דער קאָלדרע.

פאַרטאָג איז אים קאַלט געוואָרן, זי האָט אים געוואַרמט, געלייגט הייסע גומענע בייטלען וואַסער, אים געהאַלטן אין די אָרעמס.

מיטן טאָג איז די טאָכטער אויפגעקומען, געזוכט לעבן זיך דעם מאַן, אַריין אַ נאַקעטע צו דער מוטער:

— וואו איז דזשעק?

— נישטאָ?

ביידע האָבן זיך שטיל צווויינט, געוואוסט די סבה, נישט גע־רעדט דערפון, געשפּונען אַרום איר אַ טרייסט און די סבה האָט גע־פּיקט, דורכגעפּיקט די טרייסט, ווי דאָס פּיקן פון אַ קליין זייגערל דורך אַ קישן מיט פעדערן.

ס׳איז געבוירן געוואָרן אַן אייניקל.

ס׳אייניקל איז שוין אינגאַנצן געוואַקסן אין שטוב. קיין זכר איז שוין נישט געווען פון די ליידיקע שטיקער לאַנד, גאַסן, געסלעך, גע־וועלבער, פלייש־מערק, פיש־מערק, באַרלס שמוץ, ווי דער ישוב וואָלט געווען אַן אַלטער און איינגעפונדעוועטער.

ס׳אייניקל איז געוואַקסן אַן איבערגעשראָקענס, געווען אינגאַנצן באָבע־מאַמע.

באָבע־מאַמע האָבן געליטן. וואָס אייניקל שווייגט, לאַכט ני׳ט, זיצט שעהן־לאַנג און שפּילט זיך מיט די שאָטנס פון די אייגענע פינ־גער, איז די מרה־שחורה אַליין

באָבע־מאַמע, הויכע, אומגעלומפּערט־צוואַקסענע, זענען געשטאַ־נען איבערן אייניקל, גערעדט אומגעפּאַריש:

— וואָס שמייכעלסטו נישט?

— וואָס זיצטו ווי אַ ליימענע?

— אַ מיידל דאַרף זיין פריילעך!

— ווי זיצטו?

— דעק צו די קניען!

— געזען ביי אַ מויד אַ פּאָר געפּרווירענע קני?

— וואָס שמייכלסטו נישט?

— עפן אַ ליפּ!

— ס'אייניקל האָט געעפנט אַ ליפּ. גלייכע, צעוואָרפענע ציין, ווי אַ שיטערער פּלויט, האָט אַ שטשירע געטאָן אין חלל. איר פּנים האָט זיך צעטיילט אין צווייען — האַלב געוויין, האַלב געלעכטער האָט זיך געוויקלט איבער די לענגלעכע באַקן, רינג אַיין, רינג אויס, זיך גע־קייקלט, געשלייפט, געוואָרן קלענער, קלענער, זיך אויסגעבונדן אין אַ קניפּעלע.

באָבע־מאַמע האָבן זיך דערזען אין אייניקל, ווי דאָס אייגענע פּנים רעפלעקטירט זריי מאָל אין אַ פּאָקוס־שפּיגל, געצויגן ס'קליידל איבער די נאַקעטע פיס, נישט געוואָלט זען די אמתע סבה און וויי־טער געשפּונען די טרייסט...

1924

# איז אַ פאַרשײַטער וועלט

אין די בערג האָט זיך דער ווינטער פרי אָװעקגעשטעלט. די טעג גרויע זענען איינגעלאָפן, די נעכט פינסטערע זענען געװאָרן לענגער. ווינטן האָבן אָנגעטראָגן פריזמעס שניי, אים געשפרייט איבער באַרג און טאָל.

די צען אַקער לאַנד, וואָס זענען געלעגן צווישן צוויי טייכן, זענען אָפּגעשניטן געוואָרן פון דעם אַרומיקן ישוב, געוואָרן איינס מיטן פאַרפרוירענעם וואַסער און זעלטן ווען אַ מענטש איז דאָ פאַרקראָכן.

אין אַן אָפּגעקראָכן שטיבל, וואָס איז געשטאַנען צווישן אַלטע באָדל־בוימער, האָט געוואוינט אברהם גראָס, אַן עלטערער ייד מיט אַ באָרד ביז איבערן גאַרטל. זיין ווייב אַ זקנה, וואָס האָט געליטן פון מרה־שחורה, גערעדט מיט זיך, האָט אַ מינוט נישט געקענט זיצן לייַ־דייק. זי האָט אויסגעשלאָגן פּוטער, אויסגעקוועטשט קעז, געשטריקט זאָקן און אַז זי האָט מער נישט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט זי צו־גערוקט צום אָנגעהייצטן אויוון אַ בושעל מיט פאַסאָליעס און זיי אָנ־געהויבן אויסצוציילן אין בלעכענע עמערס.

און אַז די זקנה איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי זיך צוגעשאַרט צום מאַן. די קנייטשן פונם פאַרמרה־שחורהטן פּנים האָבן פאַרווירט געשמייכלט, די אויסגעלאָשענע אויגן האָבן געקוקט מיט צער, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן סכנות־נפשות.

אברהם האָט אויפגעהויבן ס'פּנים פונם ספר

— וואָס איז, מירעלע?

די זקנה האָט געפּרעפּלט מיט די איינגעצויגענע ליפּן, איינגע־רוימט אַ סוד:

— טויזנטער, טויזנטער, טויזנטער פאַסאָליעס...

ד׳ער מאַן האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט
— נו, גוט, מירעלע, גוט!

אַ באַרוהיקטע, מיט אַן אויסטערלישן שמייכל, האָט זי זיך צוריק־געזעצט ביים אויוון, גענומען ציילן די פּאַסאַליעס, זיי געוואָרפן פון די עמערס אין דעם הילצערנעם בושעל אַריין.

יאָרן וואוינט אברהם צווישן די צוויי טייכן, באַאַרבעט די צען אַקער לאַנד.

אַ הויכער, אַ בייניקער, די פּלייצעס ברייטע, אַ קלאַפּטער די ברייט, די באָרד פאַרלירט זיך ערגעץ אונטערן טיש, פלאָנטערט זיך אין די געדיכטע ברעמען — זיצט אברהם איבער אַ „מדרש־תּלפּיות״ און לערנט.

דער זומער מיט זיינע דאגות לאָזט בלויז איבער אַ ווייטאָג, דערמאָנט, אַז די פרייד איז נישט אייביק, אַז די ווינטער־שטומקייט, וואָס שמידט אַלץ אין אייז, ברענגט מיט זיך אַזאַ רוהיקייט, וואו רעיונות קלאָרע, דורכזיכטיקע שטייגן פון איין הימל אין צווייטן — די ווינטער־רוהיקייט ווערט מיט זומער צערינען.

דער מענטש באַפּאַלט באַרג און טאָל, פאַראומרייניקט די טייכן און די לופט איז פול מיט תאוות. נישטאָ קיין צייט אַריינצוקוקן אין אַ ספר, געשווילט דער קאָפּ פון פּוסטקייט און אַרום פלאַצט נאָגט אַ פּיין

אברהמס באַוואַקסענער קאָפּ הויבט זיך צום סופית, די ווייסע פּאַסמעס באָרד מאַכן ליכטיק די שטוביקע גרויקייט און די טיפע אויגן לייכטן אויף, דערפילן זיך בכח אַנטקעגנצושטעלן זיך די תאוות, וואָס שטייען אים אין וועג. מען דאַרף נאָר וועלן, שטאַרק וועלן, מען דאַרף אַנטקעגנשטעלן די קלאַפּטער־פּלייצעס הינטער די בערג, זיי אויס־רייסן, ווי שמשון, מיט די וואָרצלען און דער שבת־שבתון וועט בלייבן.

אין דער צעעפנטער טיר האָט אברהמס פערד אַריינגעשטעקט די מאָרדע, געשיקט פון די נאָזלעכער ווייסע קנוילן פּאַרע.

די אַלטיטשקע האָט אויפגעהערט ציילן די פּאַסאַליעס, קלענער געוואָרן, פון שרעק זיך אָפּגערוקט און געסטראַשעט דעם פערד מיט אַ פינגער ס׳זאָל נישט גיין ווייטער. ס׳פערד האָט מיטן האַלז ברייטער

געפענט די טיר, זיך געבעטן מיט די שטומע אויגן, מען זאָל עס אַריינלאָזן.

אַ ווינט האָט אַ ריס געטאָן די טיר, זי אויפגעפּראַלט. דאָס פלעמל אין דעם נאַפט־לאָמפּ האָט זיך אַ צי געטאָן און עס איז געוואָרן פינסטער.

אברהם האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— וואָס איז? וואָס איז, מירעלע?

פון אָפּענעם אויוון האָט געשלאָגן אַ רויטע שיין און אויף דער געקאַלעכטער וואַנט האָט זיך אַ שאַר געטאָן די אַלטיטשקע, הויט און ביינער און איבער איר אַ פערדישער קאָפּ, ווי פון קופּער.

— שרעק זיך נישט, שרעק זיך נישט, מירעלע — האָט אברהם באַרוהיקט דאָס ווייב, זי צוריק אַוועקגעזעצט ביים אויוון — שלמהקע האָט אודאי אָפן געלאָזט די שטאַל.

ער האָט אַרויסגעפירט ס׳פערד, פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

אַרום איז געווען שטיל, ווי אין אַ מדבר. דער שיין פון דער לבנה איז געפאַלן אויף דעם אָנגעטראָגענעם שניי, געבלענדט מיט פּאָספאָר.

די עפענונג פון טייך, וואָס מען האָט נישט געלאָזט פאַרפרירן, האָט געגלאָצט פון שניי אַרויס מיט טיפן חושך.

די שטילקייט האָט זיך אַרויסגעשיילט פון דער פינסטערניש, מיטגעבראַכט אַ פאַרכשופטן רויש, ווי הער רויש וואָלט זיך געטראָגן פון וואַסער, וואָס אונטערן אייז.

אברהם האָט אַרומגענומען ס׳פערד, פאַרריסן דעם קאָפּ מיט דער צעפּאַטלטער באָרד און פון זיינע טיפע אויגן האָט זיך געגאָסן אַ ליכ־טיקייט, דערציילט אַז ער האָט אַלץ גובר געווען, אַז דער מענטש האָט זיך איבערגעגעסן מיט תאוות, איז „כולו חיב.“

און די פאַרשנייטע בערג ווערן ניט מיד צו דערציילן טאָג און נאַכט, אַז צווישן זיי שוועבט שוין דאָס ליכט פון משיחן, וואָס גאָט האָט אַרויסגעלאָזט פון הינטערן כסא־הכבוד. קרוינען צינדן זיך אין דער לויטערקייט, וואָס שפּרייט זיך איבערן שניי, הויבט זיך העכער און העכער, הילן איין די שטול פון פייער, וואו משיח זיצט:

— קדוש, קדוש, קדוש...

אַ ווינט איז אָנגעלאָפן מיט שנייאיקע שטערנדלעך, זיי אַ שלייַ־ דער געטאָן אברהמען אין פּנים אַריין, אַז ער האָט זיך אַ בויג געטאָן, זיך גלייך נישט געכאַפּט וואו ער איז און געקוקט אויפן שטאַל, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון די בערג מיסט, וואָס זענען געלעגן אַרום די ווענט.

שלמהקע איז אים אַנטקעגן געקומען.

— וואו ערגעץ שלעפסטו זיך אַרום, שלמהקע, און לאָזט אָפן די שטאַל?

— איר האָט מורא מען וועט אייך באַגנבענען?

— ס׳פערד איז פאַרקראָכן אין שטוב אַריין.

— כ׳האָב אוודאי אָפן געלאָזט די שטאַל, ווען איך בין געגאַנ־ גען פאַרנאַכט מעריב דאַווענען.

אַן אויסגעליידיקטער איז אברהם געבליבן שטיין אויפן הויף, געוואָלט אויפכאַפּן, וואָס ער האָט נאָר וואָס פאַרלאָרן. אַרום האָרץ איז געוועזן אַ ווייטאָג, וואָס שלמהקע שטייט אים אין וועג, זיצט אין אַזאַ העק און דאַווענט דריי מאָל אַ טאָג, דערלאָזט נישט די וועלט זאָל זינקען אין עבירות, ווערן „כולו חיב.״

דורך די שפּאַלטן פון שטאַל האָט זיך דורכגעזיפּט אַ ברודיקער שיין פון אַ לאַמטערנע.

אַ פאַרביטערטער איז אברהם אַריין אין שטאַל.

— שלמהקע, קענסט זיך זוכן אַן אַנדער פּלאַץ.

— וואָס?

אברהם האָט געוואָלט זאָגן, אַז שלמהקע שטייט אים אין וועג, אַז זיי קענען נישט הויזן, פייער מיט וואַסער, אַז די גלייכסטע זאַך איז, זיי זאָלן זיך צעגיין און ער האָט זיך צעבייזערט.

— אַן אַרבעטער, וואָס היט אָפּ מעריב איז קיין אַרבעטער נישט.

1924

# אויף א בית־עולם

די הויכע דיקע מויער מיט די מאַסיווע אייזערנע טויערן האָבן מער געפּאַסט פאַר אַ פעסטונג, ווי פאַר אַ בית־עלמין. ס׳פעלד איז געווען צעשניטן אין געפלאַסטערטע אַלייען, וואו פאַמיליען־קברים, געהאַקט פון מירמל־שטיין און גראַניט, ווי קליינע פּאַלאַצן, זענען געשטאַנען פוןביידע זייטן, זיך קוים אַרויסגעזען פון די צעצווייגטע ביימער, פון די קריכיקע פלאַנצן.

הינטער די קברים האָבן זיך געצויגן בייטן מיט בלומען. די פענסטער פון די אָראַנזשערן געעפנט און אויסטערלישע געוויקסן האָבן געקוקט צו דער זון.

צווישן די בייטן איז געשטאַנען דעם פאַרוואַלטערס טאָכטער עוועלין — אַן איידל, בויגיק מיידל. אַ לייכט ווייס קלייד מיט ברייטע, לויזע אַרבל איז געפאַלן פון אירע שמאָלע אַקסל. די בלאָנדע האָר האָבן געלויכטן, זיך צונויפגעגאָסן מיטן געוועלבטן האַלז און אונטער דער פאַרגייענדער זון אויסגעזען ווי אַ וואַסער־בויגן.

זי איז געבוירן געוואָרן אויפן בית־עולם, זיך געשפּאַרט איינע אַליין אין גרויסע צימערן, געקוקט ווי אויטאָמאָבילן גליטשן זיך פאַרביי, שטעלן זיך אויס פון ביידע זייטן אַלייע.

מענער מיט געבויגענע צילינדערס, דאַמען אין שוואַרצן, האָבן זיך געוויגט ווי שאָטנס, זיך געווישט די אויגן און געלייגט אויף די קברים בלומען, אָן שיעור.

עוועלין האָט געקאָנט אָפּזיצן שעהן ביי אַן אָפּגעהאַקטן בוים פון מירמלשטיין, רעדן אין חלל אַריין, ווי זי וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ חברטע. און אַז עס איז איר דערעסן געוואָרן, האָט זי צונויפגערופן די קינדער פון אונטער די בערגלעך, זיי אָנגערופן ביי די נעמען, ווי

זי וואָלט ניט געווען אויף אַ בית־עולם, נאָר צווישן אַ פֿאַרצווייגטער משפּחה.

זי האָט זיך אויסגעטענהט מיט די טויטע, פֿאַרשטאַנען זייער לשון פּונקט ווי אַ קינד, וואָס קאָן נאָך ניט רעדן טענהט זיך אויס מיטן הונט, מיט דער קאַץ און אַפֿילו מיטן טאַטנס שטעקן.

זי איז געקראָכן איבער דעם געמויערטן פּלויט, זיך פֿאַרקליבן אויף די שפּיצן פֿון די ביימער, אויף די געוועלבטע דעכער פֿון די קברים, זיך געהאַלטן אויף די דינסטע צווייגלעך און זיך צוגעהערט צו די נשמהלעך, וואָס האָבן געפּלאַפּלערט אַרום איר, ניט אויפגעהערט איינצורוימען:

— געדענק, עווע‌לין, אַז דער ווילן ניט צו פֿאַלן דאַרף זיין זי־כערער און פֿעסטער פֿון דעם טראָט!

און זי איז קיינמאָל ניט געפֿאַלן.

און אַז זי, עווע‌לין, האָט עפּעס געוואָלט, שטאַרק געוואָלט, איז גענוג געווען זי זאָל אַ מאַך צו טאָן די אויגן, ברענגען די זאַך איבער די ליפּן, און פֿון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען טראָגן קלאַנגען, זיך געטראָגן פֿון אומבאַקאַנטע וועלטן און ווייטן. האָט דאָס יונג האַרץ אויפֿגעציטערט, באַגריסט די גרויע געשטאַלטן, וואָס זענען אַראָפּ פֿון די מצבות, זיך צעלייגט ביי אירע פֿיס

ביי טאָג און ביינאַכט האָט דער בית־עולם געשפּונען זיין שטיל־קייט, וואָס איז פֿול געווען מיט שאָטנס, און צווישן די שאָטנס האָט זיך געשאַרט עווע‌לין, געשמייכלט פֿון די מענטשן, וואָס פֿאָרען זיך איבער שטיינערנע פּליטעס, איבער קברים, מיינען, אַז די מתים ליגן אונטער די שטיינער

אַזוי איז זי געוואַקסן מיט זיך, מיט ניט־זעבאַרע מתים, און אַז זי האָט זיך אַ געבויגענע געטראָגן צווישן די קברים, געוואָרן און ניט געוואָרן, האָט זי מער אויסגעזען ווי אַ שאָטן, וואָס איז אַראָפּ פֿון אַ מצבה זיך איבערצולויפֿן, און אַז ער וועט מיד ווערן וועט ער זיך צוריק אַוועקשטעלן אויף דעם מירמלשטיינערנעם זייל.

עס איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר. עווע‌לין, אָן חברטעס, אָן חברים, האָט זיך געדרייט מיט די ביכער צווישן די טויטע, געזעסן אויף אַ פֿרישן קבר פֿון אַ מיידל־מאַמע, וואָס האָט זיך גענומען דאָס

לעבן. און אַז דער רעש איז אַריבער, די משפחה פון דער מיידל־מאַ־מע האָט אויפגעהערט צו קומען, האָט עוועלין איינמאָל אַ פּאַרנאַכט, דערהערט אַ שטיל געזאַנג, ווי מען וואָלט איינגעוויגט אַ קינד. דאָס געזאַנג האָט זיך געטראָגן פון די בושעס, וואָס קעגנאיבער דעם קבר.

עוועלין האָט איבערגעלאָזט דאָס בוך און איז פאַרשווינדן צווישן די בושעס. דאָס געזאַנג האָט זיך איבערגעריסן, געבליבן הענגען אין דער לופט מיט אַ ציטער. זי האָט געזוכט צווישן די צווייגן, צווישן די מצבות — קיינער איז ניט געווען.

אַ יונגערמאַן, אויסגעהאַקט אינגאַנצן פון גראַניט, וואָס איז גע־שטאַנען אויף אַ פּירעקיקער פּליטע, האָט געקוקט אויף איר. עוועלין האָט אָפּגעשאָקלט פון זיך זיין בליק, זיך געחדושט, וואָס עס האָט זיך איר מיטאַמאָל געקאָנט אויסדוכטן, און אַ פאַרטראַכטע צוריקגעגאַנגען צום קבר. זי האָט זיך אַרומגעקוקט — דאָס בוך איז ניטאָ.

אַ געבויגענע, אין גרויען, איז זי געבליבן שטיין איבערן קבר, לייכט אויפגעציטערט, און געוואָלט זיך דערמאָנען, צי זי האָט מיט־גענומען דאָס בוך, אָדער עס איבערגעלאָזט.

זאָל דאָ עמעצער האָבן געווען? טאָ וואו איז ער אַהינגעקומען?

זי איז געגאַנגען אַהין און צוריק, געזוכט פוס־טריט, געפרעגט ביי די מוליאַרעס, וואָס האָבן געמויערט פאַר די מתים הייזער, צי זיי האָבן ניט גענומען קיין בוך, און דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט די בית־עולם שטילקייט זי געשראָקן.

עס זענען דורך עטלעכע טעג. עוועלין האָט געגלויבט, אַז אַ מו־ליאַר האָט צוגענומען דאָס בוך און ביסלעכוויז אָנגעהויבן פאַרגעסן, ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט. מאַכט זיך — זי איז ווידער דורכ־געגאַנגען דעם קבר פון דער מיידל־מוטער און דערהערט דאָס שטילע געזאַנג, איצט נאָך טרויעריקער ווי ס'ערשטע מאָל. זי איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אַ פאַרציטערטע און אַז זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָכן געזאַנג — איז קיינער נישט געווען.

אויפן זאַמד איז געלעגן איר בוך אַ צעעפנטס. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס בוך, עס געבלעטערט, איינגעאָטעמט דעם ריח פון פאַר־וועלקטע בלומען, און מיט האַרצקלאַפּעניש איבערגעלייענט אויפן פאַ־דערבלאַט:

„ווי קומט אַן אמתע בלום צווישן בית־עלמין־קוויטן?״

און דער יונגערמאַן, געהאַקט פון גראַניט, האָט, דאַכט זיך, אַראָפּגעשמייכלט פון דער פּליטע — האָט עוועלינס טראָט פאַרלוירן די זיכערקייט, זי האָט גענומען לויפן מיט זייטיקע ווענלעך, געפאַלן און אַן איבערגעשראָקענע אַריין צו זיך אין צימער

אַ פאַרבענקטע האָט זי אַלץ געוואָלט דערגיין, צי דאָס האָט מיט אַן אמת פּאַסירט, צי דאָס איז ניט מער ווי אַ חלום. זי איז געזעסן איבערן אויפשריפט ביז שפּעט אין דער נאַכט, פאַרגליכן מיט איר האַנטשריפט, און אויסגעפונען, אַז די האַנטשריפטן זענען ענלעך

אַ לבנה אַ גרויסע איז געהאָנגען איבער די קברים, איבער די מצבות, געשפּרייט שאָטנס איבער שאָטנס, זיך געשפּאַרט אין די אָפענע פענסטער — האָבן מענטשן זיך געדרייט אין די בעטן. גערעדט פון שלאָף.

פון אַ פּירעקיקער פּליטע איז אַראָפּ אַ גרויע געשטאַלט, זיך גע־אויגן העכער און העכער, זיך צעפּייפט אַנטקעגן דער לבנה אַזוי דין און טרויעריק, אַז אירע אַקסלען האָבן אָנגעהויבן ציטערן

עוועלין, אַ בויגיקע, האָט זיך אויפגעשטעלט אין איר לאַנגן, ווייסן נאַכט־העמד, זיך געצויגן ווי אַ שנירל וואַסער, זיך געלאָזט נאָכן געזאַנג, נאָך די קאַלטע פּיאָלעט־שטראַלן.

די קאַרליק־בוימלעך, די אויסטערלישע בלומען, די קליינע פּאַ־לאַצן, אַלץ האָט דערציילט, אַז דאָס איז ניט קיין בית־עולם, אַז דאָס איז אַ פאַרשאָלטן קעניגרייך, וואו מיט דער נאַכט שפּאַצירט עוועלי צווישן די פּאַלאַצן, וואַרט אויף דעם, וואָס דאַרף זיך באַווייזן פון הינ־טער אַ מירמלשטיינערנעם שלאָס.

עוועלין איז געבליבן שטיין ווי אַ שלאָפנדיקע פלאַנץ, זיך ניט געקאָנט אַרויספלאָנטערן פון די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געפלאָכטן אַרום אירע איידעלע הענט, אַרום די לאַנגע, ווייַנענדיקע פינגער. זי האָט געוואַרט אויף דער גרויער געשטאַלט, געפלאַטערט

— ווער ביזטו?

— אַ בית־עולם־בלום.

— און דו?

— איך? אַ שאָטן.

הענט האָבן געציטערט אין הענט, ליפּן אין ליפּן.

דאָס געזאַנג איז געוואָרן העכער, העכער, זיך געטראָגן פון יעדן קבר, געפּראַלט צו דער לבנה. און אַז די לבנה איז פאַרשוואונדן אין פלאַמען, האָט דאָס געזאַנג זיך מיטאַמאָל אָפּגעריסן. די שאָטנס זענען אַרויף אויף די מצבות און דער בית־עולם האָט ווייטער געשפּור־נען זיין שטילקייט, איינגעוויקלט אויף דער פּליטע צופוסנס דעם יונגנ־מאַן, געהאַקט פון גראַניט, און דער באַגינען, אַ יונגער, האָט זיך גע־ווינטלט אין די פאַלדן פון איר וויסן נאַכט־העמד, אין אירע ליכטיקע האָר, און אַרום די פרישע, קוים צעעפנטע ליפּן

1924

# אויף א פאַרם

אויף דער פערטער וואָך נאָך זיין ווייבס טויט, האָט גילמאַן, אַן עלטערער פּאַרמער, געשיקט נאָך זיין ברודערס עלטסטע טאָכטער אַ מיידל אין די צוואַנציקער, וואָס האָט געוואוינט אין אַ קליין שטעטל אין פוילן.

פון ערשטן טאָג אָן האָט זיך שרה פאַרלאָרן ביי איר פעטער אויף דער פּאַרם. דאָס קליינע שטעטל, פון וואַנען זי איז געקומען, דאָס האַלב איינגעפאַלענע הייזל, וואו אין איין חדר איז זי מיט נאָך ניין קינדער אויסגעוואַקסן — דאָס אַלץ האָט שרהן אַזוי איינגעשנורעוועט, אַז זי האָט זיך בשום אופן ניט געקענט צוגעוואוינען צו דער ברייטקייט און גרויסקייט, אין וועלכער זי איז אַריינגעפאַלן און זי איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטע, זיך געשטיקט פון צופיל לופט.

ביי גילמאַנען אויף דער פּאַרם איז די שפע געווען גרויס, געקוואָלן פון די אומענדלעכע לאָנקעס, וואו בהמות האָבן טאָג און נאַכט געטאָפּטשעט מיט אַ קלינגעריי איבערן פייכטן מאָך. און אַז די מילך פון די איבערגייענדע אייטערס האָט גענומען טריפן אויף דער ערד, האָט אַ פאַרצערט מעקן אויפגעטרייסלט די שטומע לאָנקעס.

דאָס פאַרבענקט מעקן האָט דאָס קליינשטעטלדיק מיידל נישט געלאָזט אײַנזיצן אין שטוב. זי האָט זיך געלאָזט איבער דער לאָנקע, וואו דאָס ניט געשניטן גראָז האָט זיך געהויבן איבערן קאָפּ און ניט געגלויבט, אַז זי, שרה, געפינט זיך ביים פעטער, זי איז געווען אונטערן איינדרוק, אַז זי שווימט נאָך אַלץ איבערן ים, געזען ווי דאָס גראָז פאַלדעוועט זיך, לויפט און שלינגט זי אַיין.

אין אָנוועזנהייט פון פעטערס טאָכטער האָט שרה אויסגעזע קליין און נישטיק און ס'לשון איז איר תמיד אָפּגענומען געוואָרן. דעם פעטערס איינציקע טאָכטער איז נאָך געווען אַ יונג מיידל, אַ הויכע,

אַ פרישע, פיס לאַנגע, בויגיקע, און אַז זי פלעגט אָנזאָטלען אַ פערד, האָט עס געברענט אונטער אירע הענט. שרה האָט זיך געפילט שולדיק, זיך געצחדושט, פאַרוואָס עלסי איז גוט צו איר — ווייס זי[illegible]דען נישט, אַז זי שרה, גייט פאַרנעמען איר מוטערס פלאַץ?

פאַרן פעטער האָט זי זיך געשראָקן. אַ ברייט־ביייניקער, מיט אַ רויטן קאַרק, האָט קיין יידיש פנים נישט. שווייגט, ער קאָן אָפּזיצן שעהן אויף אַ וויג־שטול מיט אַ פיפקע אין מויל, הערט זיך, דאַכט זיך, איין צום זשומען, וואָס קומט פון די לאָנקעס, פון די פעלדער און האָט אַ טבע צו טראַכטן אויפן קול אין אָפּגעהאַקטע, געציילטע ווערטער, און אַז ער איז גוט אויפגעלייגט, וועט ער ניט מיד ווערן איבערצוחזרן צום הונדערטן מאָל מעשיות וועגן היימישע יידן.

אַז שרה האָט זיך אויסגערוט פון דער נסיעה, האָט גילמאַן איינגעשפּאַנט אַ ברישקע אויף צוויי רעדער, זיך אַריינגעזעצט מיט שרהן, געפאָרן איבערן פאַרם, איר געוויזן וואָס ער פאַרמאָגט און גערעדט אָפן:

— זעסט, טאָכטערשי, די לאָנקעס, די פעלדער מיט תבואה, די בהמות — דאָס אַלץ וועט זיין דיינס! אין הויזווירטשאַפט מיש איך זיך ניט. איך האָב זיך נישט געמישט ביי לאה, צו לענגערע יאָר אונז, און איך וועל זיך ביי דיר אויך נישט מישן. נא, דאָ האָסטו די שליסלען און פון היינט אָן וויל איך, דו זאָלסט זיין די באַלעבאָסטע. מכח חתונה האָבן, איז וואָס אמת וואָלט איך גלייך חתונה געהאַט, האָב איך אָבער עלסין צוגעזאָגט נישט חתונה צו האָבן פאַרן יאָר. אַ קינד, כ'ווייס... האַ, וואָס זאָגסטו, שרה, מיר וועלן צו וואַרטן?

נאָכן שמועס איז שרה אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענע, ניט געהאַט פאַר וועמען אָפּצורעדן דאָס שווערע האַרץ, זי איז געזעסן שעהן אויף דער וועראַנדע, געקוקט אויף די פעלדער מיט תבואה, וואו די צייטיקע, שווערע קעפלעך זענען זיך צונויפגעקומען, אויסגעזען ווי אַן אומענדלעכער פלויט, איבער וועלכן די היץ איז געהאַנגען ווי אַ נעפל און צו דער ערד צו, וואו די זאַנגען זענען געווען שיטערער, האָט זיך געטראָגן אַ קילקייט.

דאָס פאַרשנורעוועט לעבן, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט אויף דער

אַמעריקאַנער פֿאַרם איז לויזער געוואָרן, אַראָפּגעוואָרפֿן איין שנירל נאָכן אַנדערן און דער אויסגעצצערטער קערפּער האָט שטיל געוויינט וואָס די יוגנט איז מיט גאָרנישט אַוועק. דאָס ברייטקייט און ווייט־קייט פֿון די פֿעלדער האָט געשראָקן, און אַז זי האָט געהערט דאָס פֿאַרבענקטע מעקן פֿון די בהמות, האָט זי געוואָלט מיטשרייען.

איינמאָל פֿאַרנאַכט, ווען שרה איז געבליבן אַליין אין הויז, איז איר אַזאַ בענקשאַפֿט באַפֿאַלן, אַז זי איז אַרויס פֿון הויף און זיך גע־לאָזט מיט דער לאָנקע. זי האָט הנאה געהאַט, וואָס די גראָזן פֿאַר־קריכן אין די אויערן, אין קאַרק, פֿאַרקלייבן זיך אין די זאָקן, וועקן יעדן נערוו און אַ צער, דער צער פֿון נישט געבוירענע קינדער, טראָגט זיך פֿון אַלע זייטן.

שרה, האָט מיט אַמאָל דערהערט אַ שטים. זי האָט זיך אָפּגע־שטעלט און זיך איינגעהערט. קעגנאיבער איז געגאַנגען עלסי מיט אַ יונגן פֿאַרמער, גילמאַנס אַ שכן. שרה האָט געציטערט, זיך עטוואָס איינגעבויגן, מען זאָל זי נישט באַמערקן און מיט אויגן, וואָס וואָלטן געקענט דורכלעכערן אַ וואַנט, האָט זי געקוקט ווי דאָס פּאָרל גייט אָפּ עטלעכע טריט אין דער אָפּענער לאָנקע, שטעלט זיך אָפּ, פֿאַר־וואָרפֿן די הענט איינע אַרום דעם צווייטן און זיי קושן זיך.

דאָס פּאָרל האָט זיך צוגעזעצט. שרה האָט אַריינגעכאַפּט ס׳פּנים איןביידע הענט און אַזוי געבליבן שטיין. די אומבאַשטימטע פֿרייד, די שלאָפֿלאָזע נעכט פֿאַרן פֿאָרן נאָך אַמעריקע, דער חלום, וואָס האָט זיך באַוויזן פֿאַר די פֿאַרמאַכטע אויגן, ווען זי איז איינע אַליין אין דער היים געבליבן — דאָס אַלץ האָט זי אין אַ רגע איבערגעלעבט.

די פֿרוי אין שרהן האָט געוויינט. זי האָט גענומען גיין אַהיים, גילמאַן איז געקומען רייטנדיק, ער האָט אויסגעזען פֿיל יינגער, גע־זעסן ווי אַ ווירע און אין זיין האַלטונג איז געווען עפּעס וואוילערי־שעס, וואָס האָט אַ בלאָז געטאָן אויף שרהן מיט אַ וואַרעמקייט.

ער האָט זי באַמערקט, אַראָפּ פֿון פֿערד, געלאָזט אים ביים וועג און איז צוגעגאַנגען.

— וואָס טוסטו דאָ איינע אַליין?

— ב׳בין זיך אַביסל דורכגעגאַנגען.

— אַ שיינע נאַכט.

ער האָט אַ פּייף געטאָן צום פערד און עס האָט זיי גענומען נאָכגיין. שרה האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן גילמאַנס ברוסט און זיך צעוויינט. גילמאַן איז געוואָרן גערירט, זי גענומען באַרוהיקן, גלעטן און זיך צוגעזעצט מיט איר אונטערן בוים.

שרה האָט זיך געטוליעט צום אַלטן, געזען דורך די פאַרמאַכטע אויגן, ווי עלסי האַלזט דעם יונגן שכן, געפילט ווי זי ווערט נישט אין גילמאַנס שטאַרקע אָרעמס, און אַז זי האָט אַ זשמורע געטאָן מיט די אויגנלעפלעך, האָט זי זיך באַגעגנט מיט דעם קלוגן בליק פון פערד, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און געקוקט אויפן פּאָרל.

1924

# אין דער פרעמד

די לאָדנס האָבן זיך פאַרמאַכט פון אינעווייניק. אַ פליגל איבער אַ פליגל, און אַרום די קוים־צוגעמאַכטע טירלעך האָבן געפליטערט שטיקלעך באַגינען, זיך צעלייגט איבערן דיל, איבער די ווענט, גע־טריבן די רעשטעס נאַכט אונטערן בעט.

אין אַ ווינקל פון בעט איז געלעגן אַ זיבעצן־יעריקער בחור, מיט אַ שמייכל אַרום די אויגן־דעקלעך.

ער האָט זיך געבעטן ביים פאָטער, ער זאָל אים נאָך אַ ווייל לאָזן ליגן. דער פאָטער אַ פאַרדאגהטער, איז געשטאַנען איבער זיין אַכט־יעריקן דן, געזען ס'ייִנגל זאָל זיך גיכער אָנטאָן, מ'קען נאָך פאַר־שפעטיקן צו סליחות.

די מאַמע, געוויקלט אין שאַל, מיט אַ חלבן ליכטל אין דער סליחה, האָט זיך געדרייט איבער די קליינע צימערלעך, איינגעדעקט די מיידלעך, וואָס האָבן אין שלאָף אָפּגעקאָפּעט פון זיך די קאָלדרעס, און געוואַרט מיט אַ יראה־שמים־פנים אויף אירע צוויי מאַנסבילן. און דעם אַכט־יעריקער מאַנסביל האָט זיך זייער נישט געגלוסט אַרויסצע־קריכן פון הינטער דער וואַרעמער פערינע און זיך שלעפן אין אַזאַ קאַלטן חושך אין בית המדרש אַריין.

אַ פליטערל איז אַריין דנען צווישן די אויגן, געגלעט, געוואַ־רעמט, געדריוולט אַ פאָדעם נאָך אַ פאָדעם — זענען די פעדעם זיך צעפאַלן, מיטגעשלעפט טאַטע־מאַמע און לייכט, ווי מיט אַ בלאָז, אים איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, אַ ווייטע, וואו די מענטשן, ס'לשון, אַלץ איז אים געווען פרעמד.

שוין די דריטע וואָך ווי דן האָט זיך נישט געקענט צוגעוואוי־נען צום מעבלירטן צימער. צוויי מיידלעך, אויסגעשניטענע פון אַ זשורנאַל, וואָס זענען געווען צוגעקלעפּט צו דער וואַנט, האָבן זיך

גלייך מיטן אויפשטיין געוואָרפן אין די אויגן. אַ משונהדיקער ריח, וואָס האָט דורכגענומען ס'בעטגעוואַנט, די ווענט, שטענדיק געשטאַנען אין חלל פון צימער, האָט אויף אַ מינוט נישט געלאָזט פאַרגעסן, אַז דן איז אין פּאַריז.

ער איז אַראָפּ פון געלעגער און ברייט צעעפנט ס'פענסטער.

אַ ליכטיקער פרימאָרגן האָט זיך געריסן איבער די דעכער, גע־שימערט אין די שכנישע פענסטער, אַרויסגעבלישטשעט פון די קליינע וואַסערלעך, וואָס זענען געבליבן שטיין נאָכן אָפּשווענקען פון די אויסגעטרעטענע הילצערנע גאַסן. די לופט איז פול געווען מיט פריש געבעקס, מיטן אָפּקלאַנג פון באַגינען, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אַוועק־געשטעלט אויף די פיס. אַ שטילקייט האָט זיך געטראָגן פון די אַלטע גרויע ווענט, וואָס האָבן זיך געצויגן גאַס־איין, גאַס־אויס, זיך צעלייגט איבער די שמאָלע געסלעך, איבער די נאָך שמעלערע דורכגענג. די שטילקייט איז געלעגן ווי נעכטן, ווי אײערנעכטן. ווי מיט יאָרן צו־ריק. אַ היימלאָזע האָט זיך פאַרבייגעשאַרט, געזוכט אָפּגעברענטע שטאָפּסלען, געשיט דעם טאַבאַק אין אַ לייווענטן זעקעלע און נישט געוואָרן צווישן די פאַררויכערטע ווענט.

דן איז געבליבן שטיין ביים פענסטער. אַ שטילער פּיין האָט אים גענאָגט. עפּעס האָט אין אים געבליצט, זיך געלאָשן, ערגעץ ווייט האָט אויפגעהעלט זיין מאַמע, אַ פאַרווײנטע, און אַ בענקעניש נאָך אַ היימישן מענטשן האָט אים אַרומגענומען.

די ליידיקע הילצערנע גאַסן האָבן אייגעזאַפּט דעם הילך, וואָס איז אָנגעקומען פון אַלע עקן שטאָט, ווי דאָס זשומען פון טעלעגראַף־דראָטן, דערציילט, אַז ערגעץ גייען מענטשן, אַנטלויפן, פאַרשליסן נאָך זיך טיר און טויער און אים, דנען, האָט מען איבערגעלאָזט אַליין.

„וואו איז ער?"

דרייט זיך אַ מענטש צווישן שאָטנס און קלאַנגען, שרייבט מיטן פינגער אין דער לופט און גלויבט, אַז ער זעט פאַר זיך מענטשן, טויזנטער דעכער, אַ דאַך איבער אַ דאַך און אונטער יעדן דאַך אַ וועלט פאַר זיך. וואָס ווייסן זיי וועגן אים, דנען? ווער דאַרף אים? „קיינער, קיינער".

אויף דער גאַס איז דן מער נישט געווען אַליין – די אייגענע טריט זענען געלאָפן אויף אַ פריער.

פון אַ געסל איז אים אַנטקעגן געקומען אַ היימיש פּנים. די לאַנגע, שוואַרצע באָרד, דורכגעוואָרפן מיט גרויע פּאַסמעס, איז געווען צונויפגעוואַקסן מיט די פּאות. די הויט – אַ דורכזיכטיקע, אַ בלייכע, די נאָז – אַ יידישע, עפּעס אַ זייט און די אויגן – ווייכע, וואָס מען זעט ביי אַ תּלמיד־חכם, האָבן געערוט אונטער אַ גרויסן שטערן. דער קאַפּעליוש אַ קיילעכדיקער, אַ רבנישער, מיט ברייטע ראַנדן, און אין דער האַנט אַ שירעם.

דן איז געווען זיכער, אַז ס'איז אַ רב, אַ פּוילישער רב, וואָס איז געקומען צוגאַסט נאָך פּאַריז און אפשר אַ היגער? ס'איז דאָך אין פּאַריז פאַראַן אַ פּוילישע קהלה, – אַלע היטל־ און קעפּ־מאַכער זענען פּוילישע יידן.

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ס'איז סליחות־צייט. מעגלעך, אַז דער רב גייט צו סליחות. קהל וואַרט אויף אים. הנען איז מיט אַמאָל וואַרעם געוואָרן, וואָס ס'איז איין וועלט, אומעטום יידן. ער האָט אָנגעהויבן צו גיין פּאַמעלעכער, נאָכגעקוקט דער רב מיט יראת הכבוד. אַזוי גייט נאָר אַ רב. טריט שטילע, געמאָסטענע, שטעלט זיך אָפּ ביי יעדן דורכגאַנג, קוקט זיך פאָרזיכטיק אַרום, כאָטש ס'איז אַזוי רוהיק אין לאַטייניש קוואַרטאַל, אַז נעם און שפּאַר זיך אָן אין מיטן גאַס.

אַ בעטלער האָט זיך אַרויסגערוקט פון אַ ווינקל. דער רב האָט אַרויסגענומען אַן אַלטמאָדיש בייטעלע, געגעבן מיט אַ זיפץ אַ נדבה און זיך ווייטער געגאַנגען, געוויגט מיט דער לאַנגער באָרד, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ ויכוח מיט זיך אַליין. און אפשר גאָר צוגעטראַכט אַ דרשה? היינט, דאַכט זיך, זאָגט מען „זכור־ברית".

דן האָט פאַרגעסן, אַז ער איז אין אַ פרעמדער שטאָט, ווייט פון יידן. די אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אינם רב, און ער איז צוריק אַריין אין דער היימישער וועלט, געווען זיכער, אַז דער פאָטער וואַרט אויף אים אין בית־המדרש און ער איילט זיך – איז פאַרשלאָפן.

אין דער שטילקייט קייקלט זיך דער ניגון פון „זכור־ברית", ס'יונגע האַרץ וויינט מיט חדוה, צאַפּלט זיך פאַר פרייד און אַ ליב־

טיקייט גיסט זיך פון אומבאַקאַנטע ווייטן און וועלטן. איז די פרייד געוואָרן אַזוי גרויס, אַז דן האָט פאַרלוירן אויף אַ רגע דעם רב.

אַ באַאומרוהיקטער האָט ער געגומען גיין גיכער, נישט דורכגע־לאָזט קיין געסל, וואָס האָט דורכגעשניטן דעם לאַטיינישן קוואַרטאַל — דער רב איז נישט געווען.

„וואו איז ער אַהינגעקומען?"

ער איז געבליבן שטיין אַ ווייל אַ פאַרלוירענער און מיט אַ אַמאָל זיך געכאַפּט, אַז דער רב שטייט אין אַ שמאָלן אַריינגאַנג צווישן צוויי ווענט און עפנט מיט אַ שליסל אַ געוועלב.

אַלץ איז צעשווימען. די וואָכעדיקייט — אַ גרויע, — האָט זיך געדרייט פאַר די אויגן, אַריינגעכאַפּט מענטשן, הייזער, און אונטערן האַרץ האָט גענאָגט.

אַ האַנט האָט געעפנט די לאָדנס פון פענסטער, און צווישן זילבערנע און גאָלדענע צלמים איז געשטאַנען דער רב מיט דער לאַנ־גער באָרד און מיט אַ בעזעמל פון פעדערן אָפּגעשטויבט די בראָנזענע און מאַרמאָרנע געטער.

1924

# א סומנע הויז

נאָך די שבע־ברכות, ווען די מחותּנים זענען געבליבן אַליין, האָט דער כּלהס פֿאָטער, דער ליוועראַנט ענגעל, אַ ייִד מיט אַ געקעמטער באָרד און מיט אַ פּאָר געפּוצטע שטיוול, וואָס רעדן ביי יעדן בויג, אויסגעציילט אויפֿן טיש פֿינף הונדערט רובל און מיט אַ ברייטקייט זיי אַ שאַר געטאָן פֿון זיך:

— מחותּן, דאָס איז פֿאַר אַ יאָר קעסט. כ׳וויל אונזער שלמהלע זאָל ווייטער זיצן און לערנען ביים רבין.

שלמהס פֿאָטער, אַ הויכער, אַן אויסגעצערטער, דער האַלדז דאַר, נאַקעט, האָט זיך אַ בויג געטאָן ווי אַ ברונעם־שטאַנג און מיט אַ פּאַר־זאָרגט פּנים, וואָס שווייגט שטענדיק, גענומען ציילן ס׳געלט. ער האָט געציילט יעדן רובל מיט אַ קרעכץ, ווי ער וואָלט דאָס געלט נישט געקראָגן, נאָר געדאַרפֿט אַוועקגעבן, און אַז ער האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, געזען, אַז ס׳שטימט, האָט זיך ביי אים צווישן די קנייטשן פֿון פּנים אַרויסגערוקט אַ נישט אייַנגעגעבענער שמייכל:

— איר האָט זיך נישט גענאַרט, מחותּן! מיין שלמהלע איז דער בעסטער בחור ביי ר׳ אברהמל סאָכאַטשאָווער!

ס׳פּנים ביי ענגעלן האָט געלויכטן, געשלאָגן מיט פֿרייד און די האָר פֿון דער באָרד האָבן זיך געפֿעדלט פֿון אינערלעכער וואַרעמקייט:

— מן־הסתּם איז עס רבקהלעס מזל!

די ערשטע טעג איז רבקהלע אַרומגעגאַנגען אַ צעפֿינטלטע. אַ פֿרעמדע שטאָט, פֿרעמדע מענטשן. זי האָט געהאַלטן אין איין פּוצן דעם אַלקער, וואָס מען האָט איר אָפּגעגעבן, צעהאַנגען פּלושענע די־וואַנען איבער די ווענט, צעשטעלט דאָס זילבער, וואָס זי האָט געקראָגן דרשה־געשאַנק. ס׳הויז איז פֿול געווען מיט מענטשן — מען איז גע־קומען אָפּגעבן מזל־טוב, און די קורצע חשוון־טעג זענען נאָך קורצער געוואָרן.

זי האָט זיך באַלד אַרומגעזען, אַז איר פאַרפוצט צימער פּאַסט זיך ניט אַריין צווישן די איבעריקע חדרים. טונקעלע צימערן מיט שוואַרצע אַלמערס ספרים. און מיטן באַגינען טראָגט זיך שוין דעם שווערס קרעכצן. ער קרעצט ביים לערנען, ביים עסן, ביים מוחן זיך. זי האָט מורא געהאַט פאַרן שווער, זעלטן מיט אים אַ וואָרט אויסגע־רעדט, נישט פאַרשטאַנען ווי נאָך איין מענטש קען זיך באַדינען מיט אַ גאַנץ הויז. פון דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן די שטור־ביקע זיך געדרייט פאַר אים אויף די שפּיץ נעגל, געוואוסט יעדן הויך זיינעם.

אַ חוץ שלמהן איז אין הויז געווען אַן אויסגעגעבענע טאָכטער — הויך און דאַר ווי דער פאָטער. דער שטערן, די ברעמען, די נאָז, די ליפּן — אַלץ איז ביי איר געווען פאַרשפּיצט, געגאַנגען באַרג אַראָפּ, ווי זי וואָלט זיך געקליבן וויינען. עס האָט רבקהלען גענומען אַ לענ־גערע צייט זי זאָל זיך צוגעוואוינען צו דער שוועגערין, זיך געחדושט ווי נאָך אַ מאַן קען לעבן מיט אַזאַ פאַרזעעניש. איר מאַן, אַ רירעוו־דיקער, אַ געשיקטער, וואָס האָט קיין חשק ניט געהאַט צו זיצן אין בית־המדרש, והאָט מיט רבקהס קומען אַלץ אין איינעם געזוכט שטוב־אַרבעט. די שוויגער האָט אים געטריבן:

— גיי, גיי, משהל אין בית־המדרש אַריין, מען וועט שוין טאָן אָן דיר.

רבקה האָט זיך געפילט שלעכט מיט די צווייַ ווייבער, וואָס האָבן זי נישט אָפּגעלאָזט אויף אַ מינוט. דאָס זעכצן יעריק ווייבל, מיט וועמען עס איז אין דער היים פול געווען ס'הויז און וואָס האָט אַן מענטשן ניט געקענט לעבן, האָט אין דער פרעמדער שטוב אַראָפּגע־לאָזט דעם פאַרריסענעם קאָפּ און אַפילו ס'לשון אָנגעהויבן צו פאַר־געסן.

זי האָט געוואַרט אויף די אָוונטן. שלמהלע איז געקומען פון בית־המדרש אַ בלייכער, די הויט דורכזיכטיק. ער האָט אָפּגעגעסן און זיך פאַרמאַכט מיט איר אין אַלקער. זי האָט זיך געקלאָגט, געפּיעשט־שעט, נישט געזען, ווי די אויגן זענען ביי אים צעשראָקן, פינקלען מיט שדימלעך און אַ פיינלעכע וואַרעמקייט האָט זיך געטראָגן פון זיבעצן יעריקן בחור צו דער זעכצן יעריקער מיידל, וואָס האָט שויז פאַרגעסן

דעם אָנגעכמורעטן שוועד, דאָס פּאַרזעעניש – די שוועגערין – וואָס איז געשלאָפן איבער דער וואַנט. ווייסע איידעלע הענט, דין ווי פּיילן, האָבן זיך געפלאָכטן אין דער נאַכט און דאָס צימערל מיט די פלר־שענע דיוואַנען איז פול געוואָרן מיטן ריח פון יונגע, פריש געוואַ־שענע לייבער, מיטן צער פון פרייד.

מיטן ווינטער האָט זיך אין הויז פאַרקליבן אַ מרה־שחורה. עס זענען דורך וואָכן און מען האָט קיין לעבעדיקן מענטשן ניט געזען. דער שווער איז זעלטן אַרויס פון שטוב, נישט פּאַרטראָגן קיין קעלט, זיך געדרייט איבער די טונקעלע צימערן אין די ווייכע שטעק־לאַטשן, אין דער וואַטענער קאָרטקע אויסגעשטעפּט מיט לעקעכלעך, געקרעכצט און מיט די טויבע טריט אָנגעיאָגט אַזאַ אומעט, אַז עס איז נישט געווען וואו זיך צו באַהאַלטן.

די שוועגערין האָט זיך געבלאָזן, דאָס לענגלעכע פּנים האָט גע־ווינט אַראָפּ. געליטן וואָס משהל האַלט זיך אין איין איבערקוקן ביים מיטאָג מיט רבקהלען. משהל האָט אָנגעהויבן אַהיימצוקומען פון בית המדרש מיט אַ שעה פריער, שטענדיק מיטגעבראַכט אַ גלייכוווערטל, אַ הלצה, צעטריבן די מרה־שחורה אויף אַ ווייל. ביים מיטאָג האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן – דאָ אונטערגעטראָגן רבקהלן אַ גאָפל, דאָ אַ לעפל, דערלאַנגט אַ גלאָז־וואַסער, אַז די שוויגער האָט שוין נישט געקענט פאַרליידן:

– רבקהלע האָט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר ווער עס זאָל זי באַדינען!

דערצו האָט שלמהלע אָנגעהויבן צו לערנען מיטן רבין ביינאַכט, ער איז אַהיימגעקומען מיטן באַגינען, געשלאָפן ביז אַ שטיק אויפן טאָג און עס זענען פאַרביי טעג און רבקהלע האָט אים כּמעט ניט געזען.

דער פאַרדרוס איז געוואַקסן מיט די נעכט. בולטער געמאַכט די שנאה צו די שטוביקע און דער נישט־גוטער האָט ניט אָפּגעלאָזט, זיך געפלאָנטערט מיט משהלען אויף טריט און שריט.

דער ווינטער איז געקומען, געגאַנגען און אין שטוב איז ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. קיין ווייבער האָט ניט געהאָלפן – שלמהלע האָט גאַנצע נעכט געלערנט מיטן רבין.

זי האָט געבענקט נאָך די לאַנגע ווינטער־אָוונטן ביים טאַטן אין

דער היים. ווען זייער שטוב איז פול געווען מיט מענטשן. אַלע זענען גוט געווען צו איר. רבקהלע האָט זיך געבעטן אין אַ בריוו בײַ טאַטע־מאַמע מען זאָל זי אַהיימנעמען, מען זאָל זי נישט איבערלאָזן אין אַ הויז, וואו זי האָט מורא ס'מויל צו עפענען און אַלע האָבן זי פײַנט.

אַ וואַרעמקייט האָט זיך בײַ איר געוועקט צו משהלען, געוואוסט, אַז עס איז אים נישט גוט מיט אַזאַ ווייב, נישט גוט אין אַזאַ פינסטערער שטוב, וואו פון באַגינען ביז נאַכט שטייט דער שווער, ווי אַ ברונעם־שטאַנג און קרעכצט.

ביים מיטאָג האָט רבקהלע געשמייכלט, געווען צופרידן, וואָס משהל קוקט אויף איר און אַז זי האָט דערפילט אונטערן טיש זײַן שפּיץ שוך אויף אירן, איז זי רויט געוואָרן.

זי האָט זיך געשראָקן, מורא געהאַט צו בלייבן אַליין און אין דערזעלבער צייט געוואַרט עס זאָל עפּעס געשען. און אַז עס איז געשען, איז זי אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענע, אַ גאַנצן נאָכמיטאָג געלייענט משהלעס בריוועל און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

דעמזעלבן אָוונט, ווען רבקהלע איז שוין געזעסן אין בעט אין איר אויסגעקאָרסעטוועט נאַכט־העמד, אויפן קאָפּ אַ זיידן שלאָף־קופּקעלע, איז די שוויגער אַרײַנגעקומען. שלמהלע האָט זיך נאָכגעשאַרט, דערזען ס'ווייב אין אַזאַ הילוך האָט ער זיך אַ דריי געטאָן, געוואָלט אַרויסגיין. די מוטער האָט אַריבערגעוואָרפן אַרום רבקהלעס נאַקעטע פיס אַ פאַטשיילע און אָפּגעשטעלט דעם זון:

— קיין בייז, שלמהלע!

ס'יונגע בלוט האָט בײַ רבקהלען אַ שפּאַר געטאָן אין די שלייפן, פאַררויטלט ס'פּנים ביז איבערן האַלז. די שוויגער האָט זיך צוגעזעצט, געצופּט די פראַנזן פון דער פאַטשיילע און אָנגעהויבן:

— טאָכטערשי, וואָס האָבן שווער און שוויגער דיר אַזוינס געטאָן, וואָס דו האָסט אַזוי פאַרשוואַרצט אונזערע פּנימער בײַ דײַנע עלטערן? און אַז מען איז געמיינע לייט איז וואָס? נישט אַלץ איז עשירות, טאָכטער! דער שווער האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש פון דײַן בריוו, וויל נישט דו זאָלסט מאָרגן מיט אים עסן בײַ איין טיש און

ווען עס וואָלט פּאַסירט מיט זיין טאָכטער, וואָלט די שטראָף געווען אַ האַרבערע.

אַז די שוויגער איז אַרויס, האָט רבקהלע זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט אַריין מיט אַ געוויין, געריסן ס'צעפּל, די קאָלדרע. דער נוי־גער גוף האָט זיך געטרייסלט, געהעשעט אינגאַנצן.

אַן אומבאַהאָלפּענער האָט שלמהלע זיך געבעטן:

— רבקהלע, באַרוהיק זיך!

— כ'האָב דיך פיינט, כ'האָב אַלע פיינט! דיין טאַטן, דיין מאַמען, דיין שוועסטער, כ'וויל דאָ נישט זיין, איך וויל נישט!

שלמהלע האָט זיך געבעטן, געוויינט. זי האָט אים געטריבן פון זיך. ער איז נישט אָפּגעטראָטן:

— טאָ זאָג, רבקהלע, וואָס ווילסטו?

— כ'וויל דאָ נישט זיין!

— פאַרוואָס?

— ווייל כ'האָב דיך ליב!

— ווייל האָסט מיך ליב? — האָבן זיינע אויגן אַ קוק געטאָן מיט חשד.

— ווייל כ'וויל, כ'וויל אַהיימפאָרן. זאָגסט מיר צו?

ווייסע איידעלע הענט, ווי דינע פיילן האָבן זיך געפלאָנטערט אין דער נאַכט.

1924

# אַ משפּט

צוואַנציק יאָר האָט משהלע חסיד געהאַלטן אין פֿלאָצק דעם פֿלייש־פּאַכט, אַרומגעפֿירט די בעלי־בתּים פֿאַר די נעז, נישט ביי איין ייִד האָט ער שבת אַרויסגענומען פֿון אויוון דעם טשאָלנט, ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ חשד, אַז דאָס פֿלייש האָט מען אַריינגעפֿירט אין שטאָט אַריין בגנבה. זיינע משרתים, וואָס האָבן געהיט די טשאָלנט־בעקערייען, האָבן אָפּט מיט דער הילף פֿון זעלנער נישט געלאָזט עפּענען אַן אויוון איבערן קלענסטן ספק און גאַנצע גאַסן מיט מענטשן האָבן געמוזט וואַרטן שעהן, אָנגעוואָרן דעם אַפּעטיט.

אַ שווערער ייִד איז געווען משהלע, אַ קמצן און דאָס וואָס ער איז געווען אַ הייסער חסיד, זיך געלאָזט קאָסטןביים רבין געלט, האָט די שטאָט־מענטשן נאָך מער פֿאַרדראָסן. זיי האָבן זיך אָבער נישט געקענט העלפֿן, געקרעכצט אונטער משהלעס שטעקן, מיט וועלכן ער האָט נישט איין טשאָלנט־טאָפּ צעבראָכן איבער צוואַנציק יאָר און דער כּעס איז ביי זיי געוואַקסן.

גלייך ווי דער אויפֿשטאַנד האָט זיך איבער פּוילן צעפֿלאַקערט און די צוויי ראָטעס רוסישע זעלנער האָבן פֿון זיכערהייטס־וועגן פֿאַרלאָזט די שטאָט, האָט משהלע זיך גענומען אויסבאַהאַלטן.

פֿון יאַטקע־געסל האָבן זיך אַ חבֿרה יונגען אַ לאָז געטאָן צו משהלעס הויז מיטן געשניצטן גאַנעק. איבערן וועג איז דער עולם געוואַקסן, און אַז זיי האָבן אַרומגערינגלט ס'הויז, איז דער המון שוין געווען איבער צוויי הונדערט.

די קצבֿים־יונגען, וואָס האָבן געמולקט פֿלייש פֿון די אַרומיקע

דערפער און עס ביליקער פאַרקויפט, האָבן אַוועקגעשטעלט שומרים בײַ יעדן פענסטער, בײַ יעדער טיר, געקוקט, משהלע זאָל נישט אָפּציען און אַליין זעגען זיי אַריין אין שטוב אים אַרויסצופירן.

— שלעפּט אים אַרויס פאַר דער באָרד, דעם חסיד! — האָט זיך געהערט פון צווישן דעם המון.

— ער וועט שוין מער בײַ אַרעמע־לײַט דעם ביסן פון מויל נישט אַרויסנעמען!

— בײַ מיר האָט ער פאַראַיאָרן צוגענומען אַ קופּערנעם טאָפּ.

— און בײַ מיר אויך!

— און די מחבלים זיינע דאַרף מען אויך ניט שוינען!

— זיי האָבן מיין טשאָלנט אָפּגעגאָסן מיט סמאָלע!

— און אַזאַ פאַרשוין האָט דאָס געפירט די גרענדע איבער צוואַנציק יאָר!

— אַ חסיד!

— אַ שיינער ייד!

— וואָס נעמט עס אַזוי לאַנג?

— ער וויל מסתמא נישט גיין!

— קעלבאַס קען אים אַריבערוואַרפן איבער די פּלייצעס. ווי ער וואַרפט אַריבער אַ קאַלב!

— און דו גלויבסט, אַז פאָניע וועט שוין נישט צוריק קומען?

— פאָניע, ברודער, איז אַ חזיר — ער וועט צוריק קומען, ער וועט!

— זיי גייען.

— אָט איז קעלבאַס!

קעלבאַס, אין אַן אויסגעוואַקסן כאַלאַט, דורכגעגעסן מיט פעטס און בלוט, וואָס שרעקט מיטן ריח אַפילו היינט, האָט זיך באַוויזן אויפן גאַנעק פאַרן עולם.

— נו, וואו איז משהלע, — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

— ער איז נישטאָ!

— נישטאָ?

דער המון האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן צום הויז און דער כּעס איז געוואַקסן. עמעצע־ האָט אַ שיק געטאָן אַ שטיין אין אַ פענסטער אַריין. באַלד האָבן פון אַלע זייטן גענומען פליען פלאַשן, שטיקער האָלץ, שויבן האָבן געקלימפּערט און פון הויז אַרויס האָט זיך געטראָגן אַ שפּיציקער קוויטש.

— מען דאַרף אים באַגראָבן לעבעדיקערהייט!

— דעם בויך איינקוועטשן!

אויפן גאַניקל האָט זיך באַוויזן משהלעס ווייב — אַ צעוואַקסענע יידענע מיט אַ טאָפּלטן גוידער:

— יידן זייט איר? איר זייט דאָך ערגער פון ערלים! — האָט זי געוואָלט איבערשרייען דעם המון.

— וואָס טענהט איר זיך אויס מיט איר, מיט דער געשוואָלענער.

— זע נאָר ווי אויסגעפּאַשעט דאָס האָט זיך?

— אָסור אַ האָלענדערסקע קו!

— קנאַפּ פרעמדע טשאָלנט האָט דאָס אַריינגעפרעסן!

— לאָזט איר נישט רעדן!

— אין שטוב אַריין, חנה דוואָשע!

— אין שטוב אַריין!

— הורא־יייייי!

דער המון האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן נענטער צום הויז, געבליבן אַ ווײַלע אָן אַרבעט. געוואַרט אויף אַ צייכן, און מיטאַמאָל האָבן זיך אין די אויסגעהאַקטע פענסטער באַוויזן ליכט ווי ביי אַ טויטן. עס איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן. דער המון האָט זיך אַ וויג געטאָן אויף צוריק. פון דער שול־גאַס איז אָנגעקומען אַ יונג, געשלעפּט דאָס טהרה ברעט אויף די פּלייצעס. דער עולם האָט זיך פאַרנאַנדערגערוקט דורכגעלאָזט, זיך געכאַפּט, אַז מען איז צו ווייט פאַרקראָכן און עס האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן:

— וואָס איז?

— זיי האָבן אים דערהרגעט?

— ווען?

— משהלען.

— אויף קעלבאַסן קען מען אַלץ גלויבן!

— וואָס זאָגט לייזער?

— וואָס ווייס לייזער?

ער טוט אַ בויג זיינע זעקס איילן, קען ער אַריינקוקן דורכן פענסטער.

— לאָז דיר דיין קאָפּ נישט דאַרן! - האָט לייזער זיך אַ שאָקל געטאָן ווי אַ לולב.

— איז נישט, לייזער! נו, איז נישט! קוק נישט!

— האַ?

— דאַכט זיך ס'ליגט עפּעס אויף דער ערד צוגעדעקט מיט אַ פּלאַכטע.

— זאָלן זיי אים האָבן דערהרגעט?

— ע, זעט איר, יידן, דאָס נישט!

— וואָס נישט!

— גוט אַזוי!

— מיר האָבן שוין לאַנג געדאַרפט עס טאָן!

— אַזוי? הרגענען אַ יידן?

— אַ ייד איז ער?

— נו, שווייג שוין, שווייג!

— צדקה תציל ממות — האָט זיך געהערט צווישן המון.

— לאָזט דורך!

— לאָזט דורך!

פיר יונגען האָבן געטראָגן אַ מטה צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצע פּלאַכטע. פון אונטער די פּלאַכטע האָט אַרויסגעשטעקט משהלעס בילד, וואו פון איין זייט איז געווען אויסגעמאָלט אַ האָן, פון דער צווייטער — אַ קאַלב און אין דערמיט איז געשטאַנען אויף פּויליש: מאָשעק טוכמאַן. דער המון האָט געשפּאַסט, געוואָרן אַלץ גרעסער, זיך געלאָזט אויפן בית־עולם. ביים גדר האָט מען אויסגעגראָבן אַ קבר, וואו מען האָט מקבר געווען אַ האַלבע שילד און די צווייטע האַלבע מיטן נאָמען אויף פּויליש האָט מען אַוועקגעשטעלט צו קאָפּנס פאַר אַ מצבה.

די פלייש־מולכערס האָבן זיך צעשטעלט אַרום דעם קבר, אָפּגעזאָגט קדיש. דער המון האָט געלאַכט. און וואָס בזיונדיקער די קבורה איז צוגעגאַנגען, אַלץ מער האָבן זיך די עולות צעשוואומען, דער כעס בײַם עולם איז נישט געוואָרן. און ווען זיי וואָלטן איצט אָנגעטראָפן משהלען, וואָלט זיך בײַ קיינעם קיין האַנט נישט געהויבן.

1922

# כישוף

רחלע האָט זיך אַרומגעדרייט אין די ליידיקע צימערן, וואו אויף די ווענט האָבן זיך געטריקנט בינטלעך גראָז, זעקלעך מיט צעשניטענע וואָרצלען, בלעטלעך.

יעדן פרימאָרגן זענען די צימערן פול געווען מיט פויערים־פאָלק. מען איז געקומען צו איר מוטער, דער דאָקטערקע, פון ווייטע דערפער, פון פאַרוואָרפענע שטעטלעך, געקומען בגנבה, ווי מען גייט צו אַ כישופמאַכערין.

רחלע איז ניט געווען צוגעלאָזן צו דער מוטער. דעם פאָטער האָט זי אינגאַנצן ניט געקענט. דעם טאָג, ווען זי איז געבוירן גע־וואָרן, איז דער פאָטער, אַ קונצנמאַכער, וואָס האָט אויך געהיילט יעדע חולאת מיט שמירעכצן און קמיעות, פאַרשוואונדן.

די מוטער האָט געשוויגן. מיט די יאָרן האָט זי אָנגעהויבן פרום ווערן, געגעבן צדקה און געזען, מענטשן זאָלן פאַרגעסן איר פאַרגאַנ־גענהייט. זי האָט זיך געהיט פאַר רחלען מיט אַ וואָרט און געהאַלטן דאָס מיידל אויף זיבן שלעסער.

אַלס קינד האָט רחלע זיך ניט געכאַפּט, אַז די שטוביקע היטן זיך צו דערמאָנען דעם פאָטערס נאָמען. שפּעטער, אַז זי איז עלטער געוואָרן, האָט זי עס פאַרשטאַנען. עס האָט רחלען געצויגן צום פאָטער. אין דער שטיל האָט זי זיך נאָכגעפרעגט אויף אים ביי דער אַלטער וואַסערטרעגערין, זיך אָנגעשטויסן, אַז דער פאָטער האָט ניט געוואָלט ליידן, וואָס די מוטער שלעפּט זיך אַרום מיטן שטאָטישן דאָקטאָר, און פון פאַרדראָס אַוועק מיט אַ יונגער קונצנמאַכערין.

רחלע האָט געקוקט דורכן פענסטער, וואָס האָט זיך געעפנט אין אַ געדיכטן סאָד אַריין. צווישן די ביימער האָט זיך געמיניעט אַ ווייסער,

זאַמדיקער וועג, זיך געצויגן ערגעץ אין דער וועלט אַריין, געבליי־שטשעט מיט אוצרות און אומרוהיקייט.

זי האָט געגלויבט, אַז דאָס מזל ווערט געבוירן מיטן מענטש. זי איז געבוירן געוואָרן דעמזעלבן טאָג, ווען דער טאַטע איז פאַרשוואונדן, האָט זי אין זיך דעם כח, מיט וועלכן מען קאָן אים אַרויסרופן.

און אַז זי איז געבליבן אַליין, האָט זי געמישט גראָזן מיט קריי־טיכער, זיי געטרוקנט, געריבן, געשאָטן דעם שטויב איבער קוואַל־וואַסער, איבער צעלאָזטן בליי און געפּרעפּלט.

די ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די גראָזן, האָבן ניט געלאָזט איינזיצן. עפּעס קעצישעס, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט דער וועלט האָט זיך געוועקט אין איר. די גרינלעכע אויגן האָבן געבליש־טשעט מיט פאָספאָר, אַליין ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ שוואַרצע גבורה הינטער זיי ליגט באַהאַלטן. דער צאָפּ, אַ פולער, אַ בויגיקער, איז ניט איינגעלעגן, און די טריט זענען געווען ווייך און שטום, ווי זי וואָלט זיי געשטעלט אין חלום.

פאַר רחלען איז יעדער ריח געווען אַ שפּרוך, אַ כשוף־שפּרוך, וואָס מען טאָר אים ניט פאַרבייטן אויף אַן אַנדערן.

ווייל זי — מישט זי צונויף מושקאַטניס מיט ליב־שטיגל און זי נעמט־צו ביי אַ בלאָנד מיידל דעם געליבטן. שפּרעכט־אָפּ אַ באַנעמעניש מיט שוואַרצן קימל און סאַלוויאַ־בלעטער, פאַרטרייבט אַ ניט־גוטן מיטן ווייִרויך פון לאָרבער־בלעטער, נעגעלעך און אינגבער, היילט חולאתן מיט אייזן־קרויט, צענער־בלעטער, רומיאַנעק, האָלדער־שוואָם, אָלינט־וואָרצל און טייפלס־פינגער.

זי איז געווען זיכער, אַז היינט, מאָרגן וועט עס זיך איר איינ־געבן. זי וועט אַרויסרופן דעם טאַטן. זי פילט שוין אַרום זיך דעם ריח — אַ ריח, וואָס שווינדלט, נעמט צו די רו און דו ווילסט זיך ניט באַפרייען פון אים.

מעג די מאַמע זאַמלען פאַר דער טאָכטער אַ נדן, אַ שווערן נדן, מעג די מאַמע חלומען וועגן אַ וואוילן יונגערמאַן פאַר אַן איידעם, — אויסקויפן דערמיט אירע זינד וועט זי ניט.

דער ריח, וואָס שווינדלט, נעמט־צו די רו און דו ווילסט ניט און קאָנסט ניט באַפרייען זיך פון אים, אַ רויטער ריח, וואָס לאָזט נאָך

זיך איבער אַ ווייסן פּלעק און דו יאָגסט זיך נאָך אים און קאָנסט אים ניט כאַפּן — דער ריח האָט שוין ניט אָפּגעלאָזט רחלען.

זי האָט געריבן טרוקענע גראָזן, זיי געשטויסן, געקאָכט אין רויטן וויין, געקילט אין לינדן־קאָרע און דערזען אין שפּיגל דעם טאַטן אין אַ געפּאַסטן טריקאָ, באַפּוצט מיט זילבערנע און גאָלדענע בלעכלעך, ווי ער טראָגט זיך איבערן זאַמדיקן שליאַך, שליידערט בלאַנקענדע מעסערס, שלעפּט פון מויל קנוילן פייער, רופט, לאָזט ניט איינזיצן אין די טונקעלע צימערן, וואו די מאַמע וויקלט מוטלעך געלט און לאָזט ניט אַרויס פון מויל דעם רבונו־של־עולם און האַלט אין איין דערציילן דער טאָכטער, וואָס פאַר אַ חתן זי גייט פאַר איר קריגן.

רחלע האָט ניט געוואַרט.

זי איז אַוועק מיט אַ וואַרשעווער קלעזמער — אַ יונג מיט אַ שרונט אין מיטן דעם פאַרלאָקטן קאָפּ.

דאָס צימערל איז פול געוואָרן מיט ריחות פון גראָזן, וואָרצלען און קרייטיכער, וואָס זענען געלעגן אין געגלייזטע ערדענע וואַזעס, אין אויסגעהעפטע קישעלעך, אין פלאַכטעס, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז הינטער די פלאַכטעס זיצט אַ באַוואַקסענער מכשף.

דאָס לעבן, אַן אויסגעהונגערטס, האָט געשלונגען די טעג, גע־וואַרט מיט אומגעדולד עס זאָל נאַכט ווערן, עס איז פאַרביי אַ חודש, צוויי, דריי. דער קלעזמער מיטן פידל האָט אָנגעהויבן אַהיימצוקומען פאַרטאָג, געלאָפן ביז שפּעט נאָכמיטאָג.

רחלע האָט דערפילט אַ הוילקייט אונטערן האַרצן. די פאַרזשמור־רעטע אויגן האָבן צוריק זיך גענומען פלעמלען, דער צאָפּ איז גע־וואָרן באַוועגלעך און די טריט זענען ניט איינגעשטאַנען.

זי האָט זיך געגעסן, ניט געגלויבט, אַז שוין דריי חדשים, ווי זי איז איינגעשפּאַרט אין דעם ענגן צימערל, וואוינט מיט אַ מענטשן, וואָס איז איר פרעמד, פאַרשטייט ניט איר לשון. זי האָט ניט געזען ווי דער קלעזמער ליידט, ניט געהערט ווי ער חלומט צו ווערן שטויב, איבער וועלכן זי זאָל האָבן צו טרעטן.

עפּעס, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט דער וועלט, האָט זיך גע־וועקט אין איר. זי האָט געריבן צעטריקנטע פלאַנצן, זיי געמישט, זיך צוגעהערט צום שפּיל פון די אייגענע גלידער און אַליין ניט געוואוסט,

וואָס פאַר אַ שוואַרצע גבורה עס איז באַהאַלטן הינטער אירע גרינלע־כע אויגן.

זי האָט געקוקט אויפן פיר־עקיקן הויף, וואו אין דערמיט איז געשטאַנען אַ גרויסער מיסטקאַסטן, און פאַר די אויגן האָט זיך גע־בלייכט דער ווייסער, זאַמדיקער שליאַך מיט די בלישטשענדע אוצרות.

די אומרוהיקייט אין איר איז געוואַקסן, געפלאַטערט, גערופן צום טאָטן.

זי האָט איבערגעלאָזט דעם קלעזומער, זיך געלאָזט צום ברייטן שליאַך, אויפן וועג איז זי איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, גע־גלויבט, אַז אַזוי נאָך איז דער וועג נעענטער. און יעדעס מאָל, ווען זי האָט דערפילט די הוילקייט אונטערן האַרצן, איז זי, אַ קינד מיט חלומות, וואָס האָבן ניט צו טאָן מיט דער וועלט, געזעסן צווישן שמעקנדיקע פלאַנצן, זיך געשפּילט מיטן ריח, וואָס האָט געשווינדלט, צוגענומען די רו.

# הינטערן שלאָס

מיט אַ קלימפּער איז צוגעפּאַלן די אייזערנע טיר. דער שליסל האָט זיך צוויי מאָל אַ דריי געטאָן, איבערגעלאָזט אין דער קאַמער אַ טעמפּקייט, ווי נאָך אַ קאָרק, ווען ער שיסט אויס פון אַ פלאַש. די טעמפּקייט איז געוואַקסן מיטן קלימפּער פון די טירן, מיט דעם קרעכץ פון די נישט־געאײלטע שלעסער און אין דעם פייכטן, טונ־קעלן קאָרידאָר איז געשטאַנען דער הילך פון ווייטע אָנגעשפּאָלטענע גלעקער.

די פּופּצן פאַרשפאַרטע פּרויען האָבן זיך נישט געקענט צוגעוואוינען צום קלימפּער און יעדן פאַרנאַכט, ווען אין די אויערן איז זיך צעוואַקסן די טעמפּקייט, ווי מען וואָלט געהאַמערט רינגען בליי און אין הוילן קאָרידאָר האָבן אָפּגעהילכט די אויפזעערינס מאַנסבילשע טריט, איז אַלעמען אַ שטומקייט באַפאַלן.

אין די ווענט, אונטערן שטיינערנעם דיל האָט זיך עפּעס צע־קייטלט, ווי מען וואָלט אין דער טיף געשלאָסן טירן און דורך דעם שמאָלן פענסטער מיט די אייזערנע שטאַכעטן האָט זיך געטראָגן דער קלאַנג פון קייטן. דאָס האָט מען אין מענערשן „קאָרפּוס" געציילט די אַרעסטאַנטן פאַרן שלאָף.

די מערסטע פרויען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום פענסטער, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבער 5 פוס פונם דיל. מ'האָט זיך גע־שטעלט אויף עמערס, אויף נאַרעם, געוואָלט אַריבערקוקן אין דער מע־נערשער אָפּטיילונג, וואָס איז געשטאַנען באַרג־אַרויף.

אַ פינסטערע וואַנט, שוואַרץ פון רויך און רעגן, האָט זיך גע־ריסן איבערן פענסטער. האַרט ביי דער וואַנט האָבן געשפּרייזט אַ פּאָר זעלנערשע פיס און איבערן קאָפּ — אַ שטיקל הימל.

די פאַרשפאַרטע האָבן געוואוסט אויף אויסווייניק, אַז עס וועט

צוויי געגענען אַ וואַנט, אַ זעלנער, עטלעכע שפּאַן הימל. דער קלאַנג פֿון די קייטן האָט אָבער נישט געלאָזט אייַנזיצן, געקומען פֿון דער הויך, פֿון דער טיף, זיך געפּלאָנטערט צווישן די פּיס, פֿאַרשטיקט, אָן אַ קול, ווי די קלאַנגען וואָלטן געוועון געוויקלט אין וואַטע. האָט מען זיך יעדן אָוונט געשטופּט אַרום פֿענסטער, געקוקט ווי אָפּגעגאָלטע שאַרבנס וויגן זיך פֿאַרביי, וועלן זיך אייביק וויגן און געהאָפּט צו דערזען אין דער אַרומיקער גרויקייט, עפּעס אַנדערש. דאָס וואָס דער מענטש וואַרעמט אויס אין חלום, טראָגט עס אויף זיבן שלעסער האָט ער געזוכט אין דעם פֿאַרנאַכטיקן קלימפּער.

דריי, פֿיר האָבן פֿאַרכאַפּט ס׳פֿענסטער. די איבעריקע זענען געשטאַנען מיט פֿאַרגאַפּטע מיילער, געקוקט אַרויף, ווי זיי וואָלטן דערוואַרט עס זאָל עפּעס געשען.

אַ צעוואַקסענע גויע מיט אַ פֿינסטער פּנים האָט כּמעט פֿאַרנומען ס׳גאַנצע פֿענסטער. אַ יונגע כוואַטסקע פּויערטע, בלוט און מילך, האָט אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אויף דער צעוואַקסענערס געזעס און זי אַ קער געטון, ווי מ׳דרייט אָן אַ קו.

— וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט מיטן בוזים און לאָזט אַ צווייטן נישט אַ קוק טאָן? רוק זיך — נישט דיך וועט מען מעלקן!

— אָבער דיך מעלקט מען? — איז דאָס פֿינסטערע פּנים לענגער געוואָרן.

— וואָס, דיך וועט מען מעלקן? — האָט די פּויערטע זיך וואוי־לעריש אַ שטעל אַוועק געטאָן — אַ יאַלאָווע קו מעלקט מען נישט!

די אַרומיקע ווייבער האָבן זיך צעלאַכט.

— וואָס קראַקעסטו, וואָראָנע פֿאַרשאָלטענע? — האָט דאָס פֿינס־טערע פּנים זיך אַ ציינד געטאָן מיט רשעות.

— און דו, פֿלעדערמויז, אַנטלויף בעסער פֿון פֿענסטער, וועסט בלינד ווערן, — האָט זיך ביי דער פּויערטע צעריטלט ס׳ווייסע פֿולע פּנים.

— וואָס קריגט איר זיך, באַבעס? — האָט זיך איינע אָנגערופֿן — צעדראַפּעט זיך בעסער און באַסטאַ!

נו, טאַקע, וואָס האָט זי זיך צוועקגעשטעלט ווי אַ סטאָדאָלע

און פֿאַרשטעלט ס׳פֿענסטער? — האָט אַ צווייטע געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט.

— דאָס טענה איך דאָך;

— לאָז זי אַוועקגיין, — האָט זיך געהערט פֿון אַלע זייטן.

— כ׳וועל נישט!

— ווּעסט יאָ!

— וועלן מיר זען, — האָבן זיך די ווייבער אַ לאָז געטאָן צו איר.

די צעוואַקסענע גויע האָט זיך אַ צי געטאָן, מיט איין האַנט אָפּגעהאַלטן די ווייבער און געבליבן שטיין אַ גלייכע, אַ נישט באַוועגלעכע, ווי זי וואָלט אַראָפּ פֿון אַ מאָנומענט.

פֿון אַ נאַרע האָט זיך אַראָפּגעוואָקלט אַ צעשויבערט, נישט־דערוואַקסן מיידל, אַן אויסגעדאַרטע, זײַדן פֿלייצעס ־עטלעכע פֿינגער די ברייט, אויגן קליינע, אויסגעווייקטע, די הויט בלויז זומער־שפּרינקלעך, זי האָט זיך געשאַרט איבער דער קאַמער מיט אַ יינגל אויף דער האַנט.

דאָס אַכט־יעריק יינגל, אָן מראה אין פּנים, ווי מען וואָלט ס׳בלוט ביי אים אָפּגעצאַפּט, האָט זיך געריסן מיט די דינע, דורכזיכטיקע הענטלעך צום פֿענסטער. אין פּנימל איז געווען עפּעס פֿון אַ זקן. די העל־בלויע אויגן און די פֿלאַקסענע האָר האָבן נישט געפּאַסט צום קערפּערל, ווי מען וואָלט זיי אַראָפּגענומען פֿון אַ פֿאַרצעלאַיע־נער ליאַלקע.

אַלע האָבן פֿאַרגעסן אָן דער צעוואַקסענער גויע. די כוואַטסקע פֿויערטע איז געוואָרן דרייסטער, געמאַכט וועג פֿאַר דער מאַמעלע מיטן זון, זיי אַנטקעגן געגאַנגען, געשמייכלט צום אַכט־יעריקן מאַנס־ביל, וואָס איז שוין געזעסן ביי דער יונגער פֿויערטע אויף די הענט.

— מיט ביידע הענטעלעך, לעמעלע, נעם מיך אַרום מיט ביידע הענטעלעך!

— אַזוי;

— זיסער מיינער – האָט אים איינע אַ גלעט געטאָן.

— מלאכל!

— קינדעלע!

— אַ ביסעלע מער כּוחעלעך!

— נו, קוק, קוק מיט די הייליקע אויגעלעך!

— מיט די ליכטיקע!

— אויסלייזער אונזער!

די ווייבער זענען געשטאַנען אַרום דער יונגער פּויערטע, גע־גלעט דעם אַכט־יעריקן מאַנסביל, אים אויסגעקושט די דינע הענטלעך ביז איבער די עלנבויגנס, די נאָך דינערע פינגערלעך.

אויסגעצעטעטע פאַרלאַנגען זענען געלעגן מיט זייער גאַנצער מיאוסקייט, ביי וועמען אין די אויגן, ביי וועמען אַרום די ליפּן.

יעדע פון די ווייבער האָט פאַרגעסן אָן די איבעריקע, געגעסן מיט אַ בליק, מיט אַ גלעט, מיט יעדן בויג פון לייב און דאָס יינגל איז מיט דער טונקלקייט אַלץ בלייכער געוואָרן.

עס איז געוואָרן נאַכט.

איינציקוויז האָבן די אַרעסטאַנטקעס זיך צעלייגט איבער די נאַרעס, איינגעטוליעט אין אַ ווינקל די ניטש־דערוואַקסענע מאַמע, זי געהיט ווי אַ קינד און אין דער פינסטער האָט דאָס פלאַקסענע קעפּל האָר געלויכטן ווי לבנה־שטראַלן, געוואַרעמט פּופּצן פּאָר אויגן.

1924

# דעם רבינס טויט

פון פרי ביז שפעט אין דער נאַכט האָבן די טירן פון רומשי־ווער רבינס הויז ניט גערוט. עולם איז געגאַנגען און געקומען. דער עולם איז געווען אַ געמישטער — יידן פון אונגאַרן, פון פוילן, פון וואָלין און פּאָדאָליע.

די פישער פון אונטער דער דעלענסי בריק, צומייסטן גאַליצי־אַנער און פּוילישע, זענען געווען די אָנגעזעענסטע חסידים. אַ דאָלאַר האָט קיין ראָלע ניט געשפּילט, נגידישע חוצפה האָט ניט געפעלט — איז מען געקומען אין די אָוונטן צום רבין, מיטגעבראַכט דעם ריח פון פרישע פיש און געהאָלפן פירן טיש.

פינף יאָר האָט דער רבי געפירט טיש, אויסגעשפּרייט די מלוכה פון איסט ריווער ביז איבער העגדי סטריט, האָט אויסגעבויט פאַר די חסידים אַ מקוה, אַ שטיבל, געקויפט אייגענע קרקע, געזען מ׳זאָל קדיש זאָגן, מ׳זאָל לערנען משניות נאָך אַ טויטן. די השגחה איבער פּרנסה, עקרות, די פּאַליקע און סתם שלעק, האָט דער רבי איבערגעלאָזט פאַר זיך.

דער עולם פון אונטערן דעלענסי בריק איז געוואָרן לייטישער, כמעט אויפגעהערט צו קאָנקורירן, געלעבט אין חברותא און די גראָבע רייד האָט מען אָנגערופן מיט איידעלע נעמען.

די איינרייסער, וואָס זענען געווען בייטאָג איינגעשפּאַרט אין די פושקאַרטס, געשטאַנען ביי די שטעלן, האָבן מיטן אָוונט אָפּגעאָטעמט, זיך מער ניט געערגערט, וואָס די ענגע גאַסן זענען פול מיט פילקע־שפּילער, וואָס דאָס יונגוואַרג איז מחלל שבת, זיך געטרייסט, וואָס אין שכנות וואוינט אַ צדיק און אַלץ אַרויפגעלייגט אויף אים.

דער רבי — אַ הדרת פּנים — איז זעלטן געווען מיט זיך, כמעט

ניט געהאַט התבודדות, געזעסן צווישן עולם אַ הויכער, העכער פון אַלע חסידים. דאָס פּנים קלאָר, די אויגן גרויסע, ווייכע, די באָרד אַ שיטערע, אַ צעקעמטע. דער רבי האָט גערעדט מיט פאַרמאַכטע אויגן, דערקענטביים ריח ווער ס׳איז אַ פישער, ווער אַ קצב, ווער אַ בעקער און וואָס מער ער האָט געוואָלט מקרב זיין די חסידים, אַלץ העכער איז אין זיינע דלת אמות געוואָרן די מחיצה.

דער עולם איז געוועזן גליקלעך, געהאַלטן אין איין פאַרשטאַרקן די מחיצה, זיך באַנוגנט מיט אַ קרעכץ, מיט א וואָרט, מיט אַ שטיקל ניגון, זיך געשפּיגלט אין רבין.

אויפן זעקסטן יאָר איז דער ,בי שלאָף געוואָרן, געקראָגן רויז.

דעם רבינס הויז איז כמעט אָפּגעשלאָסן געוואָרן, מ׳האָט זעלטן וועמען צוגעלאָזן צו אים. ער האָט זיך אַליין געהיילט מיט קרייטיכער און מיט סגולות. ס׳איז דורך אַ וואָך, צוויי און מ׳האָט מער ביים רבין קיין פּנים ניט אַרויסגעזען. די רויז האָט זיך צעלייגט איבער די באַקן, איבערן שטערן. מען האָט גערופן אַ דאָקטאָר, אָנגעהויבן שמירן ס׳פּנים. ס׳האָט ניט געהאָלפן — מ׳האָט שוין קיין אויגן ביי אים ניט אַרויס־געזען.

אויפן פיש־מאַרק אונטער דעלענסי בריק האָט מען איינגערייסן וועלטן. טייל האָבן געטענהט מ׳זאָל ברענגען אַ פּראָפעסאָר, אַנדערע האָבן אין דעם געזען אַ פּחיתת־הכבוד פאַרן רבין — אַזוי לאַנג ער פאַרלאַנגט נישט, דאַרף מען קיין זאַך נישט טאָן.

די רויז האָט זיך דערווייל צעוואַקסן. ס׳איז מער נישט געלעגן קיין מענטש אין בעט. — אַ פאַרפלאַמט פאַרזעעניש האָט אַרויסגעע־קרעכצט פון צווישן דעקן און קישנס, געשלאָגן מיט היץ, ווי פון אַ פאַנאַנדערגעברענטן אויוון און דאָס אויפגעבלאָזענע געשווילעכץ, האָט אויסגעזען, קען יעדע רגע פּלאַצן.

די מקורבים זענען איינציקווייז אַריינגעגאַנגען. יעדער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים בעט, געאָטעמט מיטן ריח פון קראַנקן, פון דער אַפּטייק, ניט געזען מער דעם רבין, בלויז געהערט דאָס איינטאָניקע

קרעכצן און אין דער אומבאַהאָלפנקייט פון נישט ווערן, איז אַלץ פאַרשוואונדן — די היילִיקייט, אפילו די אַכטונג צום מענטש.

פאַר די אויגן האָט זיך געשפרייט אַ פּורה שחורה און ווייט איבער איר האָט זיך געגרויט דעם רבינס הדרת־פּנים, זיין ליכטיקער בליק. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ רגע, צוויי, דריי. דאָס קרעכצן האָט דערמאָנט, אַז אין בעט ליגט אַ גוסס, ליגט אַ גרויסער, אַ געשוואָלענער, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים. דערנעבן שטייען די רביצין, אַ בלייכע, זייער אַ בלייכע און די פאַרוויינטע אויגן רויטלען זיך בולטער איבער די באַקן.

אַ צווייטער מקורב קומט אַנטקעגן:

— האַ?

— שלעכט.

— דער רבי דאַרף רחמים.

כמעט אַלע זענען געווען איינשטימיק, אַז אַ דאָקטאָר איז ביי אַ רויז אַן איבעריקע זאַך, צוליב געטאָן דער גאַס און געשיקט נאָך אַ פּראָפעסאָר, אין וועלכן קיינער האָט נישט געגלויבט און זיך געקליבן צו נעמען דעם חולה אין די אייגענע הענט.

אין פאָדערהויז זענען געזעסן אַלטע, צעדרייטע ווייבער, כמעט אַלע קאַליקעס — ווער מיט אויסגעבויגענע פיס, ווער מיט צעקרימטע רוקנס. די קנאָכן זענען געקראָכן פון דער הויט און די שאַרפע אויגן האָבן געטעבערט דעם חלל. די מיילער אָן ציין, ווי איינגעפאַלענע קברים, האָבן געפּרעפּלט.

קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען די זקנות האָבן זיך גענומען. זיי זענען געשטאַנען האַרט ביי דער טיר, אָנגעשפּיצטע, געוואַרט אויף אַ געהיימען צייכן און אויסגעזען ווי מכשפות.

דער פּראָפעסאָר איז אַרויס, נאָך אים די רביצין און די מקורבים.

— האַ, וואָס זאָגט ער?

— נישט גוט.

— מען דאַרף רחמים

— איר ווייסט, וואָס ס׳וואָלט נישט געשאַדט? — האָט זיך אַ זקנה אָנגערופן.

— וואָס?
— גיסן בליי.
— גערעכט, יענטעשי.
— אַז מ׳גיסט בליי, ווייס מען פון וואַן די חולאת נעמט זיך. מעגלעך ס׳איז געקומען פון אַן עין־הרע, מעגלעך פון אַ שרץ...
— פּרובירט, יענטעשי קרוין.

די זקנות האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום רבין. איינע האָט אַרויס־געשלעפּט אַ שטאַרץ מיט קוילן, וואו טויבן־מיסט האָט זיך גערויכערט, אַ צווייטע האָט געיאָגט די מזיקים אין די מדבריות, אין די וויסטע וועלדער.

מ׳האָט איבערגעדעקט דעם רבין מיט אַ ליילעך. אַ צעקרימטע זקנה, ווי אַ קורצער אויסגעריסענער בוים מיט די וואָרצלען, האָט זיך אָוועקגעשטעלט צוקאָפּנס דעם צדיק, געבלאָזן מיטן איינגעפּאַלענעם מויל אין אַ שטאַרץ מיט קוילן, און אַז ס׳בליי האָט זיך צעשמאָלצן, האָט זי עס גענומען גיסן אין אַ שיסל מיט קאַלט וואַסער. דאָס בליי האָט געפּישטשעט, זיך געקאָרטשעט, די זקנות האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געהאַריש קול און דער חדר איז פול געוואָרן מיט פּאַרע.

אַלע האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן צו דער שיסל, געפּרעפּלט — אין די מדבריות צווישן שלעק און פּרעניות, זאָלסטו קיין שליטה מער נישט האָבן — זיך געבויגן, זיך צונויפגעגאָסן, געטייטלט מיט די הענט, ווי מיט קאָך־לעפל, אַרויסגעלייענט:

— אַן אייגל!
— נאָך אַן אייגל!
— אַ מייזל!
— ר׳זעט דעם ימח־שמוניק?
— מ׳דאַרף אים דורכטרייבן!

בשעת די זקנות זענען געשטאַנען איבער דעם אויסגעגאָסענעם בליי, זיך קוים אַרויסגעזען פון דער פּאַרע, וואָס איז זיך ניט פּאַנאַנ־דערגעגאַנגען, האָט זיך צעעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען אַן עלטערער ייד אין אַ קיילעכדיקן רבנישן קאַפּעלוש. ער האָט גע־האַלטן אַ גרויע קאַץ אונטערן אָרעם. אָן רייד, ווי זיי וואָלטן זיך

פאַרשטאַנען אויפן וואונק, האָט ער געגעבן אַ זקנה די אַז, אַליין
האָט ער גענומען שליידערן אַ מעסער אין דער שיסל מיט בליי, גע-
וואָלט דעם ימח־שמוניק דורכשטעכן. די זקנות האָבן דערביי אַרויסגע-
לאָזט ווילדע קולות, געאַרבעט מעשים, און אַז די מקורבים זענען זיך
צונויפגעלאָפן אויף די געשרייען, האָט דער צדיק זיך אויפגעזעצט.

1924

# די שטילקייט דערציילט

דער אַספּאַלט־וועג, אַן אויסגעגעסענער, מיט זאַמדיקע לאַטעס, איז געלאָפן איבער בערגיקע פעלדער, וואו פון ביידע זייטן זענען געוועז צעוואָרפן הייזער און בית־עלמינס.

דער פרי־מאָרגן, אַ יונגער, אַ גרינלעכער, האָט זיך געשפּרייט ווייט און ברייט, געטאָעמט מיט זוניקע פליטערלעך, וואָס האָבן זיך ערגעץ־וואו אָפּגעריסן, פאַרלאָפן דעם וועג, זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס און צוריק פאַרפאַלן געוואָרן אין די פעלדער מיט גינגאָלדענע טראָפּנס טוי.

שוין איבער אַ שעה גייט פּאַביאַן מיטן אָפּגעקראָכענעם וועג, קוקט ווי זיין שאָטן, אַ שמאָלער, אַן אויסגעצויגענער, לויפט אויף אָפּריער, שניידט איבער די שאָטנס פון דיביימער, וואָס רייסן זיך זייער גרויס אין דער בלויקייט און די בלעטער וויגן זיך איבערן אַספּאַלט ווי פויגל.

ס׳וואַקסט אויס נאָך אַ שאָטן, נאָר אַ שמאָלער — דין און בויגיק ווי אַ שנירל וואַסער, דאָס איז אסתר — פּאַביאַנס מיידל.

ס׳פאַרשווירענע קעפל לאָקט זיך נאַכלעסיק, ס׳קליידל פעלדלט זיך, באַהאַלט פון פּאַביאַנען — אַ וועלט, אַ מיידעלשע וועלט.

— אסתר...

— וואָס?

— שעמסט זיך?

קלוג און וואַרעם טוט אַ בלישטש פון צווישן די לאָקן אַ שטיקל אויג. די קאָפּ בויגט זיך נידריק, די פינגער קנייטשן ס׳קלייד, פאַרלירן זיך אין די פעלדלעך.

— מיין מיידל. מיין אסתר.

דער וועג פאַרטשעפּעט זיך אין די פעלדער, אין די איבערגע־

בליבענע שטיקלעך וואַלד, און אסתר אַ דורכזיכטיקע, אַ פֿאַרשלייערטע, טראָגט זיך מיטן באַגינען צווישן גראַניט און מאַרמאָר, שלעפערט זיי איין, פֿלאַטערט איבער די שפּיציקע צלמים, וויקלט זיך איבער די שטיינערנע פֿעלדער, רופט פּאַביאַנען:

— אָט בין איך! אָט בין איך!

אַ קילע שטומקייט איז אָנגעלאָפֿן, זיך געדרייט צווישן די קברים און מיט אַ בית־עלמין ריח זיך אַ שפּאַר געטאָן אויף פּאַביאַנען, זיך צעלייגט אויף זיין ביינערדיק טרויעריק פּנים.

ער האָט זיך אַ דריי געטאָן צום בית־עלמין, געעפֿנט אַ קליין אייזערן טירל און זיך געלאָזט מיטן ברייטן, ווייסן וועג, וואו שטיינד־לעך קלאָרע, אויסגעוואַשענע, האָבן זיך געשוימט אונטער די פֿיס.

ער האָט דערקענט דאָס ברעטל, וואָס איז שוין אַלט געווען איבער אַ יאָר. דער נאָמען איז געווען אָפּגעוואַשן פֿון רעגן און שניי, דער קבר אויסגעגלייכט מיט דער געלבלעכער ערד. מיט די פֿינגער, ווי מיט גראַבליעס, האָט פּאַביאַן געשאַרט די ערד, אָנגעפּולט די גריבלעך, העכער געמאַכט דעם קבר.

ער האָט אָפּגעריסן אַ פֿאַרבלאָנדזשעט בלימל, וואָס איז געוואַקסן צווישן גראָז. די ליפּן, וואָס האָבן געהאַט פֿאַרגעסן „קדיש", האָבן גע־זאָגט שטיקלעך „שמונה־עשרה", וואָס זענען געבוירן אין זכרון.

מיטן ווייסן וועג איז אָנגעקומען דער מצבה־קריצער. אַן אַלטער — אָפּגעשאָטן מיט שטויב פֿון שטיין. ער האָט זיך געשטעלט הינטער פּאַביאַנען, ביי אַ צווייטן קבר, אָפּגעבונדן פֿון אַ מצבה אַן אָפּגעשאָסן שטיק ליוונט.

דער שמאָלער פּאַביאַן איז שמעלער געוואָרן:

— ס'איז דאָך נישט דער קבר!

דער זקן האָט אויפֿגעהויבן זיינע באַברעמטע, אויסגעלאָשענע אויגן, געקוקט אַ ווײַלע אויף פּאַביאַנען, דערנאָך אויפֿן קבר און מיט ביטול אַ הויב געטאָן מיט די פֿאַרשטויבטע פּלייצעס:

— זייט איר זיכער?

— ווי הייסט... כ'האָב דאָך אַליין אַריינגעשטעלט ס'ברעטל...

— נישט קיין ראיה, — האָט דער מצבה־קריצער אַ גלייכגילטי־קער זיך גענומען צום שטיין — דער שניי צעגייט, ווערט די ערד

ווייך און די ברעטלעך פאַלן אַרויס און איר מיינט טאַקע, ס'איז אַ גרויסע נפקא מינה? אַבי מען ליגט!

— אַט שטייט דאָך מיין פרויס נאָמען! — האָט פאַביאַן אַ שפאַר געטאָן ס'ברעטל דעם זקן אין פּנים אַריין — כ'האָב עס אַליין אָנגעשריבן!

— דאַרף מען דאָך טאַקע אַ פרעג טאָן — האָט דער אַלטער צעגומען די הענט, אַ שאָקל געטאָן מיטן ווייסן קאָפּ — טאָמער האָבן זיי אַ טעות געהאַט.

אַ טרויער איז געלעגן איבער די קברים, געלעגן טאָג און נאַכט, זיך איינגעהערט, וואָס די שטילקייט דערציילט.

זי דערציילט ניט וועגן אַ דורכזיכטיק, באַליידיקט מיידל, וואָס פלאַטערט צווישען די מצבות, שפרייט צער איבער באַרג און טאָל. זי דערציילט ניט וועגן „חסד של אמת", וואו ס'ליגן מענטשן, וואָס שטאַרבן ערגעץ הינטער אַ פּלויט. די קברים ווערן ביסלעכווייז צע־טראָטן, פאַרוואַקסן, גלייכן זיך אויס מיט דער ערד און ס'בלייבט פון זיי קיין זכר ניט.

דער זקן איז אָנגעקומען מיטן פאַרוואַלטער. זיי האָבן אָנגע־הויבן ציילן די שורות, פאַרגליכן מיט אַ בוך.

— דער מצבה־קריצער איז גערעכט.

— אָבער ס'ברעטל — האָט פאַביאַן געשטאַמלט.

מען האָט אים מער ניט געהערט. ער האָט זיך ווידער איינגע־קוקט אין ברעטל — געוועזן זיכער, אַ ער דערקרענט דעם נאָמען, דער שניי און רעגן האָבן אָפּגעוואַשן דעם טינט — די צייכנס זענען אָבער געבליבן.

ער איז געלאָפן פון איין קבר צום צווייטן, באַטראַכט יעדעס גרעזל, יעדעס שטיינדל, זיך געוואָלט דערמאָנען, ווי דער קבר האָט אויסגעזען מיט אַ יאָר צוריק. אָפּגעריבענע בלעטלעך האָבן לויז גע־שטעקט אין דער געלבלעכער ערד, זיך געוואַלגערט אַרום די קברים, איז דאָס איר קבר?

— דער מצבה־קריצער האָט באַפּעסטיקט דעם שטיין, הויך גע־מאַכט ס'בערגל, געגומען באַרוהיק פאַביאַנען.

— אַז איר ווילט האָבן עגמת־נפש, יונגערמאַן איז ניט שייך...

זייט רוהיק, די מצבה שטייט אויפן ריכטיקן פּלאַץ. און אויב איר מיינט טאַקע ס'איז אַ גרויסע נפקה־מינה? — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן פאַרשטויבטן, איינגעפאַלענעם פּנים — אַבי מען ליגט...

פאַביאַן איז געבליבן איינער אַליין ביים קבר, געקוקט אויף דער מצבה, גאָרנישט געזען און אַרום און האָבן קברים אָן מצבות, האַלב־צעטראָטענע, מיט טיפע שיך־טריט, זיך געוואָרפן אין די אויגן.

דער ווייסער וועג האָט זיך געשוימט, זיך געשניטן צווישן בייטן בלומען, צווישן קליינע שלעסער פון מאַרמאָר און גראַניט. אַ ליכטיקייט האָט געפלאַטערט, געגלעט די בערגיקע פעלדער, זיך גע־שפּרייט איבער די צעטראָטענע קברים, זיך געפּלאָנטערט צווישן די מצבות, איינגערוימט:

— אָט בין איך! אָט בין...

1924

# פערד־שינדער

ווייט פון שליאַך, צוצוקומען מיט שמאָלע הינטער־וועגלעך, האָט זיך געגרויט איבערן שניי אַן אַרומגעביסן שטיבל מיט גרינלעכע שויבן פון אַלטקייט.

דאָס אָרעמקייט איז געשטאַנען אָפן פון אַלע זייטן. דער ווינט האָט געהויבן טרוקענע שנייעלעך, זיך געשפּאַרט מיט זיי אין דער אָפּשטייענדיקער טיר פון פּעדערהויז, אין די לעכער פון בוידעם, אין קוימען און צוריקגעפאַלן מיטן געררויך פון רויע פעל.

דער ווינטער האָט נישט אויסגעפּרוירן דעם חלשות־ריח, פון וועלכן הינט אַנטלויפן מיט די ווידלען צווישן די פיס. אַזאַ ריח טראָגט זיך נאָר פון אַ היצל.

אין אַ גרויסער קיך, וואָס איז מער ענלעך געווען אויף אַ פערד־שטאַל, האָט זיך אַרומגעדרייט אַ צוועלף־יעריק יינגל. ער האָט אַרומגעבונדן די שטיוול מיט שמאַטעס, אַראָפּגענומען אַ רימען פונם זאָטל, וואָס האָט געהאַנגען ביים פענסטער, איינגעשנורעוועט דאָס צו ברייטע שעפּסן־פעלצל און אַן אומרוהיקער געוואַרט אויפן פאָטער. ס׳יינגל האָט ס׳ערשטע מאָל געזאָלט מיטפאָרן אין פעלד אַריין, העלפן אָפּשינדן אַ פאַרטיע פערד.

פערד מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זענען געווען צונויפגעקוועטשט אינמיטן הויף. די שפּיציקע ביינער האָבן זיך געשניטן פון דער אויס־געקראָכענער פעל. די פערד זענען געווען אַלטע, בלינדע, ־זיך מער נישט געקאָנט פאַרדינען אויף עסן, זענען די באַלעבאַטים געווען צו־פרידן, וואָס דער שינדער נעמט זיי צו.

אין אַ זייט איז געשטאַנען אַן אָגער מיט אַ צעבראָכענעם פוס. די פעל, אַ טונקל־רויטע, האָט געפינקלט, דער קאָפּ פאַררייסן, געשאָסן

קנוילן פּאַרע מיט די בלוט־פּאַרלאָפענע נאָזלעכער. דער געבראָכענער פוס, מיט אַ ווייס לעטשל, איז געווען פאַרריסן, ווי אַ בריק צו טאָן דער אָגער האָט נישט צוגעלאָזט צו זיך די שלעפּ־פערד, זיי אָפּגע־יאָגט מיט די פאַרשוימטע, ווייסע ציין, מיטן פיינלעכן הירזשען.

די שטומע חיות האָבן דערשמעקט עסן, געטישטערט מיט די מאָרדעס איבערן שניי, זיך צוגעשאַרט צום פערד־שטאַל. די בלינדע מאָרדעס מיט די אויסגעדאַרטע העלזער האָבן זיך געהויבן, געלעקט מיט די צונגען די וואַרעמע פּאַרע, וואָס האָט געשלאָגן פון די צע־שפּאָלטענע קלעצער.

דער אָגער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די הינטערשטע פיס, אַ ריס געטאָן מיט די ציינער אַ פּאַסמע שטרוי און אַ פלאַכטע שניי איז אים אַ פאַל געטאָן אין די אויגן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קראַנקן פוס, אויפגעטרייסלט די שטילקייט און אין דעם פאַרשפּיצטן געוויין איז געווען אַ שטומער צער.

אין קיך איז טונקל געוואָרן. ביי דער טיר איז מער נישט גע־האַנגען קיין זאָטל. אַ פּאָר הערנער האָבן זיך געהויבן, זיך געקליבן אַ שפּרונג צו טאָן. ס'יינגל האָט צעשפּרייט זיינע קורצע, דיקע פיס, ווי קלעצלעך, געוואַרט אויף דער חיה, זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט פון חדר, ווי אין דער פאַרמאַכטער טיר רייסט זיך דער ווינט, ברענגט מיט זיך דאָס געוויין פונם אָגער.

דער פאָטער איז אַריין מיט אַ וואָלקן פּאַרע. ער איז ברייטער ווי העכער, ס'פּנים געשטופּלט. הינטער דעם צעשפּאָלטענעם דאַשעק, וואָס איז אַמאָל געווען פון לאַקיר, זיצן אַ פּאָר גרויע אויגן, וואָס ווערן פון קיין זאַך נישט נתפּעל.

ער האָט אַראָפּגענומען פון אויוון אַ טעפּל געקעכטס, עס אַוועק־געשטעלט אויפן טיש, זיך געזעצט עסן פון טעלער אַרויס און סתּם אַ פרעג געטאָן:

— האָסט שוין געגעסן, וועלוול?

— יאָ, טאַטע.

— טאָ גיי שפּאַן איין דעם שימל.

וועלוול איז אַריין אין וואַרעמען שטאַל, אַרויסגעפירט דעם שימל, אים איינגעשפּאַנט, און איידער ער האָט צייט געהאַט צוצובינדן

אײן פּערדס מאָרדע צום צװײטנס עק, איז דער פּאָטער שױן אַרומגע־גאַנגען טװישן די פערד מיט אַ בױגיק בײטשל, צוגעטריבן:

— פּלינקער, װעלװל, פּלינקער!

זײ זענען אַרײן אין שליטן. דער שימל האָט אַ שלעפּ געטאָן, אַרױס פון הױף, אַרומגערינגלט מיט בלינדע, הינקעדיקע פערד.

די פעלדער, אָן אַ װעג, האָבן זיך געצױגן הערמל־װײסע אין אָװנט אַרײן. דער שליטן האָט זיך געגליטשט אונטער די טעמפּע קלעפּ פון די קאָפּיטעס, זיך געטראָגן איבער לײדיקע פאָרשנײטע פעלדער.

די זון, אַ רױטע, האָט זיך צוגעזעצט אױפן שנײ, געשפּרײט צעפּלאַמטע פּאַסן, זײ געשפּיגלט אין דער װײסקײט, אין די פאַר־בלאָנדזשעטע אָלשינע־בײמלעך, װאָס זענען אַזש װײס געװען פון פראָסט.

דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער פּאָטער האָט צוגעבונדן דעם שימל צו אַ בױם, אױסגעװיקלט אַ פּאַפּיראָס, פאַררױכערט און ס׳געשטופּלטע פּנים האָט אױפגעלױכטן.

ער האָט אַרױסגעפירט דעם אָגער, און אײדער װעלװל האָט זיך אומגעקוקט, האָט ס׳פערד אַ פאַל געטאָן, באַלד זיך אױפגעכאַפּט. זיך צעװײנט און גענומען שפּרינגען מיטן פעלד. איבערן שנײ האָט זיך אַ בלוטיק שנירל געהאַלטן אין אײן רײסן.

דער פּאָטער האָט האַסטיק געררױכערט, געװען זיכער, אַז דער אָגער װעט זיך באַלד איבערדרײען מיט די קאָפּיטעס אַרױף, געזען, אַז ס׳פערד לױפט מיט די פעלדער, לױפט, דאַכט זיך, אױף אַלע פיר, איז דאָס געשטופּלטע פּנים געװאָרן חושך, געקוקט מיט רציחה אױפן ײנגל:

— װאָס שטײסטו, גולם, און היטסט די בלינדע פּגרים? נעם זיך רעכטס!

װעלװל, אַן איבערגעשראָקענער, האָט זיך געלאָזט רעכטס, דער פּאָטער — לינקס. פלינקע האָבן זײ זיך געטראָגן איבערן שנײ, די קעפּ געבױגן, די גרױע אױגן האָבן זיך געצונדן, זיך געיאָגט נאָכן פערד, װאָס איז געשפּרונגען אױף אַ פרײער מיטן מעסער צװישן די לאָפּעטקעס. איבערגעלאָזט הינטער זיך אַ רױטע לײך.

און קעגנאיבער איז די זון אַ ברודיק־רויטע געשטאַנען איבער דער העלפט אין שניי. אָפּגעשאָטנט אַ פייעריק פערד, איז דער אָגער געלאָפן מיט די לעצטע כּוחות און דער שניי האָט זיך געקייקלט ביי אים פון הינטער די פיס.

וועלוול האָט אַריבערגעיאָגט דעם אָגער. ער האָט געכאַפּט אַ קויל שניי און אַ הייב געטאָן די האַנט. ס'פערד, פאַרגליווערט פון ווייטאָג, האָט זיך קיין ריר ניט געטאן, נישט אַראָפּגענומען די פאַר־לאָפּענע אויגן פונם יינגל. בלויז די גריוועס אַ צעפּאַטלטע האָט זיך גע־הויבן מיט לעצטער גבורה.

וועלוול האָט זיך אַ ריס געטאָן, גענומען לויפן אויף צוריק. ער האָט נישט באַמערקט, ווי די פערד האָבן זיך צעשאָטן אויף אַלע פיר זייטן, זיך געשלעפּט איבער די פעלדער אַלטע, בלינדע.

וואו ער האָט זיך נישט אַ דריי געטאָן, איז אויסגעוואַקסן דער אָגער מיטן מעסער אין די לאָפּעטקעס, מיט די פאַרשוימטע ציין.

וועלוול האָט זיך צעשריען. די שטילקייט איבער די פעל־דער איז געוואָרן טיפער, געקייקלט איבער די שנייען דעם שרעק פאַרן טויט.

1924

# א חתונה

אַ האַלבע שטאָט יונגען מיט מוידן זענען געשטאַנען הינטער ר׳ אהרן פּאָדריאַדטשיקס פענסטער, געקומען הערן ווי דער זעלנערישער אָרקעסטער וועט פירן חתן־כלה צו דער חופה.

די שטאָטישע כלי־זמרים זענען געווען ברוגז. זיי האָבן זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף דער חתונה, אײַנגעשטודירט פאַר די וואָר־שעווער מחותנים אַ נײַעם פאָרשפּיל, און כאָטש זיי האָבן געקראָגן באַ־צאָלט, איז זייער שמחה געווען אַ פאַרשטערטע — ר׳ אהרן האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן דעם פּאָלקאָווניק, ווען יענער האָט אים פאָרגעשלאָגן דעם אָרקעסטער.

די סאַליע, וואו די כלה איז אײַנגעשטאַנען, איז נישט געווען דורכצוגיין. פון זײַטיקע טירן האָבן געהאַלטן אין איין צוקומען פאַר־פוצטע פרויען און מיידלעך, איבערראַשטע געקוקט אויף די אָפיצירן, וואָס האָבן זיך געדרייט איבער דער סאַליע, זיך געטוישט מיט די דאַמען און געטאַנצט.

איבער צוואַנציק יונגע אָפיצירן — בלוט און מילך — האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן. זייערע נײַע מונדירן האָבן געפינקלט. די שליי־פעס, קנעפּ און קאָלירטע טאַשמעס האָבן שעמערירט אַנטקעגן די בליק־לאָמפּן.

פון אַ זײַטיק שטיבל, וואו דער אָרקעסטער איז געזעסן, האָט זיך געטראָגן אַ וואַלס. פאָרלעך האָבן זיך פון גרויס ענגשאַפט זייער פאַמעלעך געדרייט, יעדע ווײַלע געבליבן שטיין, און פון דערווייטנס האָט עס אויסגעזען ווי אַ פיל־פאַרביקע קאַרוזעליע.

די מחותּנתטעס האָבן זיך נישט געמאַכט זען, ווי די אָפּיצירן האָבן לויט דער ריי גענומען די כּלה טאַנצן, זיך כּלומרשט פאַרענט־פערט פאַר די חסידישע ווייבער, די וואַרשעווערינס, וואָס זענען נישט מיד געוואָרן צו דרייען זיך אויף די קלעצלעך, צו שנירלען מיט די פּיסקלעך:

— כ׳ווייס, ערלים... פּאַרט מלכות, מען קאָן נישט מעיז־פּנים זיין...

און די חסידישע טעכטער, וואָס האָבן געפּלאַטערט איבער דער סאַליע, האָבן נישט געמאַכט קיין וועזן פון די קאָמפּלימענטן, וואָס די בויגיקע אָפּיצירן האָבן אונטערגעטראָגן מיט אַ נייג, מיט אַ קלימפּער פון די שפּאָרן.

די יידישע נגונים זענען פון דעם בלאָז־אָרקעסטער אַרויסגעקומען אַביסל צעמזיקט. יעדער האָט געפילט, אַז ס׳פידעלע פעלט, און דאָ וואו ס׳האָט זיך געבעטן דער אמתער קרעכץ, דער עולם זאָל זיך פאַרגיין פון מתיקות, האָט דער קלאַרנעט איבערגעריסן מיט אַ כריפּ.

שלמה „באַס״ אין די זעלנערישע הויזן, איז געשטאַנען מיט זיינע אַרויסהעלפערס צווישן דער קאַפּעליע, נישט דורכגעלאָזט קיין איין דינסט־מיידל און מיט פרייד אויפגעכאַפּט אַ פּאַלשן טאָן:

— אַלץ הייסט געשפּילט! ס׳האָט אַ טעם ווי חלשות! מער ווי אַ מאַרש קאָן פּאָניע ניט אויסשפּילן!

די פרויען זענען נישט איינגעשטאַנען, זיך געטראָגן צום טאַקט פון אָרקעסטער. אַ פריילעכס האָט זיך צעשאָטן איבערן זאַל. די מחותּנתטעס האָבן געמאַכט פּלאַץ, אַוועקגעזעצט די כּלה צווישן צוויי פּאַלמען, זי צוגעגרייט צום באַדעקנס. די מחותּנים האָבן אַריינגעפירט אַ יונגן בחור, א צעפּלאַמטן, מיט אַ מינע ווי אויף אים וואָלט געשטאַ־נען די גאַנצע וועלט.

דאָס בחורל האָט קרום געקוקט אויף די אָפּיצירן, זיי פאַרביי־געגאַנגען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, זיך געטראָגן צו דער כּלה מיט אַ דעק־טוך אין דער האַנט און די יינגלשע שקאָצישקייט האָט גע־שריען פון יעדן גליד זיינעם.

אין דער סאַליע, וואָס איז אויך געווען אַ׳סוכּה, האָט מען געעפנט

דעם גלעזערנעם דאַך, און איבער די קעפּ האָט אַ בלוי געטאָן אַן אויסגעשטערנטער הימל, ווי אַן אויסגעמאָלטער.

די הבדלות האָבן געפלאַקערט. די מחותנתטעס פון ביידע צדדים האָבן געטאַנצט מיט טאָרטן, מיט לעקעכער, וואו קאָלירטע ליכטלעך האָבן געשטעקט. די ליכטיקע סאַליע האָט געבליצט מיט זיידנס, מיט סאַמעט, געבלענדט מיט גאָלד, מיט פּערל, מיט שמעקע־דיקע דעקאָלטעס. די שטריימלעך מיט די פאַררייסענע עקלעך זענען וואוילעריש געזעסן אויף די קעפּ, און ווען ניט די אָפיצירן, וואָס זענען געווען צעוואָרפן אַרום די ווענט, וואָלט די שמחה געווען אָן אַ פּגימה. קיינער פון די מאַנזבילן האָט מיט די אָפיצירן ניט גע־רעדט, אַ חוץ דעם מחותן ר' אהרן, וואָס האָט אין מיטן טומלען זיך יעדעס מאָל אַ דריי־אויס געטאָן צום קאַפּיטאַן:

— ווי פאַרברענגט איר, יאַקאָוו יאַקאָוולעוויטש?

ווי אַ פיש אין וואַסער!

— גוט, זייער גוט!

דער אָרקעסטער האָט פול געמאַכט די סאַליע, זיך אויסגעשטעלט אַרום דער חופה אין אַ האַלבן קרייז. ס'קליינוואַרג אין די סאַמעטענע קאַשקעטלעך מיט די געלאָקטע פּאהלעך, האָבן געקלעפּט אַרום די זעלנער, אָנגעריירט די מעשענע קנעפּ, די אינסטרומענטן.

די סאַליע איז געוואָרן ענגער און ענגער. די פרויען האָבן זיך געשטופּט צווישן די מענער, געהויבן די הבדלות איבער די קעפּ, געוואָלט כאַפּן אַ קוק, וואָס ס'טוט זיך אונטער דער חופה. די מיידלעך האָבן בגנבה געכאַפּט אַ קוק אין דער זייט, וואו די אָפיצערן זענען געשטאַנען, און אַז אין דער שטילקייט האָט זיך דערהערט דער קלימפּער פון אַ צעבראָכן גלעזל, האָט אַ ברייטער מזל־טוב זיך געריסן פון אַלעמענס העלזער, איבערגעשריען דעם אָרקעסטער.

די מחותנים האָבן זיך געוואונטשן, די מחותנתטעס — געקושט, און דער עולם האָט זיך געשטופּט צו חתן־כלה. די כלה מיט אַ פּנים האַלב פאַרדעקט, וואו דער טולענער שלייער איז געווען פאַרשאַרצט ביז איבער דער אויבערשטער ליפּ, איז געשטאַנען אַ בלייכע, ס'קליינע מויל קוים געעפנט, גרייט צום קושן.

די אָפּיצירן האָבן זיך געשאַרט צו דער חופּה אין אַ שורה, געקלימפּערט מיט צוואַנציק פּאָר שפּאָרן, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו אַ „סמאָטר" פאַר עפּעס אַ גענעראַל, די ברוסטן אויסגעשטעלט, די הענט האָבן געהאַנגען מיט דרך־ארץ און די פיס האָבן זיך ריטמיש באַוואויגן.

דער עולם איז נישט איינגעשטאַנען, געוואַרט אַן איבעראַשטער, וואָס דאָ וועט זיין, און ר' אַהרנס אַ מענטש — משה קאָזאַק — האָט מיט די עלנבויגנס געמאַכט פּלאַץ, געשריען:

— לאָזט דורך! נאַטשאַלסטוואָ גייט! לאָזט דורך!

און אַז משהלע קאָזאַק איז שוין געשטאַנען ביי דער חופּה, האָט ער איינגערוימט די מחותּנים:

— נאַטשאַלסטוואָ גייט זיך קושן מיט דער כּלה! אַזאַ מנהג ביי זיי, ביי די רוסן!

דער חתן האָט זיך אַ שטעל געטאָן צווישן משה קאָזאַק און דער כּלה. דאָס סויבעלנע שטריימל אָן אַ זייט, דער זיידענער גאַרטל מיטן קנופּ נאַכלעסיק איבער די לענדן, די זיידענע קאַפּאָטע פּריציש אויף די בויגיקע פּלייצעס און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען ווי אַ יונגער, ברוגזער אַטאַמאַן, ער האָט אַ געשריי געטאָן איבערן גאַנצן זאַל:

— מיט דער כּלה וועט זיך קיינער נישט קושן!

די מקורבים האָבן עס נישט ערוואַרט פון חתן, נישט געזען אין דעם קיין חטא, און פון אַלע זייטן האָבן מחותּנים געשטאַמלט:

— כ'מיין... כ'ווייס... מען קאָן נישט מעיז פּנים זיין, מען שטעלט זיך נישט מיט מלכות...

— מען וועט זיך נישט קושן — איז דער חתן באַשטאַנען אויף זיינס.

— נישט אַזאַ גוואַלד - איז ר' אהרן אַריין אין דער מיט. — ס'איז דאָך עפּעס היינט אַ חתונה, און אַז דו ביזט איינגעשפּאַרט, חתן, וועט מען מאַכן אַ פּשרה - זיי וועלן קושן אין דער האַנט אַריין.

דער חתן אַן אָנגעכמורעטער האָט נישט געענטפערט, זיך אַ רוק געטאָן אָן אַ זייט, געזען ווי צוואַנציק אָפּיצירן גייען פאַרביי, יעדער האָט זיך פאַרנייגט מיט אַ קלימפּער, זיך געבויגן גראַציעז, אונטערגע־

טראָגן דער כלהס אײדעלע האַנט צו די ליפּן, און די כלה, אַ בלײכע, מיט אַ באַהאַלטענער רויטקייט אונטער דער הויט, איז געשטאַנען אַ פֿאַרשלײערטע, זיך קײן ריר ניט געטאָן, בלויז די ליפּן פֿוללע, עטוואָס פֿאַנאַנדערגענומענע האָבן זיך אַרויסגעשײלט פֿון איר קלײנעם מויל, ווי נאָר־וואָס צעעפֿנטע רויזן־לעפּלעך.

1924

# ארום דער מדבר פון אריזאָנא

אויפן זאַמדיקן וועג, וואָס ציט זיך אין דער אַריזאָנער מדבר אַריין, זענען געווען צעוואָרפן לייוונטענע געצעלטן, ווי אָפּגעקאַלכטע בינשטאָקן.

אַ קליינגעוויקסיק פערדל האָט זיך געדרייט צווישן די פּאַלאַט־קעס. די פעל אויסגעריבן און איז געהאָנגען איבער די ביינער ווי אַ פלאַכטע.

אויסגעצערטע הינט, וועמענס רוקנביינער האָבן געסטאַרטשעט ווי זעגן, זענען געלעגן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אין די אַריינגאַנגען פון די געצעלטן, געהיט דאָס גוטס און אויסגעשטאַנען אַלע קאַפּריזן פון דעם קליינוואַרג.

אַרום די פּאַלאַטקעס האָבן זיך געטומלט די מעקסיקאַנער באַנוול קלייבערס. די עלטערע האָבן זיך פאַרקליבן ביים וועג, געוואַרט אויף פּאַבלאָן, וואָס האָט געדאַרפט אָנקומען פון שטעטל, דערציילן וואָס די באַנוול־הענדלער האָבן באַשלאָסן אויפן מיטינג.

מענטשן האָבן געזען אין דער וועלט־מלחמה גאָטס קללה, גע־וואַרט אויף שלום. גיי ווייס. אַז דער שלום וועט זיין אַן אומגליק פאַר די באַנוול־סוחרים, אַ קללה פאַר די מעקסיקאַנער באַנוול־קלייבערס — כאָטש לאָז זיך אין דער מדבר אַריין און שטאַרב.

אַ מעקסיקאַנער, וועמעס קליידונג איז באַשטאַנען פון צוויי פלאַכ־טעס — איינע האָט געהאָנגען אויף זיינע פּלייצעס ווי אַ העמד, פאַר־צויגן ביים האַלז מיט אַ בענדל און די צווייטע אַרום די באָרוויסע פיס ווי הויזן — האָט אויסגעוויקלט אַ סיגאַרעט און זיך פאַרגאַנגען מיט אַ ניגון:

— די הענדלער האָבן געבראָכן די קאָנטראַקטן, דאַרפן זיי אונז פאַרזאָרגן!

— גערעכט!
— ס'איז זייער שולד!
— אונז איינגערעדט גליקן און יעצט ווילן זיי מיר זאָלן שטאַרבן פון הונגער?
— אַז ס'איז אַן אומגליק!
— דער באַנוול פוילט אויף די פעלדער.
— ס'לוינט אים נישט אראָפּצונעמען.
— דער פּרייז איז אַזוי געפאַלן, אַז ס'לוינט בעסער דעם הענדלער זיין סחורה זאָל פוילן.
— טאָ וואָס זענען מיר שולדיק?
— דאָס טענהן מיר דאָך אַלע!
— עפּעס וועלן זיי דאָך באַשליסן אויפן מיטינג.
— נישט לאָזן מענטשן אויסגיין פון הונגער.

די ווייבער שוואַרצע, אויסגעמאָגערטע, ווי מכשפות, זענען געשטאַנען איבער הילצערנע כלים, געמישט מעל מיט וואַסער און געבאַקן פּלעצלעך אויף אָנגעגליטע שטיינער.

דער ריח פון פריש געבעקס האָט צוגעצויגן ס'קליינוואַרג — כמעט נאַקעטע קינדער מיט שפּיציקע בייכלעך און אויסגעבויגענע פיס פון נישט דערעסן. די קינדער האָבן געלייגט אַ פּלעצל איבער אַ פּלעצל, זיי אויסגעשטעלט ווי צילינדערס און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די טאַטעס, מען זאָל שוין אָנהויבן די סעודה. און אַז דאָס גיין עסן האָט זיך פאַרצויגן, האָט ס'קליינוואַרג זיך געריבן אַרום די מאַמעס געבורטשעט:

— ס'הונגערט!
— ס'הונגערט!

איבערן גרויען שטח האָט זיך יעדע ווילע געקייקלט אַן אַנדער פרויען־שטים. זיך צעשאָטן, און אויגן, ווי ברענענדע קוילן, האָבן זיך געצונדן אין די אויסגעצערטע פּנימער.

די שאָטנס ערנסטע, באַזאָרגטע, וואָס פּאַבלאָ איז נאָך נישטאָ, זענען זיך צונויפגעקומען — יעדער אין זיין געצעלט. די סעודה פון פּלעצלעך מיט ציקאָריע האָט זיך אָנגעהויבן.

ס'קליינוואַרג איז געזעסן אַרום די טאַטעס שטול, קיין פּיפּס ניט

געטאָ ן. דער אויסגעדאַרטער הונט האָט געהאַט ביים עסן מער פּריווי־לעגיעס פון די קינדער. אַ חוץ זיין פּאָרציע געוויקט פלעצל, האָט אים דער בעל־הבית נאָך מכבד געווען מיט אַ גלעט איבערן רוקן.

און אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן און די ווייסע פּאַלאַטקעס זענען געוואָרן איינס מיט דער גרויקייט, האָבן זיך געהערט פון אַלע זייטן:

— ער גייט!

— פּאַבלאָ גייט!

די מעקסיקאַנער האָבן נישט דערענדיקט ס׳עסן און זענען אים אַנטקעגנגעגאַנגען.

פּאַבלאָ, אַ הויכער, אַ בראָנזענער, אין לייוונטענע קליידער, פון וועלכע ער איז שוין לאַנג אויסגעוואַקסן, איז געשטאַנען צווישן עולם. זיין הויכער פּאַנאַמאַ קאַפּעלוש, די שיינע שיך אויסגעשטעפּט מיט קאָלירטע לעקעכלעך, דאָס זיידענע טיכל ביים האַלז, וואו צוויי גע־שפּאָרנטע הענער מיט בלוטיקע קאַמען האָבן זיך געוואָרפן איינער אויפן צווייטן — דאָס אַלץ האָט נישט געפּאַסט צו זיין גאַנצן הילוך.

ער האָט געלאָסן אַראָפּגענומען דעם ווייכן פּאַנאַמאַ, אָפּגעווישט מיט די אויסגעשמירטע הענט דעם נאַסן שטערן און זיך גענומען בינדן דאָס זיידענע טיכל אַרום האַלז.

דער עולם איז געוואָרן אומגעדולדיק:

— וואָס אַזוי שפּעט?

— פּאַבלאָ, האַ?

— פּאַבלאָ האָט צייט!

— דאָס זעען מיר!

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד מיטן רוקן צו די טליענדע פייערלעך, וואָס אַרום די פּאַלאַטקעס. דער עולם האָט זיך צעלייגט אַרום אים.

— דזשאָנסאָן איז קעגן אונז — האָט זיך פּאַבלאָ אָנגערופן.

— וואָס וויל ער?

— ער זאָגט, אַז ווי לאַנג די באַוועל־קלייבערס האָבן הינט, דאַרפן זיי נישט שטאַרבן פון הונגער.

— וואָס

— ער וויל מיר זאָלן עסן הינט?

— יאָ, דאָס וויל ער.
— אַ דונער אים אין די זייטן!
— נישט דערלעבן וועט ער עס!
— די מדבר וועט אים פריער פאַרשיטן!
— האָסט אים געשוויגן, דעם גרינגאָ, פּאַבלאָ?
— כ'האָב אים צוגעגרייט אַ מיטאָג פון זיין אייגענעם הונט!
— גוט!
— בראַוואָ, פּאַבלאָ!
— אויפן וועג אַ היים — האָט פּאַבלאָ אָנגעהויבן און זיך אויס־געדרייט מיטן פּנים צו דער מדבר — בין איך פאַרבייגעגאַנגען דזשאָנ־סאָנס הויף און דערזען ביים שטאַל זיין הונט, ס'בלוט האָט אין מיר אַ שלאָג געטאָן, געהייסן נקמה נעמען, פּאַבלאָ קריכט אויף אַלע פיר גנב'עט זיך צווישן וואָגנס, ברעטער, באַלעקט זיך ווי אַ פוקס. דער הונט האָט מיך דערשפּירט, זיך צוגעזעצט און איידער וואָס־ווען זע־נען מירביידע געלעגן אַרום שטאַל, זיך געראַנגלט. ס'האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן — דער הונט האָט אויסגעצויגן די לאַפּעס.

די מעקסיקאַנער האָבן זיך איינגעהערט, געוויקלט סיגאַרעטלעך, געריכערט און זייערע אויסגעהונגערטע מוחות האָבן געחלומט וועגן דער מדבר, וואָס איז געלעגן איבער זיי, געשראָקן און געוויטיקט ווי אַן אָפענע וואונד און אין דערזעלבער צייט געשטילט דעם צער.

איבער דער מדבר האָט געהאַנגען אַ גרויסע, רויטע לבנה. דאָס פערדל — הויט אוןביינער — איז אויסגעוואַקסן ווי אַ סקעלעט, געשפּו־נען מיט די פאַדערשטע פיס און זיך נישט גערירט פון אָרט.

פון דער מדבר האָבן זיך געהערט קלעפּ, געהילכט אין די ווייטקייטן, דערציילט וועגן די פאַרוואָרפענע גאָלד־זוכערס, וואָס בייסן זיך ביי לבנה שיין מיט האַמער און בלאָטע אין האַרטן שטיין, זוכן ס'פאַרלוירענע מזל.

פּאַבלא האָט געקוקט אויף זיין שאָטן — אַ שמאָלער, אַ לאַנגער, זיך געוויגט איבערן זאַמד, נישט געוואָרן צווישן די שאָטנס, וואָס זענען אָנגעלאָפן, ווי לצים, · זיך צוריק באַוויזן. די מדבר אַ קילע האָט זיך געוויגט איבער אים, איינגערוימט:

— דיין מזל, פּאַבלאָ, האָט אויפגעשיינט, קום מיט מיר כ׳וועל דיך אָנלעגען פולע קעשענעס גאָלד, קום פּאַבלאָ!

פינגער האָבן פאַרבענקט זיך געשאַרט איבער באַנדורעס, גע־קניפּט די זייטן. איבערגעשראָקענע געמיטער האָבן געוואָגלט איבער דער מדבר, געזוכט די גאָלד־גרובן, און איבער אַלעם האָט זיך גע־שפּרייט דער נישט גוטער — אַ הייזעריקער גראַמאָפאָן האָט זיך געריסן פון אַ פּאַלאַטקע.

1924

# ארום א מיל

ס׳וואַסער האָט געשוואָלן איבער די ברעגן, געדרייט ס׳ראָד פון דער מיל טאָג און נאַכט און אַרום און אַרום האָט דאָס קלאַפּן פון שטיינער און וואַלצן פאַרהילכט דעם דינעם, קאַלטן רעגן, וואָס האָט געשפּריצט אָן אויפהער.

ס׳איז געווען סוף חשון.

די אַלטע צוויי־גאָרנדיקע מיל מיטן מאָכיקן דאַך, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די קליינע פאַרמעלטע פענסטערלעך, האָט זיך גע־וויגט איבערן וואַסער, און אַז מען איז געשטאַנען אינווייניק האָט זיך געדאַכט, די געביידע וועט זיך צעשיטן. אַזוי האָט זי געציטערט.

דער מילנער, אַ שווערער, אויסגעקנעטענער ייד, פון צופיל קלויצ־קעס עסן, די אויגן אָן ברעמען, רויטלעך פון שטויב און ווייניק שלאָפן, איז געשטאַנען אין דעם קיילעכדיקן, אויסגעשניטענעם לאָך, דורך וועלכן מען ציט אַרויף זעק מיט תבואה און געקוקט ווי זיין זון, אַ דורכגעווייקטער, שפּאַנט איין אין אַ וואָגן אַ פּאָר פערד.

די קליידער, די שטיוול, ס׳פּנים — אַלץ איז ביים זון איינגע־לאָפן אונטערן רעגן, זיך צונויפגעגאָסן מיטן גרויען פינקל פון די פערדישע פעל.

שלמהקע — האָט דער פאָטער זיך געבעטן ביים זון — כ׳וועל דיר אַראָפּלאָזן די פּאָר זעקלעך מעל און וועסט זיי צופירן אין הויף אַריין.

— זאָגסטו מיר צו, טאַטע?

— וואָס?

— נאָכמיטאָג נעם איך די פערד.

— צו וואָס?

— כ׳וויל צופאָרן מיט לאהן אין שטאָט אַריין.

— נישט אַנדערש ווי היינט, אין סאַמען ברען? ווען כ׳דאַרף די

פערד און כ'קען זיך אַ מינוט נישט באַגיין אָן דיר? — זענען זיך דעם אַלטנס ווערטער צעשווימען אין דער נאַסקייט מיט אַ קרעכץ — אַז שוין יאָ אַזוי, שלמהקע, הייס אין גאַנצן אָפּשטעלן די מיל! וואָס איז זי אַזוי הייס־געבאָדן, דיין לאה? די מאַמע פֿאָרט אין שטאָט אַריין? דאַרף זי אויך נישט פֿאָרן! ס'וואַסער דאָ איז כשרער ווי די מקוה אין שטאָט!

— זי זאָגט אַז זי קען נישט — האָט שלמהקע זיך געשיבערט אין אַ פֿאַרלעגנהייט.

— וואָס קען זי נישט?

— וואָס ווילסטו, טאַטע — איז דער זון אַרויס פֿון געדולד — זי זאָל קריגן אַ לונגן־אָנצינדונג?

— וואוין איך שוין דאָ פֿון דער חתונה אָן און די מאַמע איז ברוך־השם געזונט! אָט גייט זי, וועט מען זי פֿרעגן!

— שרה, רעד דו מיט אים. איצט, ווען די אַרבעט ברענט, יעדע רגע איז גאָלד, קומט אויס דיין שלמהקען צו פֿאָרן מיטן ווייב אין שטאָט אַריין!

שרה, אַ געזונטע, פֿאַרמעלטע יידענע, וואָס איז ברייטער ווי העכער, מיט אַ נידעריקן האַלז, ווי אַ פֿאַרבונדענער זאַק מעל, האָט אויסגעהערט דעם מאַנס טענות און זיך אָנגערופֿן:

— ר'וועט נישט פֿאָרן, ר'וועט נישט פֿאָרן, געהערט, און וואָס וועט זי זאָגן, דיין שטראָצעלקע, אין שבת, ווען מען דאַרף אויפֿהאַקן ס'אייז און אַריינקריכן?

— וועט מען פֿאָרן אין שבת אויך אין שטאָט אַריין! — איז שלמהקע געוואָרן דרייסטער.

— און איך זאָג דיר, — האָט די מוטער אַרויפֿגעלייגט איר פֿאַרמעלטע האַנט אויפֿן זונס פּלייצע און איבערגעלאָזט דאָרט אירע פֿינף פֿינגער — אַז אויב יאָ פֿאָרן, וועסטו שוין פֿאַר איין וועג פֿאַרפֿאָרן מיט איר צום רב זיך גטן!

— די מאַמע איז גערעכט, — האָט דער פֿאָטער אַראָפּגעשריען — זי איז נישט פֿאַר דיר! אויסמעלקן אַ קו קען עס נישט, צעקנעטן אַ טייג אויך נישט — וואָס דען קען זי?

שלמהקע איז געשטאַנען אַן אָנגעברוגזטער, זיך געשעמט פאַר טאַטע־מאַמע. דער נישט באַוועגלעכער מוח זיינער האָט געוואוסט, אַז ווען די וועגן זענען בלאָטיק טאָר מען נישט טרייבן אַ פּאָר פערד אין שטאָט אַריין, געוואוסט, אַז ווען ס'וואַסער הויבט זיך, די שליוזן זע־נען אָפן, קען מען נישט איבערלאָזן די מיל אויפן טאַטן אַליין.

— טאָ וואָס חלומסטו, שלמהקע, — איז די שטים ביים פאָטער געוואָרן ווייכער — ס'ווערט דאָך שפּעט?

ער האָט נישט געענטפערט! זיך איינגעהילט אין אַ זאַק, זיך אָוועקגעשטעלט אויפן וואָגן און געוואַרט דער פאָטער זאָל אַראָפּלאָזן ס'מעל.

אַז אַ דער שטריק האָט געקרעכצט אַרום דעם שטאָלענעם רעדל און דער זאַק מעל האָט זיך געוויגט אין דער לופט, האָט שלמהקע אים אָנגעכאַפּט אין מיטן פאַלן, לויז געמאַכט די פּעטליע און געלייגט די זעק אונטער אַ שווערער פּלאַכטע, זיי זאָלן נישט דורכ־גענעצט ווערן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּלאַכטע, וואָס האָט זיך געבויגן מיט אַ קנאַק, ווי בלעך, און אַ פייף געטאָן אויף די פערד.

— דער יונג ליידט — האָט דער מילנער געזאָגט צום ווייב.

— אַז ווער זאָל זיך דיכטן — האָט ס'ווייב געשטעקט די פינף פינגער אין די פויערישע זעקלעך און זיך געשאָטן מעל אין פאַרטוך אַריין.

— עפּעס גאָר קיין פאַרשווין נישט די לאה — האָט דער מילנער פאַרשטעלט ס'ווייב און געקוקט, צי ס'קומט עמעצער נישט אָן מיט די טרעפּ.

— אַז נאָכן ערשטן לעפל איז זי דאָך שוין זאַט! נישט דאָס האָט כח צו עסן, נישט דאָס האָט כח צו אַרבעטן!

— טאָ וואָס וועט טאַקע זיין?

— זי וועט ביי מיר אין קיין שויבן־שענקל נישט שטיין — האָט די מילנערין זיך אַ שטעל געטאָן מיטן פאַרטוך מעל אויפן בויך, ווי

מיט אַ צווילינג — נאָך היינט פּאַרנאַכט טיק איך זי אונטער א'ן טייך!

— מיט גוטן אָבער, שרה, מיט גוטן, הערסט?

אַז שלמהקע איז דורכגעפאָרן די גרעבליע און די רעדער האָבן אָנגעהויבן קנעטן די ווייכע ערד, זענען טאַטע־מאַמעס טענות צעשוואו־מען. אַ פאַרדראָס האָט זיך אין אים אָוועקגעשטעלט, זיך געקנוילט, געטריפט אין זיינע גלידער, ווי דער קאַלטער רעגן. ער האָט צוגעזאָגט לאהן צו פאָרן מיט איר אין שטאָט אַריין. שוין אַ חודש ווי זי שלעפּט אים אָפּ, ווײַנט אַז דאָס וואַסער אין טייך איז צו קאַלט, האָט מורא פאַר אַ לונגען־אָנצינדונג.

די פאַרלאָפענע אויגן האָבן געקוקט אין ברעדלעך מיט וואַסער געזען ווייכע, וואַרעמע אַקסלען, געזען אַ ווייכן, וואַרעמען האַלז, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין קעלט, טוליעט זיך צום אָנגעהייצטן אויוון. זי גייט צווישן די שטוביקע אַ שטומע, אַ פרעמדע. און דאָס וואָס זי פאַרלירט זיך, שווייגט, איז אַנדערש ווי די אַרומיקע — פאַר דעם אַליין איז שלמהקע גרייט געווען איר אַלץ נאָכצוגעבן.

פאַרנאַכט איז שלמהקע צוריקגעפאָרן מיט אַ ליידיקן וואָגן, גע־זעסן הינטער דער פלאַכטע, געצויגן אַ צונויפגעדרייטן פּאַפּיראָס און זיך געפילט שולדיק פאַרן ווייב, פאַר זיך אַליין, געוועזן דערשלאָגן.

אַז ער איז צוגעקומען אויף יענער זייט גרעבליע, האָט ער דער־הערט אַ געוויין, ס'איז צוריק שטיל געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגע־קוקט, קיינעם נישט געזען. ער האָט אָפּגעשטעלט די פערד און אַליין איז ער אַראָפּ אין טאָל צווישן די קוסטעס.

די מאַמע איז געשטאַנען אין טייך, די הענט אויסגעשטעקט צו לאהן, זיך געבעטן ביי איר ווי אַ מאַמע בעט זיך ביי אַ קינד, וואָס האָט מורא פאַר וואַסער:

— וואָס לענגער וועסט וואַרטן, אַלץ קעלטער וועט דיר זיין! שפּרינג אַריין! ס'וואַסער איז אָסור קאַלט!

שלמהקע האָט זיך אויסגעצויגן אין נאַסן גראָז, געקוקט אויף לאהן, ווי זי שטייט אויפן ברעג טייך אַ געבויגענע. אין איין העמד ביז צו די קנעכלעך, ציטערט אײַנגאַנצן, דער מאַמעס הענט ציען זיך

צו לאהן און מיט אַ מאָל אַ פּאַטש אין וואַסער, אַ קוויטש און שלמה־קעס דורכגענעצטע גלידער האָבן אָנגעהויבן שלאָגן מיט פּאַרע. אַ וואַרעמקייט האָט זיך צעגאָסן איבערן בויך, געצומען האַסטיקער טרייבן דאָס בלוט אין זיינע אָדערן, ער האָט מער נישט געפּילט ווי דער רעגן שפּריצט אין פּנים, ווייקט די ביינער.

1925

# א גט

שעהן האָט פּיגוט געשפּרייזט איבּערן אָפיס, וואו געלײשטע רוקנס זענען געשטאַנען אין פאַרשטויבּטע בּיכער־שרענק און זיך גע־חידושט, וואָס ער איז שוין וואָכן ניט געווען אין געריכט. חדשים נישט געהאַט קיין קליענט. גוט וואָס ער האָט לעצטנס אַרויסגעהאַנגען דעם צייכן פון „נאָטאַרי פּאַבּליק,” אַנדערש וואָלט ער אינגאַנצן געמוזט פאַרמאַכן דעם אָפיס. אַזוי פאַלט מען אַמאָל אַריין מיט אַ קאָנטראַקט, מיט אַן „אַפידייוויט,” מען לאָזט איבּער פופציק סענט פאַר בּאַשטעטיקן אַן אונטערשריפט.

אין תוך האָט עס אים ווייניק געאַרט, נצוואוסט. אַז בּיי אַזאַ הויכן דרוק פון בּלוט, וועט ער סיי־ווי־סיי לאַנג נישט לעבּן און יעדעס מאָל, ווען זיין בּליק איז געפאַלן אויף די רייען מיט בּיכער, האָבּן פאַרשאָטנטע פענסטערלעך, ווי אויסגעהאַקטע ציין, אים בּאַגעגנט:

— נו, איז וואָס?

ער האָט נישט געדענקט, ווער עס האָט בּיי אים געבּאָרגט די בּיכער. שוין יאָרן ווי קיינער פון די אַמאָליקע בּאַקאַנטע קומט נישט צו אים. צייט ליבּעלע איז פון אים אַוועק, האָט ער מיט אַלע איבּער־געריסן. און צו וואָס האַלט ער אָן דעם אָפיס אין אַזאַ העק? נאָר דערפאַר, וואָס ליבּעלע איז מיט אים געזעסן בּיים פענסטער, וואָס גייט אַרויס אויפן גאַס?

ער איז אַריין אין דעם צימערל, וואָס איז געווען הינטערן אָפיס, געכאַפּט אַ קוק אין אַ שפּיגל — די בּאָרד, וואָס איז שוין דריי טעג נישט געווען ראַזירט, האָט געמאַכט דאָס פאַרלאָזטע פּנים צעשוואומען.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער שטול בּיים שרייבּ־טיש, אָנגעשפּאַרט די הענט אָן די פּאָרענטשעס און אין דער שטילקייט פון

אַרנאַכט האָט זיך געהערט דער אייגענער פּולס, ווי דאָס קלאַפּן פון אַ זייגערל הינטער אַ קישן.

— זאָל דאָס זיין דער סוף?

אַ נישט־איינגעגעבענער שמייכל איז געבליבן ערגעץ שטעקן אין דעם פעטן גוף און אויפן צעגאָסענעם פּנים, אַרום די אויגן האָט זיך אויסגעקניפּט אַ קינדיש אומבאַהאָלפנקייט.

פיגוט האָט רחמנות געקראָגן אויף זיך אַליין.

טעג איז ער געזעסן מיט ליבעלען, [illegible]אַ שטול איבער אַ שטול און די שטומע צוריקגעהאַלטנקייט, וואָס האָט געשריען אין אים, זיך נישט פאַרגונען זי אָנצורירן, איז צו איר נישט צוגעגאַנגען.

דאָרט, אין פּוילן, האָט פיגוטס באַשיידנקייט געגאָלטן, מען האָט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ צדיק.ביידע האָבן געאַרבעט אין דער פּאַרטיי. ליבעלע האָט זיך געמאַטערט, געהונגערט. פיגוט האָט געהאַט לעקציעס, געלעבט באַקוועם. איז זי אַריבער צו אים אויף דער דירה: געוועזן צוזאַמען, שפּעטער, אַז זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן און חברים האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט נאָך ניו יאָרק, האָט די רעגירונג זיי חתונה געמאַכט אין „עליס איילאַנד." זיי האָבן געקוקט אויף דער חתונה, ווי אויף אַ שפּאַס, מיט וועלכן מען האָט געוויילט געסט.

דריי יאָר האָט ליבעלע שווער געאַרבעט, געהאָלפן פיגוטן ענ־דיקן „לאָ" און אַז ער האָט געעפנט דעם אָפיס, האָט ליבעלע זיך אַרומגעזעזן, אַז ס'איז נישט מער קיין שפּאַס, אַז מיט פיגוטן, דעם קאַלטן, גלייכגילטיקן פיגוט, וואָס לעבט כמעט נישט מיט איר, קען זי נישט זיין.

זי איז אַוועק מיט אַ חבר.

ער האָט זי ניט פאַרפאָלגט, אַפילו נישט פּרובירט אָפּצורעדן, גע־בליבן איינער אַליין אין אָפיס און הינטער דעם פאַרעקשנטן שווייגן, האָט דער שטומער גוף געוויינט.

פיגוט האָט זיך טיפער אַריינגעזעצט אין דער שטול.

דער ווייטאָג, וואָס איז געוואַקסן מיט די יאָרן, וואָס ער האָט אים אויף אַ רגע נישט אָפּגעלאָזט, זיך תמיד מיט אים אַרומגעטראָגן, דעם ווייטאָג האָט ער איצט איבערגעלעבט אויף דאָס ניי

און כאָטש ער האָט זי פון דעמאָלט אָן ניט געזען איז זי צו יעדער צייט, אויב ער האָט נאָר געוואָלט, געזעסן קעגנאיבער, ווי אַמאָל, קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט. בלויז די צוויי שפּאַן, וואָס האָבן זיי צעטיילט, זענען מיט די יאָרן זיך צעוואַקסן און ווי שטאַרק די הענט האָבן זיך נישט געריסן ביי אים. האָט ער זי מער נישט געקאָנט אָנרירן.

ס'איז געוואָרן טונקעלער, שטילער. די געשרייען פון קינדער הינטערן פענסטער האָבן אויפגעהערט. דער פּולס האָט געקלאַפּט שנע־לער און ווי גיך פיגוט האָט געציילט, האָט דער פּולס זיך נישט גע־לאָזט כאַפּן, זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער די פינגער.

מען האָט אָנגעקלונגען.

— קאָם אין!

אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען אַ פרוי. פיגוט איז גע־בליבן, זיצן און אַז די פרוי איז נענטער צוגעקומען און אים באַגריסט האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן מיט אַן איבערגעשראָקן פנים, ווי ער וואָלט זיך באַגעגנט מיט אַן איין־אויגיק פאַרזעעניש.

— ליבעלע?

אַ שטומער האָט ער איבער אַ ווײַלע זיך אַיינגעקוקט אין דער פרוי. געזוכט אַ שייכות מיט דער ליבעלען, וואָס ער האָט אין זיין אַרומגעטראָגן, געוואַרעמט אַזוי פיל יאָרן, געוועבט אַרום איר אַ וואַנט איבער אַ וואַנט, נישט דערלאָזט פאַלן אויף איר אַ שטויבעלע.

פאַר אים איז געשטאַנען אַ פרוי אין די יאָרן, אַ פרעמדע, וואָס האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט יענער, וואָס געפינט זיך אין די פאַרלאָזטע צימערלעך און וואָס איז אפשר קיינמאָל נישט אַוועק פון אים? ער דאַרף נאָר ברייטער צעעפענען די אויגן, זיך בעסער אַיינ־קוקן און ער וועט זי דערזען. די לעצטע צייט האָבן אים די אויגן אָנגעהויבן וויי צו טאָן, קוקן אויף אַלעס, ווי דורך אַ הייטל.

— האָסט זיך געענדערט, פיגוט.

— מען ווערט נישט ייִנגער. זיץ, ליבעלע, וואָס שטייסטו?

זי איז נישט אַיינגעשטאַנען, געגאַנגען פון איין שטיקל מעבל צום צווייטן, באַטאַפּט יעדער זאַך מיט די פינגער.

— אַלץ ווי געווען. דערזעלבער טיש, דיזעלבע שענק, צופיל שטויב נאָר, מען דאַרף אָפּרייניקן.

— דער שטויבט קלייבט זיך שוין אַזוי יאָרן.

זי האָט זיך געזעצט קעגנאיבער פיגוטן. געוואַרט, ער זאָל פרעגן, צו וואָס זי איז געקומען.

ער האָט נישט געפרעגט, געזעסן אין דער טיפער שטול, געהאַלטן די פאַרלייגטע הענט אין זיין שויס. די ברעמען, די קנייטשן אַרום די ליפּן, דער קאָפּ אויף די צוויי ברייטע אַקסל, אין אַלעם איז געווען עפּעס פון אַ דרעמעלדיקן מאַנדערין.

זי האָט געוואַרט אַ ווײַלע, געזען, אַז ער שווייגט אַזוי פאַרעקשנט, האָט זי געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— ווייסט צו וואָס כ'בין געקומען?

— כ'ווייס נישט.

— כ'וויל, — האָט זי זיך אַ הויב געטאָן, געוואָלט נעמטער אַ רוק טאָן די שטול און געבליבן זיצן — ווי לאַנג מען איז געווען יונג... ראַדיקאַל... ווייסט דאָך...

— וואָס מיינסטו?

— ביז איצט האָט מיך נישט געאַרט, ווער האָט זיך גערעכנט מיט פאָרמאַליטעטן? מיט דודן וואוין איך דאָך אַזוי, קיינמאָל אָפיציעל נישט חתונה געהאַט. איצט די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, דאַרפן „פּאַפּירן," כאַפּ איך זיך, אַז כ'הייס נאָך אַלץ פיגוט...

— ווילסטו, הייסט, אַ גט?

זי האָט ניט געענטפערט.

— גוט.

— ס'דאַרף לאַנג נעמען?

— צוויי, העכטנס דריי חדשים.

ס'איז צוריק שטיל געוואָרן. ביידע האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס שווייגן, פיגוט האָט זיך געדרייט, ווי ער וואָלט נישט געזעסן אויף אַ בענקל, נאָר אויף אַ שאַרף, וואָס קען יעדע רגע צעשניידן זיין קראנקן גוף, געבליבן פון דאַנבאַרקייט אָן אָטעם, ווען ער האָט דערהערט ליבעלעס שטים:

— וואָס, דו ליידסט אויף עפּעס?

– כ'זע דען אויס קראַנק?
– יאָ, האָסט זיך זייער געענדערט.
– דאָקטוירים זאָגן, אַז כ'וועל לאַנג ניט לעבן.
– גיין זיך צוהערן צו זיי, – האָט עס ליבעלען פאַרקוועטשט אונטערן האַרץ.
– אַלץ איינס, ליבעלע.
– און איך האָב געמיינט...
– ווען דו, ליבעלע, לאָזט מיך דעמאָלט נישט איבער...
– ביזט דאָך געווען צופרידן, צומאָל נישט פּרובירט מיך צוריקרופן...

ער האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט. יאָרן לעבן, וואָס זענען געלעגן אין קראַנקן גוף, ווי אין אַ הינער־פּלעט, האָבן זיך גענומען וועקן. ער האָט געציטערט, זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר איר אויף די קני, באַהאַלטן דעם קאָפּ אין איר שויס און געוויינט.

1925

# אַ יורד

באַגינען איז לונער אַרויס פון זיין ווייס הויז מיט דער גלעזערנער ווערענדע אַרום.

טעג זענען געשטאַנען שיינע, לופטיקע. די פרימאָרגנס בלויע, שטייפע, האָבן געבראַכט מיט זיך דעם רויש פון שטאָלענע בוירערס, וואָס האָבן זיך געביסן אין דער שטיינערנער ערד, באַוואַקסן מיט מאָן און צעקרימטע ביימער.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען די קאַשטן־ביימער, וואָס זענען געוואַקסן מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייגן, פאַרבייגעגאַנגען דעם ליידיקן גאַראַדזש, דעם גאָרטן, וואו אויסגעוואַקסענע סאַלאַטן מיט צוגעבאַקענע, צעקנייטשטע בלעטער זענען געווען צעוואָרפן איבער די בייטן ווי לישאַיעס.

הינטערן גאָרטן האָט זיך געצויגן די שוך־פאַבריק — אַ לאַנגע גרויע געביידע, די פענסטער פאַרהאַקט. די פאַבריק האָט לונער אויסגעבויט אין דער צייט פון דער מלחמה אויף גיך, האָט זי טאַקע מער אויסגעזען ווי אַ צירק, צונויפגעשלאָגן פון ווייסע ברעטער.

דער דזשעניטאָר אין אַ געפּאַסטן סוועטער, די שוואַרצע, גלאַנציקע האָר צוגעקלעפּט צום שאַרבן ווי אַ מאָרוש, האָט אים באַגריסט:

— אַ שאָד, מיסטער לונער, וואָס איר פאַרלאָזט אונז

— ווען שטעלן זיי זיך בויען? — האָט לונער זיך נישט צוגעהערט צום דזשעניטאָר און געריעדט זיינס.

— נאָך היינט וועלן זיי פאַנאַנדערנעמען די פאַבריק!

איבער דער שטילער, ווילדער געגנט, וואָס אַרום און אַרום, האָט זיך געוועקט דער פרימאָרגן. דאָס העשן פון די בוירערס איז געקומען פון אַלע זייטן, אָפּגעהילכט טעמפּ און צעשוואומען, ווי מען וואָלט דעם רויש דורכגעזייט דורך די גרויע קנוילן רויך, וואָס האָבן זיך געצויגן אין דער בלויקייט.

לונער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט, אויסגעבויט דאָס ווייסע הויז און געגלויבט, אַז מיטן נייעם סאָבוויי וועלן מענטשן זיך אַ לאָז טאָן אין דער געגנט. דערווייל האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און לונער האָט דורך אַ צופאַל געגומען האַנדלען מיט שיך. ער האָט אויסגעבויט די פאַבריק, אַליין נישט געוואוסט ווי רייך ער ווערט, פאַרכאַפּט איין אויסלענדישן מאַרק נאָכן צווייטן, צו־מאָל נישט באַמערקט ווי זיינע משרתימלעך קויפן־אָפּ די שטיקער ווילדע לאַנד, וואָס אַרום דער נייער סאָבוויי. זיין פאַרמעגן האָט זיך געהאַלטן אין איין טאָפּלען, געלעגן אין די שפּייכלערס, וואָס האָבן זיך געבראָכן מיט שיך און אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט און לעדער האָט גע־נומען פאַלן, האָט לונער נישט נאָר אָנגעוואָרן די פּאָר טויזנט דאָלאַר, וואָס ער האָט פאַרמאָגט פאַר דער מלחמה, נאָר איז אויך געבליבן אַ בעל־חוב. מען האָט ביי אים צוגענומען די פאַבריק, די שפּייכלער מיט שיך, און איצט טרייבט מען אים אַרויס פון דעם ווייסן הויז, וואָס ער האָט מיט יאָרן אויסגעבויט.

לונער איז געשטאַנען אין דעם ווילדן געגנט אַ מידער, אַן אויסגעניכטערטער, געהערט די קלעפּ פון די שווערע האַמערס, דאָס העשן פון די בוירערס, געזען ווי דער מענטש שיילט זיך אַרויס פון געדיכטע קנוילן רויך, שטופּט־אָפּ בערג, שטיינערט־אויס די ערד און ס׳לעבן אַ יונגס פלאַטערט, בלענדט מיט אַ טיפער בלויקייט, זאָגט צו גליקן.

איין אויג האָט ער פאַרמאַכט. ס׳צווייטע אַראָפּגעלאָזט, אויפגע־זוכט גרויע האָר אין דער צוגעשוירענער וואָנסע און אין דער איי־געגער הוילקייט האָט זיך געפּלאָנטערט אַ כשוף־מעשה מיט מיליאָנען, וואָס זענען געקומען מיטן רויך און אַוועק מיטן ווינט.

דער פרימאָרגן האָט זיך געהויבן העכער, געאָטעמט מיט אַזוי פיל בלויקייט.

די בלויקייט האָט איצט געשווינדלט, געבויגן די שוואַכע קנעכ־לעך, וואָס האָבן גענאָגט, זיך געפּלאָנטערט אין די בלאָנדזשענדע באָבע־יאַכנע־שנורן. איינגערוימט, אַז מיט אַזעלכע פּיס קאָן מען ווייט נישט פאַרגיין, ווען מען וויל אָנהויבן פון אָנהויב.

צען יאָר צוריק האָט לונערן קיין זאַך נישט געשראָקן. די ווילדע געגנט האָט אים גערופן, פאַרזיכערט, אַז היינט, מאָרגן וועט דאָ אויסוואַקסן אַ ישוב. ער האָט געשפּרייזט אין די בלויע, אין די גרויע פּרימאָרגנס, געשניטן די פאַרוואָקסענע שטיקער לאַנד אין גאַסן, זיי אָנגערופן מיט נעמען, און איצט ווען דער ישוב הויבט זיך אָן, מוז ער, לונער, גיין, מוז איבערגעבן די ארבעט יינגערע.

ער איז געגאַנגען אַהיים, אויסגעמיטן דעם נייעם בעל־הבית, וואָס איז געשטאַנען אַן אויסגעשמירטער מיט די מוליאַרעס אויפן הויף· לאַנדמעסטערס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום אַ טרענזיט, געצויגן אַ ליניע איבער די קאַשטן־בוימער. אַן אָפּגעקראָכענער אויטאָמאָביל, דורכגעגעסן פון קאַלך מיט די געדערים אין דרויסן, איז געשטאַנען אין מיטן הויף און חוצפּהדיק געסאָפּעט.

לונער איז דורך איין צימער נאָכן צווייטן, נישט געוואוסט, וואו ער וועט זיך אַהינטאָן מיט דעם אַלעם מעביל אין די פיר צימערלעך, וואָס ער האָט געדונגען, מיט אַ שמייכל האָט ער געקוקט אויף דעם טיש מיט די בענקלעך, אויסגעזעצט מיט פּערלמוטער, נישט געגלויבט, אַז ער האָט אַזאַ סומע באַצאָלט דערפאַר... וואו ער האָט זיין געלט צעטרענצלט!

אין שרייב־צימער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ געבעטע שטול, געקוקט אויף די גאָלד־געליישטע רוקנס פון די ביכער. ער האָט זיי קיינמאָל נישט געעפנט, די געשעפטן האָבן נישט געלאָזט. איצט וועט ער צייט האָבן צו לייענען.

דער בליק איז געפאַלן אויף טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן געהאַנגען אויף דער וואַנט אין שווערע גאָלדענע ראַמען. איבערגעשראָקענע פּנימער. מיט וואָס פאַר אַ דרך־ארץ די אַלטיטשקע זענען אַריין צום פאָטאָגראַפּיסט.ביידע זענען אויפן עולם האמת. מאָרגן, איבערמאָרגן וועט זיין, לונערס, בן־יחיד זיצן ערגעץ אַ פאַרדרייטער אין געשעפטן

און זיך עסן, וואָס דער „אַלטער" האָט זיך באַנאַרישט און אָנגעוואַר־
די מיליאָנען.

פון צווייטן צימער האָט זיך געהערט דער ווייבס שטים. אירע
ווערטער זענען געפאַלן איבער זיינע מידע אויערן. ער האָט געוואָלט
וואָס גיכער זיך אַריבערקלייבן אין די פיר צימערלעך, ווייט פון באַ־
קאַנטע, זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז נישטאָ מיט וואָס זיך אַריבערצוקלייבן
און זיך אויפגעשטעלט.

אין צווייטן צימער איז געשטאַנען ס׳ווייב, געמאָסטן מיט אַ
סענטימעטער די פלייצעס, די טאַליע ביי דער טאָכטער. זי האָט אויס־
געבעט איין זייט מיט וואַטע, געהויבן ביי דער טאָכטער אַן אַקסל,
געשנורעוועט דעם קאָרסעט און געטענהט:

— ער וועט דיך, עוועלין, גוט באַהאַנדלען. ער ווייס, אַז די
ביזט נישט עפּעס אַ מיידל פון דער גאַס... נישט אײן טובה האָט ער
געהאַט פון טאַטן!

— וואָס איז דאָס? — האָט לונער געעפנט אַ פּאָר אויגן.

— שוואַלבע האָט געשיקט נאָך עוועלינען.

— וואָס וועט זי דאָרט טאָן?

— זיין אַ מאָדעל.

— עוועלין — אַ מאָדעל?

— שטייט מיר אויך נישט אָן! וואָס קאָנען מיר זיך העלפן?
כ׳קאָן נישט און כ׳וויל נישט מער האַלטען שטאַט!

לונער איז געשטאַנען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, געקוקט אויף
עוועלינס שמאָלע פּלייצעלעך, נישט ברייטער ווי פיר פינגער, און זיך
צעלאַכט:

— מיט וואַטע? בעטסט זי אויס, מיט וואַטע?

— אַז זי איז שמעלער אַפילו פאַר אַ זעכצענער „סאַיז"!

— ער נעמט זי פאַר אַ זעכצענער?

— יאָ.

— זיין געלעכטער איז געווען שפּיציק און פרעמד.

— וואָס פאַר אַ לאַכן?

ער האָט נישט געענטפערט, אַרויס אויף דער וועראַנדע.

די זון איז געשטאַנען אין דער קרום, זיך געשפּילט מיט די מענטשן. וואָס האָבן געאַרבעט אויפן הויף, זיי צעלייגט צווישן די קאַשטן־בוימער און שאָטן. אין אָפענעם פענסטער האָט די מאַמע אויסגעמאָטן מיטן סענטימעטער די טאָכטער. שמעלער געמאַכט אין די פּליי־צעס, פולער אין די בראָדערס און אַרום און אַרום האָבן די בוירערס זיך געביסן אינם שטיין מיט אַ העשן, אויפגעטרייסלט די בלויקייט.

1924

# אומעט

דער אַספּאַלט־וועג לויפט פאַרביי דער אַפּטייק, פּלאָנטערט זיך צווישן בערג יאָגט אָן מיטן טרייסעל פון די שויבן, וואָס ס׳פּאָרט אַ וואָגן צי אַן אויטאָמאָביל.

די הייזלעך ליגן אין אַ העק, ווייט פון אַ באַן, נאָך ווייטער פון אַ שטאָט. אַרום איז שטיל. בלויז דער טעלעגראַף־סלופּ, וואָס פאַר דער אַפּטייק הערט נישט אויף צו זשומען — פאַרבינדט די העק מיט דער גרויסער וועלט.

אויפן שוועל שטייט דער אַפּטייקער אַ פאַרזויערטער, דורכגענו־מען מיט רויך. דער שאַרבן קוקט אַפּער פון צווישן די שיטערע האָר ווי שטיקלעך לישאַי. די אויגן בלאָנדזשען איבערן אַספּאַלט, אי־בער די בערג, וואָס שטייען, דאַכט זיך, אַזוי נאָענט, אַז מען קאָן אַריבערשפּאַנען פון איין שפּיץ אויפן צווייטן. דער זומער־עולם איז זיך צעפאָרן. ס׳קומט אָן ווינטער — אַ לאַנגער, שווערער ווינטער, וואו מען זעט נישט חדשים־לאַנג אַ ניי פּנים.

דער אייגנטימער פון דער „אַקאַדעמיע פאַר רייטן״, אַ היימישער פערד־הענדלער, האָט איינגעשפּאַנט אין אַ לייכט וועגעלע אַ ברוין פערד מיט ווייסע לעטשלעך, זיך געקליבן אויפן פערד־מאַרק, וואו די פאַר־מערס קומען זיך צונויף פון דעם גאַנצן געגנט.

— מר. מעלצער, איר וועט זיך אפשר מיטכאַפּן?

דער אַפּטייקער האָט צעגומען מיט אַ פינגער די שיטערע האָר, עטוואָס פאַרקוועטשט דאָס לינקע אויג. געוואוסט, אַז קיין פדיון וועט סיי־ווי־סיי נישט זיין, און געלאָזט פאַלן אַ וואָרט אין דער צוגעשווי־רענער וואָנצע אַריין:

— גוט, נו.

ער האָט זיך אַ דריי געטאָן צום לער־יונג, וואָס האָט געפּוצט די וויטרינע:

— אוירווינג, ס'איז דאָ אַ געלעגנהייט זיך מיטצוכאַפּן...

— דער באַלעבאָס קאָן פאָרן... די גרויסע געשעפטן...

— גוט, נו...

ע: האָט אָנגעטאָן אַ סוועטער, אַ קעפּ אויפן קאָפּ, זיך פאַרזאָרגט מיט טאַבאַק ׃ון שוועבעלעך.

ד ר לערער איז אָנגעקומען. אַ הויכער, אַ צעוואַקסענער, די הל׳ שה נאַכלעסיק, די נישט־אויסגעשלאָפענע ווייסע אויגן, האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דעם אָפּגעברענטן פּנים, געקוקט מיט חשד

— וואו פאָרן יידן?

— האַנדלען.

— און איר מר. מעלצער?

— איך?

קינדער האָבן זיך געקליבן, געלאַכט פון פערד, וואָס האָט גע־האַלטן אין איין הויבן דעם עק, אָנגעפּולט די לופט מיט פערד־ריח.

דער הענדלער האָט געשאָלטן, געבעטן ביי מעלצערן אַ מיטל. דער אַפּטייקער האָט זיך געפילט באַליידיקט, נישט געענטפערט און צווישן די רייד האָבן זיך געגרויט דעם לערערס ווייסע אויגן.

— איר גייט צו מיר? — האָט מעלצער מיט אַמאָל זיך אַ קער געטאָן צום לערער.

ס'פערד האָט זיך אַ ריס געטאָן, צוריקגעשטויסן די פּאַסאַזשירן. דער לערער האָט צעעפנט ס'מויל, נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די פּאָר ווערטער, וואָס זענען געשטאַנען אין גרגרת. ס'וועגעלע האָט זיך געררעדלט באַרג אַרויף און דער אַספּאַלט האָט זיך געשפּיגלט צווישן די בערג ווי אַ שטייענדיק וואַסער.

די גרויקייט איז געקראָכן אין די ביינער, גענאָגט. אוירווינג איז אַרויס פון דער וויטרינע, געשטאַנען אין דער טיר, נאָכגעקוקט דעם לערער. ער האָט זיך פאַרנייגט. עליזאַבעט, דעם שעריפס טאָכ־טער, האָט פארשלאָסן דעם פּאָסט־אָפיס, געגאַנגען אַהיים עסן. אויר־ווירנגס אויגן זענען געוואָרן חוצפּהדיק, געוואוסט, אַז דאָס צנועהדיק פּנימל איז שוין אין ווייטע דרכים מיט דזשאַנען און אין דער אַרו־

מיקער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי זיינע שפּיציקע ציין בייסן אַ מיענטע צוקערל.

דער אַספאַלט האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די בערג, געוואָרן שמעלער, שפּיציקער, זיך געביסן אין דער גרויקייט ווי אַ גרייצער. ס'האָט גענאָגט אונטערן האַרץ. אוירווינג האָט אויסגעשפּיגן דאָס מיענטע צוקערל, געקוקט פאַר זיך, געזען ווי דער חלל ווערט פול מיט ציגל־קאָליר.

דער לאַנגער, שווערער ווינטער וועט אָפּווישן דעם אַספאַלט, אויסגלייכן הויז און באַרג. דער בעל־הבית וועט גאַנצע נעכט שפּילן מיטן שעריף אין קאָרטן, שלאָפן ביז נאָך מיטאָג, נישט זען וואָס ס'טוט זיך ביי אים אין שטוב.

דער שוחט איז אונטערגעקומען מיט אַ קאָשיקל.

– האלא!

– האלא מר. סיגעל!

– זעסט?

– וואָס?

– דאָס גיי איך שיקן אויף דער אויסשטעלונג פון הינער, וואָס ס'וועט זיין אין ליבערטי.

ער האָט אַרויסגענומען פון אַ קאָשיקל אַ פלאַש מיט אַ העלזל וואו אַ הינדל איז געזעסן און געגלאָצט מיט די אויגן.

– און איר וועט קריגן דערפאַר אַ פּרייז?

– אוודאי! פרעג אַ פאַרמער וועט ער דיר זאָגן. דורכשניטלעך לעבט אַ הינדל אין אַ פלאַש אַ מעת־לעת און ביי מיר לעבט עס שוין דריי וואָכן.

– וואָס זאָגסטו צו אונזער שוחט? – איז גראָסער אַרויס פון זיין געוועלב, געבליבן שטיין אין מיטן גאַס.

– זאָג עס נאָך אַמאָל!

– ביי אים וואַקסט דאָך אַן אַרבוז אין אַ פלעשל!

– ס'וואַקסט כאַקע! ס'וואַקסן נאַראָנים אויך! מען זייט זיי נישט! זיי וואַקסן אַפילו אין אַ גראָסערי!

דער שוחט האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קאָשיקל און גענומען אַוועק־

גיין. דער גראָסער האָט געהאַט אַ נאַריש פּנים, דערזען אַ קונה ביי זיך אויף דער שוועל און אָפּגעצויגן.

דער אַספאַלט האָט געבלענדט, געדופן. די יונגע פלייצעס האָבן זיך געבויגן. די נאָז־פליגל האָבן געציטערט. אוירווינג האָט געקוקט אין מרס. מעלצערס פענסטער. צוויי פּאָר הענט האָבן איבערגעשניטן די גאַרדינען, זיך צונויפגעגאָסן, געבליבן הענגען ווי אַ צלם.

ווען מען קאָן אַזוי אַלץ לאָזן שטיין און אַוועקלאָזן זיך צווישן די בערג.

מעלצערס צען יעריק מיידעלע איז אָנגעלאָפן:

– עסן!

– איר האָט שוין געגעסן?

– יאָ.

ס׳עסן איז געשטאַנען אויפן טיש. אוירווינג האָט זיך געחידושט, וואָס עס איז אַזוי שטיל. די אויגן האָבן זיך צוגעוואוינט צו דער גרויקייט, דערזען מרס. מעלצער אויף דער אָטאָמאַנע. דער לערער איז געזעסן אויף אַ שטול רייטנדיק. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ סצענע אין טעאַטער, ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף.

– עוועלין וואַקסט אונטער... נישטאָ קיין האַי־סקול... און איך כ׳האָב שוין פאַרגעסן, ווי מען רעדט מיט אַ מענטשן...

– באַזעצט מען זיך אויף ווינטער אין ניו־יאָרק.

– ער וויל נישט הערן דערפון.

– טאָ זאָל ער דאָ בלייבן.

– כ׳וועל עס טאָן.

– אין אַזאַ העק קען מען דאָך פון קאָפּ קומען.

שטיל.

– אוירווינג?

– וואָס?

– ס׳עסן איז נישט קאַלט געוועןן?

– נישט קאַלט.

ער האָט נישט געהערט, ווי זי איז אַריין אין עס־צימער, אויס־געוואַקסן איבער אים מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט, אַז ער האָט זיך אַזש אויפגעשטעלט.

– גייסט אין אַפּטייק?

– וואו דען זאָל איך גיין?

– גוט, גוט.

די טריט זענען נישט געוואָרן. ס'האָט זיך געהערט דאָס פּאַר־מאַכן פון קלאַפּ־שלאָס.

זי איז געשטאַנען ביים פענסטער, צענומען די גאַרדינען, גע־קוקט אויף די בערג. אַ מינוט, צוויי, דריי. גרויסע שאָטנס, קליינע, קלענערע, האָבן זיך געשאַרט, געפּיצלט, וואו זענען די מענטשן? אַ שטח נאָך אַ שטח האָט זיך פאַרבייגעטראָגן. געווען אַ מאָל אַ יום־טוב, אַ גרוי־סער יום־טוב, נאָכן יום־טוב – אַ פוסטקייט. אָט שטייט זי אין חלל, צווישן שאָטנס נישט קיין געבעטענע, געדענקט נישט ס'זאָל האָבן גע־ווען אַ יום־טוב. און אויב ס'איז יאָ געווען? סיי־ווי־סיי שפּינט זיך זי גרויקייט אַרום און אַרום.

– זי האָט זיך אויסגעדרייט צום לערער:

– וואָס זיצן מיר דאָ?

– קומט!

– וואוהין?

– ר'ווייסט גאָר וואָס? – האָט דער לערער זיך אויפגעשמעלט.

– וואָס?

– דער שוחט האָט אויסגעהאָדעוועט אין אַ פלעשל אַ הון, לאָ־מיר זי אָפּקויפן און זיך לאָזן דערמיט איבער דער וועלט.

– בנאמנות, אַ פּלאַן!

צוויי פּאָר הענט האָבן דורכגעשניטן ס'פענסטער, געבליבן זעע־נען איבער די גאַרדינען ווי אַ צלם, דער אַספאַלט האָט געבלענדט, זיך געפּלאָנטערט צווישן די בערג, גערופן.

# פעלדמאַרשאַל האַזאַי

שטיל האָט זיך געצויגן די פּראָצעסיע אַרום דער נאָר־וואָס אויסגעבויטער קירך.

דער קאַרדינאַל־פּרימוס אין זיין פייערדיקן הוט איז געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט אויף אַפריער. נאָך אים האָבן פיר עלטערע גלחים געטראָגן אויף די אַקסלען צוויי שטאַנגען, וואו אַ קעסטל מיט רעליקוויעס איז געשטאַנען, צוגעדעקט מיט בראָקאַר. די רעליקוויעס האָט מען געפירט מיט פּאַראַד אין דער נייער קירך אַריין.

אַ וואַך פון נאָך גאָר יונגע גלחים האָבן זיך געשאַרט אַרום די טרעגערס, געהויבן פערפומירטע שטורקאַצן, קטורת־וואַזעס אויף קייטן און קנוילן ווייראיך האָבן זיך געראָדלט איבער די קעפּ. געבליבן שטיין אין דער לופט, ווי דורכזיכטיקע שטיקלעך וואָלקן.

ברייטע שורות גלחים, געהילט אין ווייסע אַלבעס איבער די לאַנגע, שוואַרצע קאַפּאָטעס, האָבן שטיל געזונגען, געוויגט מיט די בלויזע קעפּ, וואו אויסגעגאָלטע טעלערלעך האָבן געפינקלט אַנטקעגן דער זון

דאָס געזאַנג איז געוואַקסן, זיך געריסן פון די טויזנטער העלזער, וואָס האָבן מיט געבויגענע קעפּ געקניט פאַר דער נייער קירך, זיך ניט געכאַפּט, אַז די ערשטע רייען זענען שוין פאַרשוואונדן אין די שווערע אייזערנע טירן, וואו ליכט־פלעמלעך האָבן זיך געטיקט אין דעם טונקעלן, טיפן אַריינגאַנג, ווייטער געמאַכט ס׳געזאַנג.

אַ זקנה האָט אויפגעהויבן איר קנאָכיק שטעקעלע און זיך צוגעבויגן צו איר חברטע:

— די רעליקוויעס האָט אונז דער הייליקער טאַטע פון רוים געשיקט!

— מען זאָגט זיי קומען אַזש פון הייליקן פּאולס קירך.

— ווייסטו, כאָטש וואָס פאַר אַ רעליקוויעס דאָס זענען?
— כ'ווייס ניט.
— ס'איז אַ טראָפּן בלוט פון הייליקן פאול און אַ פּאַרטריקנטע טרער פון הייליקן פּעטער.
— פון וואַן ווייסטו.
— כ'האָב געהערט פון אונזער וויקאַר...
— אַ פאַרטריקנטע טרער זאָגסטו?
— יאָ, טייערע מיינע, יעצט וועט שוין דער זינדיקער לוציפער ניט פאַרדרייען דעם יונגוואַרג אַ קאָפּ, זיך ניט פאַרשטעלן מער פאַר אַ פאַרשאָלטענעם ייד, וואָס וועט ראַבעווען דעם אָרימען מאַדיאַר. יעצט וועט דער פאַרשאָלטענער לוציפער צוריק זיך פאַרקלייבן אין די זומפּן, און דער אָרעמער מאַדיאַר וועט נעמען די ממשלה אין זיינע הענט. ס'ערשטע אָבער דאַרף מען פטור ווערן פון די ניט־גלויביקע, פון די יידן און פון דער איצטיקער רעגירונג.

טריט ביי טריט האָט די פּראָצעסיע זיך גערוקט אין דער קירך אַריין.

אויף דער דריטער טרעפּ ביי אַן אָפענעם מזבח איז געשטאַנען דער קאַרדינאַל, אַרומגערינגלט מיט וואַקסענע ליכט. זיין רויטער שפּיציקער הוט האָט זיך געצונדן מיט פלעמלעך. דער ווייערויך האָט זיך געהויבן, זיך געוויקלט, מיטגעבראַכט דעם ריח פון פריש געבעקס, דעם ריח פון פרויען־לייב.

די פאַרשפּיצטע פענסטער האָבן אויפגעציטערט פון דעם געזאַנג, וואָס האָט געפּראַלט פון אַ סופיט־געוועלב צו אַ סופיט־געוועלב, געפאַלן צווישן די מאַסיווע זיילן, אָפּגעהילכט פון די טונקעלע בישעס, וואו הייליקע מאַמעס מיט פיל קינדער האָבן מיט אַזוי פיל פרייד און גוטס־קייט באַגעגנט דעם עולם.

אויף דער צווייטער טרעפּ פון מזבח, געדעקט מיט רויטן סאַ־מעט, זענען געשטאַנען באַיאָרטע בישאָפן אין שווערע קליידער, אויסגענייט מיט זילבער און אויף דער ערשטער — האָבן יונגע גלחים געהויבן פערפומירטע שטורקאַצן, זילבערנע וואַזעס אויף קייטן, באַ־רוישט דעם עולם, וואָס האָט געקניט צו זייערע פיס.

אין פּאָרנט פון מזבח, ביי אַן אַלטן טראָן, איינגעהילט אין ווייַ־רויך, האָט געקניט דער מיניסטער פון לאַנד־פאַרטיידיקונג, מאַרשאַל האַזאַי און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן פּרינץ. ער האָט געוזען, מען זאָל אויסנוצן דעם יום־טוב פון דער נייער קירך און פאַר איין וועג קרוינען דעם פּרינץ פאַר קעניג. וועגן דעם האָבן בלויז געציילטע מענטשן געוואוסט, זיך געקליבן עס דורכצופירן מיט דער הילף פון די „יונגע אויפוואַכנדע מאַדיאַרן" און טאַקע באַלד.

האַזאַי האָט געקוקט אויפן אַלטן טראָן, וואו נאָך אַן עלטערער יעזוס מיט אַ שיטער בערדל, געשניצט פון האָלץ, איז געשטאַנען צווישן זיינע אַפּאָסטאָלן. דער טראָן, וואָס האָט זיך געקרישלט פון אַלטקייט, איז געווען אויסגעזעצט מיט קוואַדראַטן און דרייעקן פון העלפאַנטביין און, איין גאָט ווייסט, פאַרוואָס פאַרזעענישן פון האַלב־מענטש, האַלב פערד זענען געווען אויסגעקריצט אויפן קאָפּשטיק.

„...רייניק אונז פון יעדער זינד, שליס אונז איין צווישן די געבענשטע, אָ, הייליקע פיגור, וואָס ביזט קריסטוסעס אמתער פנים..."

דעם קאַרדינאַלס שטים האָט געקלונגען ווי אַ גלאָק, אָפּגעהילכט פון יעדן ווינקל און מיטגעריסן דעם המון.

האַזאַי האָט נאָכגעזאָגט די ווערטער, אַ צעטראָגענער געוואַרט אויף אַ געהיימען צייכן און זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון דעם הילצערנעם יעזוס, וואָס איז ענלעך געווען צו זיינס אַ פעטער.

— אונזער פעלדמאַרשאַל וואָלט געפּאַסט צו זיין אַ בישאָף -- האָט אַ יונגער אָפיציר איינגערוימט אַ צווייטן.

— די לייט זענען פרימער פון אונזערע!

— וואָס מיינסטו?

— ער איז דאָך אַ נעאָפיט.

— פעלדמאַרשאַל האַזאַי?

— זיין אמתער נאָמען איז קאָן.

— אַ ייד הייסט עס?

— אַ ייד!

אַן אומרוהיקייט האָט זיך געטראָגן איבער די קעפּ, געקומען פון די מאַסיווע זיילן, פון די זייטיקע אַריינגאַנגען, וואו פאַרדעכטיקע קולות האָבן זיך געהערט, געשטערט די תפלות פון די גייסטלעכע.

ע׳ער המון האָט זיך איינציקווייז גענומען אויפשטעלן, מיט פאַר־
יאַכט געקוקט אויף די „אויפוואַכנדע מאַדיאַרן" מיט די צלמים אויף
די קאָלירטע וועסטן, וואָס האָבן זיך דורכגעשטופּט אַ וועג, געשטערט
די גאָטעס־דינסט און ניט אויפגעהערט אויסצורופן:

— מיר בעטן די יידן אַרויסצוגיין פון דער קירך!

פון אַלע זייטן האָבן יידן געשניטן צו דער טיר, געשניטן און
געטענהט, אַז זיי זענען געטרייע מאַדיאַרן, אַז מען קאָן זיין אַ גוטער
מאַדיאַר פון משהס גלויבן. דאָס האָט שוין אפילו דער גרויסער קאָשוט
געוואוסט.

קיינער האָט זיך מיט די יידן ניט אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס
און איידער וואָס־ווען איז אין דער קירך געוואָרן שיטערער.

דער קאַרדינאַל האָט אַראָפּגעלאָזט ס׳קעסטל מיט רעליקוויעס אין
דעם שטיינערנעם מזבח. דאָס געזאַנג איז געוואָרן שוואַכער, זיך פאַר־
לוירן אין דעם טומל, וואָס האָט זיך געריסן פון די צעעפנטע טירן:

— די יידן ווילן אומברענגען אונגאַרן!

— טויט די יידן!

די אויסגעשרייען האָבן פאַרשטאַרקט די אומרוהיקייט צווישן
המון, וואָס האָט געוואָרפן נייגעריקע בליקן, געוואַרט ס׳זאָל זיך עפּעס
אָפּשפּילן. די „אויפוואַכנדע מאַדיאַרן" זענען אַריין מיט אַ פרייד, אָנ־
געזאָגט דעם פעלד־מאַרשאַל, אַז דער פרינץ קומט אָן מיט זיין סוויטע
און געוואָרנט די נעאָפיטן:

— מיר בעטן די געשמדטע יידן צו פאַרלאָזן גאָטס הויז!

— ס׳איז אַ לומפּעריי! — האָט אַן אָפיציר זיך אייַנגעשטעלט פאַר
די משומדים.

— אַוודאי אַליין אַ ייד!

— כ׳בין אַ מאַדיאַר!

— ס׳איז אַ ליגן!

— פירט אים אַרויס!

— אין אַ געבעט־הויז מיט אַזעלכע קריסטן איז אַ חרפּה צו זיין!

דער אָפיציר האָט ניט דערענדיקט, הענט האָבן אים אַ כאַפּ גע־
טאָן, אַרויסגעטראָגן, אין קלויסטער איז געוואָרן נאָך שיטערער. פון
אַלע זייטן האָט זיך געהערט:

— דער פּרינץ קומט!
— דער פּרינץ קומט!
— ער פֿאָרט אין דער קריסטאַלענער קאַטש!
— ווײַל ניט האָבן קיין ייִדן בשעת מען וועט אים קרוינען.
— ווער איז ד ע ר?
— דער וואָס קניט?
— יאָ!
— אונזער פעלדמאַרשאַל, סאַמועל האַזאַי! — האָט אַן „אויפוואַכנ־דער" געזאָגט מיט שטאָלץ.

דער המון האָט זיך גענומען שפּאַרן פֿון קלויסטער, מיט ליכט אין די הענט געגאַנגען באַגעגענען דעם פּרינץ. ס׳איז געוואָרן טונקל. די פיגורן האָבן זיך ניט אַרויסגעזען פֿון די נישעס, זיך באַהאַלטן הינטער די שאָטנס. בלויז אַ גאָלדענער יעזוס מיט אַ פֿאַרוואָרפֿן קעפּל האָט אַראָפּגעפֿינקלט פֿון איבערן אַמוואָן.

„פּאַטריאָטן" האָבן זיך צעשטעלט בײַ די טירן, פֿון געוואוינהייט אויסגערופֿן אין דעם ליידיקן קלויסטער.

— ווער עס שטאַמט אָפּ פֿון ייִדן — זאָל אַרויס פֿון גאָטס הויז!
— אַרויס פֿון גאָטס הויז! — האָט דער חלל צוריקגעשליידערט די לעצטע ווערטער.
— ער גייט!
— דער פּרינץ גייט!

האַזאַי האָט זיך אַ הויב געטאָן אין דעם ליידיקן קלויסטער, זיך געדרייט צווישן די הייליקע פיגורן, זיך ניט געכאַפּט, אַז די אייגענע טריט גייען אים נאָך, הילכן אָפּ איבערן שטיינערנעם דיל, ווי פֿרעמדע.

ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף צוריק — צעשווימענע פיגורן האָבן זיך געבויגן אין די פֿינסטערע נישעס און פֿונם הילצער־נעם טראָן איז יעזוס אַראָפּ מיט זײַנע אַפּאָסטאָלן, גענומען שטעלן דראָבנע טריט. נאָכגעגאַנגען דעם פעלדמאַרשאַל.

האַזאַי האָט זיך אַ ריס געטאָן צו אַן אַרויסגאַנג און איבערן קלויסטער האָט זיך אַן „אויפוואַכנדער מאַדיאַר" צעשריען:
— ווער ס׳שטאַמט אָפּ פֿון ייִדן — זאָל אַרויס פֿון גאָטס הויז!

1924

# לעבן

אַ פֿייערדיקער צלם האָט זיך געריסן מיטן אָוונט איבער שטעטל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט בערג. דער צלם האָט געטריבן שטיקער גרויקייט, געצייכנט קופּערנע שפּיצן בערג און אָנגעיאָגט אויפֿן שטעטל אַ פּחד.

יידן האָבן איינציקווייז פֿאַרמאַכט די געשעפֿטן, געשטאַנען קופּעסווייז פֿאַר יעדן הויז און געקוקט אין דער נאַכט אַריין שטומע, פֿאַרלוירענע.

די פּריוואַט הייזער, די געשעפֿטן, דאָס איינגעפֿונדעוועטע לעבן — אַלץ איז ביים ערשטן קוק אויפֿן צלם פֿאַרשוואונדן, און אַרום האַרץ האָט זיך געוויקלט יענער טרויער, וואָס באַפֿאַלט אַ יידן, ווען דער יום־טוב גייט אַוועק, ליידיקט־אויס די קעשענעס און ס׳איז ניטאָ צו וואָס זיך צו נעמען.

דער הימל איז געוואָרן גרויער. בלויז צווישן די בערג האָבן זיך שטיקער הימל געפֿאַלדעוועט, ווי בלוטיקע כוואַליעס, געוואָרן טונקעלער, טונקעלער און איבערגעלאָזט אַרום דעם צלם פֿייערדיקע אָדערלעך.

פֿון הינטער די בערג איז אָנגעקומען די נאַכט.

די זאַטע, מגושמדיקע יידן, וואָס זענען געקראָכן דעם טייוול אונטער די אויגן, ניט געוואוסט וואָס הייסט מורא, האָבן ביים שיין פֿונם פֿייערדיקן צלם אָנגעוואָרפֿן דעם קוראַזש. געשטאַנען אַזוי אומבאַהאָלפֿן, ווי זייערע אור־זיידעס אין דער צייט פֿון די קרייצוגן.

דאָס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. באַלד האָבן זיך גענומען באַ־

ווייזן פאַרמערס. זיי האָבן געלאָזן גערויכערט די פּיפּקעס, געשפּיגן און זיך גערוקט צו די יידן:

— מיר טאָרן דאָס ניט דערלאָזן!

— מיר זענען איבער פופציק פּראָצענט קאַטאָליקן אין שטעטל וועלן מיר נישט דערלאָזן די קו־קלאַקס זאָלן...

— מיר דאַרפן זיך אָרגאַניזירן!

— די פּראָטעסטאַנטן זענען קעגן אונז און קעגן אייך, יידן!

— נישט קויפן ביי קיין קו־קלאַקס!

— גערעכט!

— ער איז גערעכט!

— וואָס מיינען זיי, די גאָט פאַרדאַמטע, זיי האָבן צו טאָן מיט נעגערס? — האָט אַן עלטערער פאַרמער זיך געקאָכט.

דער שוחט, אַן איידל, שוואַך מענטשל, וואָס האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין אַ ספר, האָט ביי די לעצטע ווערטער אַריינגעשמייכלט אין זיין גרוי, שיטער בערדל און אָנגענומען שלמה שוסטער פאַר אַ לאַץ:

— שלמה, הערסט עפּעס דבורים! זיי, די ערלים, קאַטאָליקן, מיין איך, די אמתע שונאי־ישראל, ווילן מאַכן יד־אחת מיט אונז! מיר האָבן, שלמה, אַ גאָט אין הימל, מיר האָבן!

דער טומל איז געוואָרן גרעסער. און צווישן די בערג האָט ס'פייער זיך געשניטן אין דער הויך, אין דער ברייט, געצייכנט אין דער פינסטער געשטאַלטן, ווי טויטע מאַסקעס.

פון אַן אָפענעם פענסטער האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ שפּיציק, אויסטערליש געשריי, אויפגעהערט אַ ווייל, זיך ווידער געריסן מיט ניט קיין מענטשיש קול. אַז ס'האָט ביי אַלעמען אויף דער נאַס אָפּגענומען הענט און פיס.

— ליוויס ווייב האַלט שמאַל.

— זי איז פאַרביי.

— טאַקע?

— שוין די צווייטע וואָך ווי זי ליגט אין גרויסע היץ!

— נאָך אַלעמען, נאָך אַלעמען — האָט אַ יידענע מיט פאַרבראָכענע הענט זיך דורכגעשטופּט צווישן עולם

דער שוחט האָט צונויפגעלייגט די הענט און פֿאַרוואָרפֿן ס׳קעפּל:

— ברוך דיין אמת!

די יידן האָבן זיך גענומען רוקן פון דער גאַס, זיך געלאָזט צו ליוויס הויז, וואו דאָס געזאַנג פון טויט האָט זיך געטראָגן דורך די אָפענע פענסטער, פאַרהילכט דאָס אַרומיקע לעבן.

ביסלעכווייז זענען זיך די קאַטאָליקן אויך צעגאַנגען און איבערן שטעטל, וואו ס׳איז געלעגן אַ טויטער האָט זיך געוויגט דער פייער־דיקער צלם.

מיט שווערע אָקסן־טריט האָט מירקין, ליוויס קאָנקורענט, וואָס האָט געהאַנדלט מיט טריף פלייש און פיש, זיך געשלעפט אַהיים. ער האָט אויף אַ רגע פאַרגעסן, אַז ליווי איז זיינס אַ שונא און רחמנות געהאַט אויפן יונג, וואָס איז געבליבן מיט זעקס קליינע קינדער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מאָרגן איז פרייטאָג, ליווי וועט קיין פיש ניט האָבן, איז טאַקע אַ פלאַן זיך אַראָפּצוכאַפּן צו די פישערס און אָנ־שטאָט צוויי באַרעלס מיט פיש, וועט ער ברענגען פיר.

אַ פאַרוויינטער האָט ליווי זיך געדרייט איבערן צימער, געוואָלט אַז דאָס געשעפט, די קינדער, ער אַליין — אַלץ דאַרף אונטערגיין, ווען זי, לאה, איז ניטאָ.

זיין לעבן אין אַמעריקע — גאַנצע צוואַנציק יאָר — האָט זיך גע־טראָגן פאַר די אויגן ווי אַ פלעק, ווי אַ שטיקל מעבל, וואָס האָט שטום געגלאָצט אויף אים.

דער טויט האָט געשפּונען זיין ליד, פאַרקראָכן הינטער די אויגן־לעפּלעך, אויסגעטריקנט די טרערן און אַ פאַר־יתומט געוויין. אָן אַן אָנהויב, אָן אַ סוף, איז געפאַלן אין דער נאַכט אַריין, זיך געטראָגן אויף וויסטע פעלדער, וואו דער נישט־גוטער רוט און מיטגעבראַכט דעם ריח פון זומפן, פון אויסגעלאָשענע ליכט.

ליווי האָט צוגעלייגט ס׳פּנים צו דער שויב, נישט געזען דעם צלם, וואָס האָט איצטער נאָך העלער געפלאַקערט, ס׳גלאָז האָט זיך גע־בויגן הינטער זיין שטערן. ליכטיקע שפּריצלעך האָבן זיך געבלעזלט אין מוח, איינגערוימט, אַז ס׳לעבן איז דעם מענטשן נישט געגעבן געוואָרן ער זאָל בלויז „איינרייסן אַ וועלט". און זיין נשמה, אַן אָנגע־

ווייטאָגטע, אַ צעעפנטע, האָט איינגעזאַפּט די אומבאַהאָלפנקייט. געגאַרט, געוואָלט אויפכאַפּן דאָס וואָס עס גליטשט זיך דורך צווישן די פינגער וואָס האָט קיין קניפּל נישט, און ווי לאַנג דער מענטש זאָל נישט ציען דעם פאָדעם, ציט ער זיך אַלץ אַרויס, ווערט נישט.

ער האָט געקוקט, ווי מירקין פּאָרעט זיך אַרום, זיין צעבראָכענעם אויטאָמאָביל, דרייט די קאָלבע, העלפט איר קרעכצן. ער פאַרשווינדט מיט אַ געררודער, איבערלאָזנדיק קנוילן געזאָלין.

ליווי האָט געוואוסט, אַז מירקין נוצט אויס זיין אומגליק, פּאָרט אַראָפּ צו די פישערס, ווערט היינט באַשטעלן צוויי מאָל אַזוי פיל פיש ווי תמיד. לאָז ער!

ער האָט האַסטיקער געגומען שפּרייזן, אַריינגעקוקט אין דעם צווייטן צימער, וואו דער מת איז געלעגן, אויף ס'ניי אויפגעציטערט פון דעם בראָך, וואָס עס איז אים געשען און זיין געוויין האָט פאַרהילכט דעם ניגון פון תהלים, וואָס אַן אַלטער מלמד האָט געזאָגט פאַר פינף דאָלער. זעקס מיילער זענען געלעגן צעוואָרפן איבערן בעט און געקרעכצט פון שלאָף.

דער שרעק פאַרן איצט איז פאַרשוואונדן און אַ פּחד פאַרן לעבן, פאַרן בלייבן אַליין זעקס קליינע קינדער, איז געוואָרן גרעסער, זיך צעוואַקסן, און פון הינטער דעם מורא האָט זיך אַרויסגערוקט דער קאָנקורענט מירקין, ווי ער טשאַטעוועט אויף אים שוין יאָרן, וואַרט ער זאָל זיך אויסגליטשן.

דער כעס ביי ליווין איז געוואַקסן. ער האָט געבענטשט, אויפגעזוכט קריוודעס, וואָס מירקין האָט אים אָפּגעטאָן און אַז ביים האַרץ האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן צו קאָרטשען, איז ער צוגעלאָפן צום טעלעפאָן, געכאַפּט דאָס טרייבל און אָפּגעקלונגען צו די פישערס:

— שיקט מיר שוויי באַרעלס פיש!

ער האָט זיך געכאַפּט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, געבליבן שטיין אין מיטן צימער, געבעטן מחילה ביי דער ווייב, זיך געשוואוירן, אַז ס'גייט אים ניט אין פּרנסה, נאָר ווי איז מען אַזאַ אוממענטש, מען נוצט אויס דעם צווייטנס אומגליק, טאָ לאָז ער וויסן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל, אַז מען טאָר נישט אַיינרייסן אַ וועלט, ווערט מוזן פאַרקויפן די פיש אונטערן קרן.

ער האָט זיך צעוויינט ביים אָפענעם פענסטער, נישט געזען ווי איבערן שטעטל וויגט זיך דער פייערדיקער צלם, און צווישן די בערג שאַרן זיך געשטאַלטן אין שוואַרצן, ווי מען מאָלט דעם טויט אויף הייליקע פענער.

1924

# באַרבאַראַ

באַרבאַראַ איז אַ צעשראָקענע. די אויגן גרויסע, קינדישע, די האָר געדיכטע, פינקלען פון שוואַרצקייט און דאָרט וואו די זון פאַלט, לייגט זיך איבער די האָר אַ זילבערנער פּאַס שטויב.

די קליידער ליגן אויף איר נאַכלעסיק, פאַלן פון די אַקסלען. דאָס יונגע אויסגעקנאָטענע לייב מאַכט פוילער יעדן ריר אירן, און די נישט־באַוועגלעכקייט רייצט, צינדט אַ פלעמל אין אויג.

זי זיצט אין א ווינקל פון שאַפּ, נייט־אויס שפּיצלעך אַרום זיידענע נאַכט־העמדער און שווייגט. און אַז זי דאַרף עפּעס זאָגן, רעדט זי מער מיט די הענט, מיט די אויגן, און די פּאָר ענגלישע ווערטער ווערן אַזוי צעדרייט, אַז זיי קלינגען איטאַליעניש.

דעם מאַשיניסט און די צוויי צושניידערס, מיט וועלכע זי געפינט זיך אַ גאַנצן טאָג אין שאַפּ, באַמערקט זי כמעט נישט. אויף זייערע קאָמפּלימענטן ענטפערט זי מיט אַ פאַרלוירענעם שמייכל, צוקט מיט די קיילעכדיקע אַקסלען, אַז זי פאַרשטייט נישט, און דער שמועס ווערט איבערגעריסן. מיטן פאָרמאַן קומט די זאַך אָן שווערער. ער לאָזט זי תמיד שטיין די לעצטע, נעמט צו ביי אַלעמען די אַרבעט, פאַרשרייבט אין די ביכלעך. און אַז זי בלייבט מיט אים אַליין, צעשמייכלט זיך זיין ברייט פּנים, פאַרשרייבט איר אַרבעט אומגעציילטער־הייט, שטייט פאַר איר ווי פאַר אַ דאַמע און נעמט נישט ווילנדיק איר האַנט אין זיינער. דאָס ברייטע פּנים שמעלצט זיך פון פרייד, איז, דאַכט זיך, אַלץ גרייט צו טאָן פאַר איר. און וואָס צוריקגעהאַלטענער באַרבאַראַ איז, דרייט זיך פאַרשעמט אַרויס פון זיינע הענט, דאָס מאַטע פּנים רויטלט זיך – אַלץ שמאַלציקער ווערן ביים פאָרמאַן די אויגן און ער פּאָרעט זיך אַרום איר, ווי אַרום אַ צעפּיצעשטשעט קינד.

די טעג אין שאַפּ אַזעלכע לאַנגע, גרויע, לאָזן נישט אויס־גלייכן די מידע פּלייצעס, וויגן זיך אין דעם רויש פון די נייע מאַ־שינען, און די צעוואָרפענע שטיקער זיידנס רעדן, טראָג אין זייערע פאַלדן די נאַקעטקייט, דערציילן וועגן כּלה־מיידלעך, וועגן פרויען, וואָס וויקלען זיך אין לאַנגע זיידענע נאַכט־העמדער.

באַרבאַראַ געפעלן די שוואַרצע העמדער.

מאַטער, שוואַרצער זייד פאַרדעקט די אייגענע ווייסקייט, גיסט זיך צונויף מיט דער נאַכט, און הינטער דעם רויש פון זיידנס שיפט ס׳קלאָרע לייב, קנייטשט און קאָרטשעט זיך.

דער פאָרמאַן ציילט נישט אירע פּעקלעך, פאַרשרייבט וויפיל זי הייסט אים. און אַז זי וועט אַראָפּנעמען אַ שוואַרץ העמד, אַרומגענייט מיט שפּיצן, עס אָנטאָן אין דער נאַכט פון איר חתונה, וועט קיינער נישט וויסן. צומאָרגנס וועט זי עס אָפּברענגען. זי קאָן עס אפילו צו־נעמען. זי וועט עס אָבער נישט טאָן.

אַ זיידן העמד קאָן מען איינפּאַקן אין אַ שטיקל פּאַפּיר, מען קאָן עס גאַנץ לייכט אַריינלייגן אין קאָרסעט, צי אַזוי אָפּן אַרויסגיין דערמיט, קיינער זאָל נישט באַמערקן. ביינאַכט וועט געבריעל זי אַרומ־זוכן, נישט וויסן וואו זי איז אַהינגעקומען, ער וועט לויפן פון קיך אין עס־צימער, פון עס־צימער אין שלאָף־צימער, רופן: באַרבאַראַ, באַרבאַראַ, וואו ביזטו? און זי, באַרבאַראַ, וועט זיך איינוויקלען אין דעם לאַנגן, שוואַרצן העמד, זיך נישט מאַכן וויסן און אַז געבריעל וועט פאַרביילויפן און זי נישט באַמערקן, וועט באַרבאַראַ אויסשיסן מיט אַ געלעכטער.

אַזוי האָט באַרבאַראַ געוויקלט דעם חלום גאַנצע דריי וואָכן פאַר איר חתונה, און אַז זי האָט דערפירט דעם חלום צו אַ סוף, האָט זי זיך טיפער איבערגעבויגן איבער די צעוואָרפענע שטיקער זיידנס, ווידער אָנגעהויבן פון אָנהויב און אַריינגעהאָפּן, אַריינגעחלומט אין די קאָלירטע שטיקער זיידנס, אין די שפּיצן דעם מיידלשן ציטער, דעם שטאַמל, די קינדישע אויסגעלאַסנקייט, וואָס געפינט זיך הינטער זיבן שלעסער.

שבת, אַ טאָג פאַר דער חתונה, האָט זי אַ רוהיקע, אַ זיכערע, איינגעפּאַקט אַ שוואַרץ זיידן העמד אין דעם פּאַפּיר, און וועלכן זי

האָט געבראַכט דעם איבערבייס, און איז אַרויסגעגאַנגען ווי קיינמאָל גאָרנישט.

מאָנטאָג פרי, ווען זי איז צוריקגעקומען און דער פּאָרמאַן האָט זי באַגעגנט קעלטערן ווי תמיד, האָט דאָס העמד, וואָס איז געלעגן איינגעפּאַקט מיטן איבערבייס, איר אַ ברי געטאָן. זי האָט אויסגעמידן דעם פּאָרמאַן און זיך געזעצט אַרבעטן.

אַ שטילער פּאַרדרוס האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן אירע פינגער, נישט געלאָזט רוען — גאַנצע ניינצן יאָר זענען געווען פּאַרפּאַקט אין דעם שוואַרצן נאַכט־העמד.

די אַרבעט האָט זיך נישט געקלעפּט, געפאַלן פון די פינגער און ס'האַרץ האָט נישט געגלויבט, אַז דאָס אַלץ, דער ציטער, די פלאַמען, די הייסע פרעסטלעך זאָלן האָבן געווען זיין אַ חלום, און איצט ליגט דער חלום אַ פרעמדער איינגעפּאַקט אין אַ שטיקל פּאַפּיר, באַלד וועט זי עפענען ס'פּעקל, אַרויסנעמען ס'העמד, עס אַריינלייגן צווישן דעם באַרג מיט העמדער און פון איר חלום וועט קיין זכר נישט בלייבן.

זי האָט נעכטן חתונה געהאַט, היינט צוריקגעקומען אין שאַפּ. געבריעל גאָלט, שערט ביי אַ פרעמדן, זאמלט געלט, וויל מיט דער צייט אַליין עפענען אַ באַרבער שאַפּ. ווען זי וואָלט געווען אַן אַנדערע, נישט אַזאַ צוריקגעהאַלטענע... זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, אָפּגעטרייסלט פון זיך די אונטערוועגלעך, וואו באַהאַלטענע פאַרלאַנגען האָבן געלויערט. געזוכט אַ געלעגנהייט זי צו באַפאַלן.

דאָס איז ביי איר געווען דער לענגסטער טאָג אין שאַפּ. פינף אַזייגער האָט זי צונויפגעלייגט די העמדער און צוזאַמען מיט די איבעריקע מיידלעך אַריין צום פּאָרמאַן.

זי איז ווי תמיד געווען די לעצטע.

— איר ווייסט, באַרבאַראַ, אין איינעם פון אייערע פּעקלעך האָט געפעלט אַ שוואַרץ העמד! — האָט דער פּאָרמאַן שטרענג אַ זאָג געטאָן.

באַרבאַראַ איז רויט געוואָרן:

— ס'קאָן נישט זיין!

— דאָס פּעקל מיט העמדער ליגט נאָך, איר קאָנט עס איבער־ציילן — איז דעם פּאָרמאַנס שטים געוואָרן ווייכער.

באַרבאַראַ האָט זיך געכאַפּט, אַז שטענדיק נאָך די קאָמפּלימענטן, וואָס דער פּאָרמאַן פּלעגט איר מאַכן, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ציילן די העמדער, געוואָלט זאָגן, אַז זי האָט אין איינעם פון די פּעקלעך אַן איבעריק העמד און איז געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענע.

— כ'וועל עס פאַרשרייבן אויף אייערע שכירות, באַרבאַראַ.

ער האָט געוואָרט אַ ווײַלע, געזען, אַז זי שווייגט, האָט ער אָנגעהויבן צו ציילן די העמדער אין די פּעקלעך.

— אין דעם פּעקל איז פאַראַן דרייצן. וואַרט, נאָך אַמאָל: איינס, צוויי, דריי... יאָ, דרייצן. פעלט נישט אַ העמד אין איינעם פון די איבעריקע?

ער האָט איבערגעציילט די פּעקלעך. געזען אַז ס'שטימט, האָט ער צעוואָרפן דעם טוץ העמדער, אַרויסגענומען דאָס צוקנייטשטע, ווי מען וואָלט אין דעם געשלאָפן, זיך עפּעס אָנגעשטויסן און געוואָלט צו־נישט מאַכן די אומבאַהאָלפנקייט.

באַרבאַראַ האָט עס באַמערקט. זי איז בלאַס געוואָרן. דערנאָך האָט די רויטקייט הינטער דער־מאַטער הויט אַזאַ שלאָג געטאָן, אַז זי האָט אינגאַנצן אויפגעפלאַמט. די אויגן צעשראָקענע, האָבן זיך צע־פינטלט ווי ביי אַ קראָליק, נישט געקאָנט געפינען די טיר.

1924

# אַ יובילײ־אויסגאַבע

צום פופציק יעריגן יובילײ האָט ס׳פאָלק אים אונטערגעטראָגן זײַנע שריפטן אין פופצן בענד.

וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די פופצן אָפּגעטאָקטע ספרים, וואו אײן זײַטל מיטן צווײטן קומען זיך צונויף, די טאָוולען שטײען נישט אָפּ און אײן געדרוקטע שורה ליגט זיך באַקוועם אויף דער צווײטער — וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָס אַלץ געהאַט אַנטקעגן זײַן שטורמיק לעבן?

יעדער געדאַנק זײַנער, יעדעס וואָרט, וואָס האָט זיך אַנדערש נישט באַוויזן ווי דורך שפּיצן, דורך צעגליטע שפּיצן, מיטגעריסן דעם צוהערער, וואָס האָט זיך געדרייט, געקאָרטשעט אונטער די שטעכערס — די ווערטער, האָבן זיך אין מיטן לויף אָפּגעשטעלט. זײ האָבן זיך פאַרקליבן אין די ספרימלעך, געשטאַנען אין אַ ווינקל פון דער שאַנק, ווי אַ מצבה.

די רו האָט דעם קינסטלער געשראָקן. דאָס וואָרט, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן אין זיך, איז געוואָרן צאַפּעלדיקער, רויער, געוועזן צו הײס, ער זאָל עס שלײפן, און דער דיכטער האָט עס געשלײדערט פון זיך צעפלאַמטערהײט.

אַזוי איז פאַרבײ אַ יאָר נאָך אַ יאָר.

מענטשן זענען אַוועק, מענשן זענען געקומען און דער דיכטער איז געשטאַנען איבערן פאָלק, ווי נעכטן, ווי אײערנעכטן, ווי אַמאָל, נישט געלאָזטדעם עולם אײַנשלאָפן, געשאָטן אונטער די פיס ברענענדע קוילן, ער האָט ניט באַמערקט דעם מענטש, געזען פאַר זיך בלויז דורות און דורות.

זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן אַזוי לאַנג געקוקט אין דער אײביקײט, אַז זײ האָבן אויפגעהערט צו זען דעם יחיד.

איז געוואַקסן דעם דיכטערס אײנציקער זון אונטער אײן דאַך

אַ פּו עמדער. זיי האָבן זיך זעלטן געטראָפן און אַז מען האָט זיך אַמאָל צערעדט, האָט איינער דעם אַנדערן נישט פאַרשטאַנען, גערעדט אויף פרעמדע לשונות, זיך צעקריגט, געוואָרן שונאים.

פון פּאַרדרוס האָט דער דיכטער געשילדערט צעווייטאָקטע ווערטער, פּאַרשפּיצטע, זיך מיט זיי אַרומגעשטעלט, ווי מיט אַ מחיצה, געזען, אַז קיינער פון די אַרומיקע זאָל זיך ניט אַריינרייסן אין זיינע דלת־אמות.

ער האָט זיך צוגעהערט צום צאַפּל פון פאַרגעסענע, פאַרשטויבטע ווערטער, אָפּגעשאָקלט פון זיי דעם שטויב פון דורות, זיי געפּוצט, געשליפן, געוואַרעמט אין דער אייגענער נשמה און מתקן געווען די ווערטער פאַר די קומענדיקע דורות.

ביים דיכטער איז געבוירן געוואָרן אַן אייניקל.

ער האָט זיך געוואָלט צונויפרעדן מיטן זון, עפּעס פאַרקניפּן, זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז שפּעט, צו שפּעט. עס איז נישטאָ קיין איין בשותפותדיק פינטעלע און דאָס שטומע אייניקל איז אים געוואָרן ליבער, נענטער.

אין דער ליידיקער צייט האָט דער דיכטער אַרויפגעזעצט ס׳אייניקל צו זיך אויפן קאַרק און געשפּרייזט מיט אים איבערן שרייבצימער. ער האָט געשפּרייזט און געזוכט אין אַ פרעמדער שפּראַך ווערטער פאַרן אייניקל, געוויקלט פאַר אים אין פּויליש איינע פון זיינע יידישע מעשיות.

דער דיכטער איז אָפּט שטיין געבליבן אַ פאַרשעמטער, גע־פּינטלט מיט די גרויסע, שוואַרצע אויגן, נישט געהאַט קיין פּלאַץ אין צימער, וואו זיי זאָלן קאָנען רוהיק קוקן. די יובילעי־אויסגאַבע מיט די געליישטע גאָלדענע אותיות האָבן אים פאַרפאָלגט, זיך געפּלאָנטערט אין יעדן קער זיינעם און זיין טראָט איז געוואָרן נישט זיכער.

ער האָט זיך געחידושט, צי דאָס איז ער, דער קינסטלער, וואָס האָט איבער דרייסיק יאָר געדריוועט שטיקער האַרץ, עס געקנאָטן אין בלוט און דאָ אויף דער עלטער דרייט ער זיך אַרום מיט אַ מאַלפּעלע אויף די פּלייצעס און פילט נישט די פּוסטקייט וואָס אַרום.

דאַכט זיך אַלץ דאָסזעלבע. ער, דער דיכטער, שטייט אין מיטן צימער, ווי אַ פאַרצווייגטער בוים, וואָס שלאָגט וואָרצלען. ס׳איז אָבער

געגנוג אויף אַ רגע צו פֿאַרמאַכן די אויגן, אַ קוק טאָן אין זיך און זען, ווי אַלץ קנייטשט און בלעזלט זיך אין אים.

דורך זייטיקע אונטערוועגלעך קריכט אַ מחשבהלע, רוימט איין, אַז ס׳איז אַ ליגן, אַז דאָס איז נישט מער ער, דער דיכטער, ס׳איז דער אַשמדאי, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן, זיצט אַ פֿאַרשטעלטער אויפֿן טראָן, קוימט אים נאָך, ווען שלמה המלך וואָגלט ערגעץ איבער דער וועלט מיט דער טאָרבע.

— יאַשעק — האָט דער דיכטער זיך מיט אַמאָל אַ פֿרעג געטאָן ביים אייניקל, וואָס איז געווען ענלעך אויף אים — יאַשעק, ווייסטו ווער דיין זיידע איז?

— אַ יידישער שרייבער!

— און דו, יאַשעק?

— איך בין יאַשעק!

— ביזט גערעכט, — דו ביזט יאַשעק, יאַשעק...

צו צען יאָר, ווען יאַשעק האָט געשוויצט איבער אַ יידיש וואָרט, עס אַרויסגערעדט, ווי אַ גוי, איז דער זיידע געשטאַנען אַ געבוי־גענער איבערן אייניקל, אָנגעקוואָלן און פֿון גרויס פֿרייד אים געשאָנ־קען די יובילײ־אויסגאַבע.

דאָס אייניקל האָט די ביכער אַוועקגעשטעלט אויף דער ערשטער פּאָליצע פֿון זיין עטאַזשערקע. ער איז דורכגעקראָכן מיט גרויס מי אַ זייטל פֿון אַ מעשה, וואָס ער האָט קוים פֿאַרשטאַנען. מיט דער צייט איז ער געוואָרן גלייכגילטיק צום פֿרעמדן לשון, וואָס קיינער האָט אין שטוב ניט גערעדט. דעם זיידן האָט ער געלייענט אין פּויליש, אין רוסיש. שפּעטער, אַז ער האָט געקראָגן פֿון אַ מומע שענקעוויטשעס ביכער מיט גאָלדענע רוקנס, האָבן זיי פֿאַרנומען דעם זיידנס פּלאַץ, אַראָפּגעשטופּט די יידישע ביכער מיט אַ פּאָליצע נידעריקער.

יאַשעק האָט געהאַט אַ חבר, זיך געגרויסט פֿאַר אים, אַז זיין זיידע איז אַ שרייבער, שרייבט ביכער, ווי שענקעוויטש, ווי פּרוס. ער האָט זיך געערגערט, וואָס דער חבר גלויבט אים ניט, זיך געקאָכט, זיי־ער געוואָלט מען זאָל אים גלויבן און געליטן, וואָס דער זיידע איז נישט קיין פּוילישער שרייבער. ער האָט געוויזן אויף די ביכער מיט די גאָלד־געלײשטע אותיות:

— די אַלע ביכער האָט מיין זיידע אָנגעשריבן?

— מיין באָבע האָט אויך אַזעלכע ביכער! — האָט דער חבר גע־שמייכלט.

— אַזעלכע?

— יאָ, זי נעמט זיי מיט יום־טוב אין שול אַריין.

אַזוי איז ס׳אייניקל געוואַקסן מיטן זיידן אונטער איין דאַך, זיך אַפילו ליב געהאַט, אין תוך אָבער זענען זיי געבליבן צווישן זיך פרעמדע. די פרעמדקייט האָט דעם דיכטער געשראָקן.

דעם זיידנס ביכער האָבן זיך מיט די יאָרן געהאַלטן אין איין רוקן, אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ פּוילישע און רוסישע ביכער.

און אַז דער זיידע איז אַמאָל אַריין צום אייניקל אין צימער, דערזען ווי זיין יובילײ־אויסגאַבע איז ערגעץ פאַרשטעקט אין סאַמען אונטן, האָט ער זיך צעלאַכט:

— מען שעמט זיך מיטן זיידן, ווי מיט אַ יורד!

דער דיכטער איז געשטאָרבן. ס׳אייניקל האָט פאַרקויפט די ספרים.

די יובילײ־אויסגאַבע איז געשטאַנען אַ לענגערע צייט אין אַ פענסטער פון געניצטע ביכער און אַז אַ קונה איז נישט געווען, האָט דער הענדלער זיי אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם טונקלען קעלער און אַוועקגעלייגט די יובילײ־אויסגאַבע צווישן די פאַרשטויבטע שמות.

# אונטערוועגנס

דער לאָקאָמאָטיוו האָט געסאָפּעט, קוים געשלעפּט די וואַגאָנעס, אַ פאַרשפּעטיקטער פּאַסאַזשיר איז אָנגעלאָפן, געבליבן אַ ווײַלע שטיין אין מיטן פּלאַטפאָרם, געזען ווי דער צוג גייט שוין אָפּ און זיך נאָך אַליין געקווײַנקלט — זאָל ער לויפן קויפן אַ בילעט, צי זיך אַזוי אַרויפ־כאַפּן? ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אַ וואַגאָן, געוואָלט אַרויפשפּרינ־גען אויף אַ טרעפּל — האָט אים אַ קאָנדוקטאָר אָפּגעשטעלט:

— צו שפּעט, מיסטער!

אַ פאַרלוירענער איז ער געבליבן שטיין אין מיטן פּלאַטפאָרם זיך געערגערט, וואָס מען האָט אים איבערגעלאָזט אין אַזאַ העק, ניט געוואוסט, וואָס מען הויבט אָן צו טאָן אין אַ פרעמד, פאַרוואָרפן שטעטל.

ער האָט נאָכגעקוקט דעם צוג, וואָס איז איצט אַליך שנעלער געגאַנגען, געשיקט פאָרויס קנוילן רויך. און אַז דער צוג איז שוין ניט געווען צו זען, זענען נאָך די קנוילן געשטאַנען אין דער שטי־לער, דורכזיכטיקער לופט.

ער האָט געוואוסט, אַז אַ צוג נאָך ניו־יאָרק גייט ערשט אָפּ מאָרגן פרי, געזען ווי דער בילעטן־פאַרקויפער שליסט שוין די קאַסע, קלייבט זיך צו גיין אַהיים, און ער וועט דאָ בלייבן איינער אַליין, איז ער פון היימלעכקייט וועגן צוגעגאַנגען צו אים:

— אַנטשולדיקט, ווען גייט אָפּ אַ צוג נאָך ניו־יאָרק?

— מאָרגן, זיבן אין דער פרי.

ער האָט געמאַכט אַ מינע, ווי די נייס וואָלט פאַר אים גע־ווען אַן איבערראַשונג און ווידער זיך געפרעגט:

— און וואו צו נעכטיקן אין ביטל איז דאָ?

— קאָנט נעכטיקן אין אַרלינגטאָן האָטעל, אַ פיין פּלאַץ! אַ דאָלאַר אַ נאַכט. עס זענען פאַראַן ביליקערע האָטעלן אויך.

— וואָס דאַרף אַזאַ קליין שטעטל, ווי ביטל אַזוי פיל האָטעלן?
— פאַר די האָלצהעקער, וואָס אַרבעטן אין די וועלדער.
דער פרעמדער האָט ניט באַמערקט, ווי דער קאַסירער איז ניט געוואָרן, אַריין ערגעץ אין אַ הויז, ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געוואָלט זען וועלדער, געוואוסט, אַז ווען עס צינדן זיך אַמאָל אָן די וועלדער אין שטאַט נעוואַרע איז זיי שווער צו לעשן.
ער האָט איבערגעלאָזט דעם וואַליזש אויפן באַן־הויף און זיך געלאָזט אין שטעטל אַריין.
דאָס שטעטל איז באַשטאַנען פון איין לאַנגער גאַס — מעין סטריט — וואו אַלץ איז געווען צו זען, פון אַ שיך־פוצער ביז אַ דע־פּאַרטמענט סטאָר, האָט דערמאָנט אַ האַנדל־גאַס אין ניו־יאָרק.
עס איז שוין געווען נאָך אָוונט־ברויט, דאָס יונגוואַרג, אויסגעשמירט, ניט איבערגעטאָנענע נאָך דער אַרבעט, האָט זיך געקליבן אַרום דעם שמידס הויז. טייל האָבן געררויכערט און געמיטלעך געשמועסט, אַנדערע האָבן באַטראַכט אַ נייעם אויטאָמאָביל, געזאָגט מבינות, זיך געדרייט אַרום דער רויטגעפאַרבטער געזאָלין־סטאַנציע.
עס איז געווען שטיל, פון די וועלדער, וואָס האָבן זיך געשווארצט צו מערב זייט, האָט געבלאָזן אַ ווינטל, די שטילקייט האָט מען געקאָנט אָנטאַפּן, זיך געלייגט אויף די הייזלעך מיטן אָוונט.
דער פרעמדער איז דורכגעגאַנגען מעין סטריט, שוין געווען הינטער דער שטאָט, וואו הונדערט פוס פון אים האָבן זיך געגרויט עטלעכע שטיבלעך. ער איז געגאַנגען ווייטער. אויף אַ גאַניקל איז געזעסן אַ יונג מיידל, באַגעגנט דעם פרעמדן מיט אַ שמייכל. דאָס קינדיש פּנים האָט אים צעגומען. זי האָט אים צניעותדיק אַ וואונק געטאָן מיט די אויגן, באַגריסט דעם פרעמדן.
דער יונגערמאַן האָט פאַרגעסן, אַז ער איז דאָ אַ פרעמדער, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט דעם צוג, געטראַכט וועגן דעם מיידל, ווי איינזאַם זי דאַרף זיין אין אַזאַ שטעטל, וואו דאָס יונגוואַרג קאָן מען איבערציילן אויף די פינגער. זי האָט דערזען אַ יונגעמאַן, שמייכלט זי.
מיט דער דרייסטקייט פון אַ גרויס־שטאָטישן איז ער אונטערגעגאַנגען און זי באַגריסט:
- גוטן אָוונט, יאָנג ליידי!

— גוטן אָוונט, סער! איר זייט ניט קיין היגער.
— איר האָט געטראָפן, כ'האָב פּאַרשפּעטיקט דעם צוג.
— וועט איר מוזן איבערנעכטיקן ביי אונז אין שטעטל, פאָרן מיט דער זיבן אַ זייגער באַן.
— נעכטיקן ווי נעכטיקן: אָבער וואָס טוט מען אַ גאַנצן אָוונט?
— מען פאַרברענגט.
— וואו?
— ס'איז דאָ וואו.
— אין די מואוויס?
— אַ חוץ מואוויס קאָן מען אויך פאַרברענגען.
— אַ שטייגער?
— כאָטש מיט מיר.
עס איז אים געפעלן די איינפאַכקייט פון דעם דאָרפס־מיידל.
— מיט פאַרגעניגן וועל איך גיין מיט אייך אין די מואוויס.
— און אַז ניט אין די מואוויס, קאָן מען מיט אַ מיידל ניט פאַרברענגען?
— וואו? — האָט ער זיך עפּעס אָנגעשטויסן און זיך אַליין ניט בעגלויבט.
— ביי מיר אין צימער.
— איר שפּילט פּיאַנאָ?
— זי האָט אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויג, געקוקט נאָך צנועהדיקער ווי פריהער, ניט אויפגעהויבן די ברעמען:
— איר האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַרבראַכט מיט אַ מיידל? זיצט, וואָס שטייט איר?
ער האָט זיך געחידושט, ניט געגלויבט, אַז עמיצער פון שטעטל זאָל דאָ אַהערקומען. אַ קליין פרום שטעטעלע, וואו זונטאָג איז אַלץ געשלאָסן, מען זיצט אין דער קירך, מען הערט דעם גלחס דרשות, און נאָך צען אין אָוונט גייען אַרום בעלי־בתים איבער די וועגן און מען טרייבט דאָס יונגוואַרג אַהיים.
דער פרעמדער האָט זיך צוגעזעצט, געוואָרן נייגעריק:
— ווער פאַרברענגט מיט אייך? ס'יונגוואַרג?
— נאָ, סער, די האָלצהעקער! איך בין ניט די איינציקע. מיר

זענען דריי אין ביטל. די האָלצהעקער אין די וועלדער טוישן זיך צוויי מאָל אַ וואָך, גייען דורך אונזער שטעטל, פאַרברענגען מיט אונז.

— און די איינוואוינער?

— וואָס מיינט איר?

— כ'מיין, זיי זענען ניט קעגן?

— ווען ניט מיר, וואָלטן די האָלצהעקער דאָ ניט געקומען, און דאָס שטעטל וואָלט ניט געלייזט... ס'גאַנצע שטעטל לעבט פון די האָלצהעקער...

— טשעפּן זיי אייך ניט?

— זיי וואָלטן געוואָלט, עס זאָלן זיין וואָס מער מיידלעך אין ביטל...

— אַ־האַ, אַזוי...

אַן עלטערע פרוי איז אַרויסגעקומען, זיך איבערגעוואונקען מיט דעם מיידל. מיטן פעלד זענען אָנגעקומען צוויי האָלצהעקער אין לע־דערנע רעקלעך. זיי האָבן געלאָזט אויפן גאַניקל די העק מיט ד' זעגן און וואוילעריש אַריין אין שטוב. דער פרעמדער האָט זיך גע־לאָזט צוריק אין שטעטל אַריין.

1923

# ווייבלעה

פון די לאָנקעס זענען די בהמות אָנגעקומען מיט אַ געקלימפּעריי, עבליבן שטיין פאַר אַן אַלטער, אויסגעקרימטער שטאַל, צעשפּרייט די הינטערשטע פיס, וואו פולע, שטייפע אייטערס האָבן זיך געבעטן מען זאָל זיי אויסמעלקן.

אַ בהמה האָט פאַרוואָרפן דעם האַלז איבער די דרענגלעך פון פלויט, אויפגעטרייסלט די פאַרנאַכטיקע שטילקייט מיט איר מעקן, און די גרויסע, טעמפּע אויגן האָבן געקוקט מיט צער.

דאָס דריי־יעריק ביקל, וואָס האָט שוין געהאַט דעם ניט־גוטן צווישן די הערנער, האָט זיך געשאַרט צווישן די בהמות מיט אַ פּאַר־שפּיצטן ווײדל. פון מאָל צו מאָל האָט דאָס ביקל אַ כאַפּ געטאָן דעם קאָפּ צווישן די פאָדערשטע פיס, אַוואָרף געטאָן די הינטערשטע מיט אַזאַ גבורה, אַז שטיינער, שטיקער ערד באַוואַקסן מיט מאָך האָבן זיך גע־דרייט אין דער לופט, וואָס איז געווען פול מיט אַן אומגעהויערן ברילן.

די קי האָבן זיך געריבן אָן דער שטאַל, אָן דעם פלויט, געצויגן די לאַנגע העלזער, געריסן די פיסקעס און זיך פאַרגאַנגען מיט אַ בענקעניש.

דער פאַרמער, אַן עלטערער, געוויקסיקער בחור, איז געזעסן צווישן די בהמות, געמאָלקן ביטשן שוימיקן מילך אין בלעכענע עמערס, און די מוסקולן פון זיינע נאַקעטע, בויגיקע הענט האָבן זיך געקניפּט און אויפגעקניפּט.

די אומרוהיקייט, וואָס איז מיטן אָוונט באַפאַלן די בהמות, האָט אויך אָנגעשטעקט דעם בעל־הבית. און יעדעס מאָל, ווען זיין בליק איז געפאַלן אויפן ביקלס ביין אויג, וואָס איז געווען פאַרלאָפן מיט בלוט, האָט זיך דעם פאַרמערס אייגענע גבורה, וואָס איז געשלאָפן

אונטער די פלייש־קנופן, זיך אַ שפּאַר געטאָן. ער האָט געכאַפּט אַ שטיין, צי אַ שטיק ערד, און אַ שליידער געטאָן צום ביקל:

— גראַדי היער! דיך וועל איך ניט מעלקן!

דאָס ביקל איז אָפּגעלאָפן עטלעכע טריט, וואוילעריש אָנגעשטעלט די הערנער אויפן רויטן הונט, וואָס האָט זיך אים נאָך געיאָגט או געוואַרט אויף די קי.

מיטן אָוונט איז אויך געקומען דער אומעט. ער האָט די גע־טראָגן פון די גרויע לאָנקעס, פון די זייטיקע זאַמדיקע וועגלעך, וואו זעלטן אַ מענטש איז דורכגעפאָרן, פון דעם אַלטן בריוו־קעסטל, וואָס איז געשטאַנען אויפן בערגל ווי אַן איינגעפאַלענער צלם.

עס איז געוואָרן טונקל.

אין דעם ווייסן הויז, וואו זעקס ווייבער האָבן געדונגען איבערן זומער צימערלעך, איז מיטן אָוונט געוואָרן נאַכט.

די מאַמעס האָבן אַוועקגעלייגט דאָס קליינוואַרג שלאָפן, זעלטן ווען אָנגעצינדן אַ נאַפט־לעמפל, און אַליין זיך פאַרקליבן אויף דער וועראַנדע. די יונגע, אויסגערוטע מאַמעס, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך אַרומגע־שלעפּט באָרוועס, אין אונטערקליידער, האָבן מיטן אָוונט זיך פאַר־פּוצט.

די פאַרוואָרפענע פאַרם, דאָס זיין אָן מענער, דאָס פינסטערניש וואָס איז אָנגעקומען מיטאַמאָל, זיך געטראָגן פון די לאָנקעס, פון די בערג, אַלץ האָט צענומען די אויסגערוטע, אָנגעקוואָלענע גלידער, און פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער מלאך, וואָס הערשט איבער דער נאַכט.

— אַזאַ העק איז גוט פאַר אַלטע לייט! — האָט אַ ווייבל זיך אַ שטעל געטאָן. אַז די וועראַנדע האָט זיך געטרייסלט אונטער אירע פיס.

— די גלידער ווערן שטייף פון צופיל זיצן! — האָט אַ צווייטע אונטערגעכאַפּט.

— איר וועט זיך איבערלויפן?

— גוט!

מיט אַ מיידלשער פאַרשייטקייט זענען די צוויי ווייבלעך אַראָ־

פון דער וועראַנדע געאָרעמט, די קעפּ געבויגן אויף פּאָר'אויס, האָבן זיי זיך געטראָגן ווי פּאַוועס.

דאָס פּלעמל, וואָס האָט זיך געוויגט אין דער פינסטערניש, דער־ציילט, אַז אין שייער דרייט זיך אַרום אַ מאַנסביל, האָט די איבעריקע ווייבלעך ניט געלאָזט איינזיצן. פּאָרלעכווייז האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן איבערן הויף, זיך געטראָגן צום פּלעמל, ווי נאַכט־פלאַטערלעך.

דער שטיפערישער געלעכטער האָט זיך געקייקלט איבער די לאָנקעס, געוואָרן שוואַכער, און אין דעם נאַכטיקן רויש, וואָס שלעפּערט איין, האָט זיך הירש אַ פאַרבענקט צעשריגן – אר־או!

ביים אָפענעם שייער איז געלעגן דער פאַרמער, דאָס פּלעמל האָט געדיכטער געמאַכט דאָס פינסטערניש, און ווען ניט זיין פייף, וואָס האָט זיך ביי יעדן שטאַרקן ציִ אַ צונד געטאָן, וואָלט מען אים ניט אַרויסגעזען.

– מיסטער בורג, אַליין? – איז אַ פּאָרל אונטערגעקומען.

– ניט אַליין – האָט דער פאַרמער געוויזן אויפן רויטן הונט מיט דער שפּיציקער מאָרדע, וואָס איז אים געלעגן צופוסנס.

דער הונט איז אויפגעשפּרונגען, דערפילט אויף זיך דעם בעל־הביתס האַנט, איז דאָס בילן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בורטשען, וואָס האָט זיך געטראָגן דורך די אויסגעשטשירעטע ציין. ער האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, זיך אויסגעצויגן, ווי אַ שפּרונג צו טאָן, געטשאַטעוועט אַ ווײַלע און צוריק איינגעדרעמלט

די ווייבלעך האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם פאַרמער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען, געוואָלט צו יעדערער אויסקומען מיטן פּנים, און געזעסן ווי אויף שפּילקעס.

– איר פאַרגעסט גאָר אינגאַנצן אָן די ליידיס, מיסטער בורג!

– האָט איינע אַ שנירל געטאָן מיטן פּיסקל.

– מיסטער בורג האָט ניט ליב קיין ליידיס!

– איר טראַכט אויס אויף מיר אַ בלבול – האָט בורג זיך פאַרלוירן, ניט געוואוסט ווי צו האַלטן זיך מיט די ווייבער.

– ווען איר וואָלט ליב געהאַט ליידיס –

– טאָ וואָס וואָלט געווען? – האָט בורג ניט געלאָזט ענדיקן.

די ווייבער האָבן זיך צעלאַכט, ניט איינגעזעסן, געוואָרן פאַר־שייטער, באַוואָרפן דעם פאַרמער מיט פראַגעס.

— פאַרוואָס האָט איר ניט חתונה, מיסטער בוירג?

— קיינמאָל ניט געהאַט קיין געלעגנהייט?

— האָט איר טאָקע ניט ליב קיין פרויען?

— ווינטער צו וואוינען אין אַזאַ העק, מוז דאָך זיין שרעקלעך!

— האָט חתונה, מיסטער בוירג!

— לאָמיר אים, ווייבלעך, חתונה מאַכן!

— גוט!

— ווער וועט זיין די כלה?

— מיסעס סמיט!

— ניין, ניט איך; מיסטער בוירג דאַרף אַליין אויסקלייבן אַ כלה!

אַ פאַסמע ווייבלעך האָבן זיך אַ שטעל געטאָן פאַר מר. בוירגן:

— וועמען ווילט איר, מר. בוירג?

— איר טרייבט שפּאַס!

— זאָגט, מיסטער בוירג!

לאָז זיין מיסעס סמיט.

מזל־טוב! מזל־טוב!

טייל ווייבער האָבן באַזעצט די כלה, אַנדערע האָבן זיך גע־פּאָרעט אַרום דעם חתן, און אַז די שפּיל איז דערעסן געוואָרן האָט מען בוירגן אַריינגענומען אין דער מיט און זיך צעזונגען.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן די ווייבער זיך געשאַרט אַהיים, זיך געדרייט אונטער די צעשפּילטע גלידער.

— כ'האָב ניט ליב צו שלאָפן אַליין — האָט זיך איינע אָנגערופן.

— שלאָפט מיט מיר.

— און ס'קינד?

— ס'קינד קאָן אויך שלאָפן ביי מיר!

— גוט!

פאָרנווייז זענען די ווייבלעך געגאַנגען שלאָפן, לאַנג געפלאַפּלט, און אַז דער שלאָף האָט זיך פאַרקליבן אויף די אויגנלעפלעך, איינגעשטילט דאָס פאַרבענקטע געשריי, האָט יעדע אָנגעהויבן שפּינען איר חלום.

1924

# שטרייקערס

די שטרייקער האָבן פאַרכאַפּט די וועגן, וואָס האָבן געפירט צו די קוילן־מינעס. זיי זענען געשטאַנען אין מיטן פעלד מיט ווייבער, מיט קינדער, געזוען מען זאָל פון שטאָט נישט צופירן קיין עסנוואַרג פאַר די סקעבס — צומייסטן „קלעניקעס", וואָס האָבן זיך געקווענקלט אַרויסצוגיין מיט די קאַטאָליקן אין שטרייק.

די בעלי־בתים האָבן צעשטעלט באַוואָפנטע וועכטער, אַרומגעצויגן די מינעס מיט אַ לעבעדיקער קייט, צוריקגעהאַלטן די שטרייקערס, וואָס האָבן געזוכט מיטלען אַרויסצונעמען פון די מינעס די „סקעבס" איידער מיליטער קומט־אָן.

קיינער האָט זיך כמעט נישט צוגעהערט צו די רעדנער, וואָס זענען געשטאַנען אויף הילצערנע קעסטלעך, די אַרבל פאַרקאַשערט, די העמדער ביים האַרץ אָפן און מער געאַרבעט מיט די הענט, ווי מיט די הייזעריקע העלזער.

דער כעס איז געוואַקסן. קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט צום צווייטן. מען האָט גערעדט סתם אין דער וועלט אריין און ס׳פּאַסיקע וואָרט, וואָס האָט געדאַרפט צעוואַרעמען דעם המון, אום זיך אַ שליידער צו טאָן אויף די וועכטער, האָט געפעלט.

— אומזיסט אונזער מי.

— די „קלעניקעס" וועלן נישט גיין מיט אונז.

— פאַרקערט! — האָט אַ פּראָטעסטאַנט זיך אָנגערופן — ווי ווייט איך ווייס, באַדויערן זיי כמעט אַלע, וואָס זיי זענען געבליבן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועלן זיי וואַרפן די אַרבעט.

—מ׳דאַרף נאָר אַהין שיקן אונזערס אַ מענטש — האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופן.

— טאָ פאַר וואָס שיקט מען נישט?
— מען וואַרט ס'מיליטער זאָל אָנקומען?
— ווען קומט ס'מיליטער?
— קאָן זיין מאָרגן.
— גלייך ווי ס'מיליטער וועט פאַרנעמען די שטאָט, אונז צע־טרייבן פון די וועגן — האָט עמעצער אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט. — איז דער סטרייק פאַרשפּילט.
— טאָ וואָס וואַרטן מיר?
— טאַקע, וואָס וואַרטן מיר?
— מען דאַרף דורכרייסן די קייט!
— וויפיל זענען זיי, די הינט?
— איבער הונדערט.
— באַוואַרפט זיי מיט שטיינער!
— מיט פלעשער!
— בלוטיקע בולדאָגס!
— קומט, חברה!
— וואַרט! — האָט איינער איפגעהויבן ד'י הענט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן מיט זיי פאַרשטעלן דעם המון דעם וועג. — לאָמיר זיך פריער דורכרעדן מיט דזשאַנסאָנען!
— וואו איז ער, דער דעלעגאַט?
— זיי האָבן אַרויסגערופן אַ שטרייק און אַליין באַהאַלט מען זיך? מען דאַרף זיי אויך די בייכער איינקוועטשן!
— זעט נאָר!
— וואָס איז דאָס?
אַ הונדערט טריט פון דער קייט מיט וועכטערס האָבן זיך גע־קליבן שטרייק־ברעכערס, זיי זענען אָנגעקומען מיט אייזנס, מיט שטעקנס, זיך גערוקט אַלץ נענטער.
צווישן די שטרייקערס איז דורך אַ ציטער, דער המון האָט זיך אַ וויג געטאָן, זיך צעשטעלט אַרום די בערג מיט שטיינער, מיט פלע־שער, געווען צופרידן וואָס דער שונא איז אַרויס פון זיין באַהעלטע־ניש, וואָס באַלד וועט זיך אָנהויבן אַ שיסעריי.
אין דער אַרומיקער שטילקייט האָבן זיך געהערט די טריט פון

די שטרייק־ברעכערס, זיי האָבן זיך געקוקט אַלץ נעענטער, אַז מען האָט זיי מיטן בלויזן אויג שוין געקאָנט דערקענען, אויסגעשמירטע, פאַרחושכטע זיי האָבן געזשמורעט מיט די אויגן, נישט געקאָנט פאַרטראָגן ס'ליכט נאָך די פינסטערע שאַכטן.

אַ שטרייקער האָט זיך געלאָזט צו דער קייט. עטלעכע נייגעריקע זענען אים נאָכגעגאַנגען, אַ וועכטער האָט אים אָפּגעשטעלט מיט דער ביקס:

— צוריק!

דער שטרייקער איז געבליבן שטיין, אַריבערגעקוקט דעם וועכטער און אַ געשריי געטאָן:

— אַ גרוס פון דיין מאַמען, העברי!

— ווען האָסטו זי געזען, מאַיק? — האָט אַ סקעב אַריבערגעשריען.

— קומט אַריבער, באָיס! — האָט דער שטרייקער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

די וועכטער האָבן זיי צעטריבן.

ביידע מחנות זענען געשטאַנען עטלעכע הונדערט טריט איינע פון דער אַנדערער. אויגן האָבן אויפגעזוכט באַקאַנטע פנימער מיט וועלכע מען איז אויסגעוואַקסן, געאַרבעט אין איין מינע און איצט האָט אַלץ ניט נאָר פרעמד אויסגעזען, נאָר אַ שנאה, אַן אַלטע שנאה האָט געטריפט פון יעדן בליק.

די וועכטער פאַרלווירענע האָבן נישט געוואוסט וואו פריער צו האַלטן ס'אויג. זיי האָבן מורא געהאַט די שטרייקערס זאָלן זיי נישט באַגעגענען מיט שטיינער און פלעשער און ווי זיכער זיי זענען געווען מיט די „סקעבס", האָט ס'אויג געהיט יעדן ריר פון אַ גראָב־אייזן און אין דער לופט איז געשטאַנען די שרעק צעדריקט צווישן ביידע מחנות.

דער טומל איז געוואַקסן — „סקעבס" האָבן זיך געבונטעוועט. טייל האָבן געטענהט. מען זאָל אַרויס אין שטרייק, אַנדערע האָבן אַפּעלירט מען זאָל נישט גיין האַנט אין האַנט מיט קאַטאָליקן. יעדע ווילע האָט זיך אויפן געשטעל אַרויסגערוקט אַן אַנדער רעדנער, דערציילט ווי די שטאַטן ווערן רעגירט פון קאַטאָליקן, ווי זיי קלייבן זיך צו מאַכן דעם פויפּסט פאַר פרעזידענט, פאַרזיכערט אַז די שכירות

וועלן געהעכערט ווערן, די שעהן — געמינערט, אַבי צו באַפרייען די קוילן־אינדוסטריע פון קאַטאַליקן.

די „סקעבס" האָבן זיך ניט צוגעהערט, געוואוסט, אַז די רעדנער זענען אָנגעשטעלטע, שולדיקע אַריבערגעקוקט צו די שטרייקער, און ווען אַ האַנט באַווייזט זיך, רופט זיי, וואָלטן זיי איבערגעלאָזט די אייזנס און געוואָרפן די אַרבעט.

אויפן געשטעל האָט זיך באַוויזן אַן אומבאַקאַנט ביינערדיק פּנים. אַ בלאַספער, אויגן טיפע, שוואַרצע, די נאָז אַ יידישע, אַ פּאַר־שפּיצטע, דער רעדנער האָט זיך אַ בויג געטאָן איבערן געשטעל, אַ צי מיט די הענט:

— ברידער, אַרבעטער!

דאָס איז געווען געוואָנט. עטלעכע אָנגעשטעלטע זענען אונטערגע־לאָפן, גענומען שלעפן דעם פרעמדן פונם געשטעל. ער האָט זיך פּרו־בירט אַנטקעגן שטעלן, האָט אים איינער אַ ברייט־ביינערדיקער מיט אַ פּנים פון אַ דעטעקטיוו, אַ שליידער געטאָן פון די טרעפּלעך. דער פרעמדער האָט זיך געוואָלט אויפהויבן, האָט ער געקראָגן אַ פּלאַם אין פּנים אַריין, באַלד אַ צווייטן, אַ דריטן,

דער המון האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן, אַריין צווישן שלעגער און דעם פרעמדן, זיך געחידושט וואָס ער קרעכצט נישט, די טיפע, שוואַר־צע אויגן האָבן געקוקט אומבאַהאָלפן, געקוקט מיט צער און אַרום די פאַרבלוטיקטע ליפּן — אַ קרענקלעכער שמייכל.

אַ צעבלוטיקטער איז דער פרעמדער ווידער אַרויף אויפן גע־שטעל, די הענט פאַרשטאַרטע האָבן געציטערט און דאָס קול איז פול געווען מיט געוויין:

— ברידער, אַרבעטער!

דער שלעגער האָט זיך געוואָרפן אויפן פרעמדן מיט מער רציחה, געשלאָגן מיט די פויסטן, אומגעוואָרפן, געטראָטן מיט די פיס, און דער פרעמדער אַ צענהרגטער האָט זיך נישט געוועהרט, זיך יעדעס מאָל אויפגעשטעלט און געזוכט הילף ביים המון.

פון גרויס רציחה, צי אפשר דערפאַר וואָס דער מענטש האָט זיך נישט געוועהרט, האָבן זיך ביים שלעגער אויפגעהערט צו הויבן די הענט. ער האָט געסאָפּעט, שולדיק זיך אַרומגעקוקט און נישט צוגע־

לאָזט דעם פרעמדן צום געשטעל, פון צווישן המון האָט עמעצער אַ געשריי געטאָן:

— וואָס לאָזט איר שלאָגן אַן אומשולדיקן?

— טאַקע, וואָס לאָזן מיר?

הענט האָבן זיך גענומען ציען, געפאַלן איבער די פלייצעס פון די אָנגעשטעלטע מיט אַ סווישטש, ווי בייטשן.

דער פרעמדער אַ צעבלוטיקטער, די קליידער צעריסן, איז גע־שטאַנען אויפן געשטעל, גערופן דעם המון שטרייקן.

די לופט איז פול געוורן מיט שטיינער, מיט פלעשער, און דער המו פון ביידע זייטן, ווי מחנות, האָט זיך געשפאַרט אויף די וועכטער.

1924

# הונדערט יאָר

עס האָבן זיך געקייטלט וועגעלעך און אונטערוועגעלעך. שמאָלע, גאָר שמאָלע, אַז איין מענטש האָט קוים געקענט דורכגיין.

רעכטס איז די ערד געווען בערגיק, באַדעקט מיט געדיכטן וואַלד, לינקס — אַ טאָל מיט לאָנקעס, וואָס האָט זיך געצויגן אויף מיילן אַרום אַ טייך.

אוממעגלעך געווען צוצוקומען אין אַזאַ העק מיט פערד און וועגעלע, איז מען געגאַנגען מיט די געדיכטע וועלדער, מיט די בלאָטיקע לאָנקעס.

דער מענטש, וואָס האָט געוואוינט מיט דער קו, צי מיטן חזיר צוזאַמען, געזייט און געבאַקן זיין אייגן ברויט, געשפּינען און גענייט זיין קלייד, דאַכט זיך גאָרנישט געדאַרפט, דעם מענטש איז מיטאַמאָל ענג געוואָרן ס'אייגענע דאָרף, די פעלדער. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון שפּאַן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס'איז ווייניק געווען, וואָס ער איז אַריבערגעשוואומען דעם ים, זיך געלאָזט מיט האַק און זעג איבער וועגלעך און אונטערוועגלעך. געוואָלט אַליין ווערן בעל־הבית איבער זיך, איבער ערד און חיה.

איבער הונדערט יאָר האָבן די טאָטעלס געוואוינט צווישן וואַלד און טייך.

דער עלטער־עלטער זיידע, וואָס איז דער ערשטער פאַרקראָכן אַהער, האָט זיך אויפגעשטעלט אַ שטוב פון קיילעכדיקע קלעצער און געלעבט איינער אַליין אויף מיילן. דאָס לאַנד איז געווען שטיינערדיק, קוים געקענט אָפּרייניקן אַ שטיקל פאַר זיך אויף אַ גאָרטן. איז מען געזעסן מיטן ווייב אין וואַלד, געטריבן סמאָלע, געזען די בהמות זאָלן זיך יאָגן, זיך מערן, געזען יעדעס יאָר זאָלן צוקומען אייגענע הענט

און געדינט גאָט אומגעשטערט, אים געדינט אין דער רויכערדיקער שטוב, צווישן די שווער־ריחיקע בהמות, ביים מישן די סמאָלע.

די טאַטעלס זענען אויסגעוואַקסן. זיך צעשאָטן איבערן וואַלד, געטריבן סמאָלע, ווי דער טאַטע און קיין וועג איז נאָך אַלץ נישט געווען ווי נאָך צוצוקומען צו זיי. די סמאָלע האָט מען געלייגט אויף דראַטווועס און זי געפירט מיטן טייך.

מען האָט געאַרבעט שווער, געווען צוגעבונדן צו די בהמות, צו די חזירים, געווען אָפּהענגיק, ווי יעדע באַשעפעניש אין וואַלד, פון הימל און ערד, קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן.

געוואַקסן איז מען מער אין דער ברייט. העגט לאַנגע, בויגיקע, פיס שווערע און געשמעקט מיט קין, בהמה און סמאָלע.

דער האס צום מענטש, וואָס האָט זיך פון דורות געקליבן אין דאָרף, אויסגעבראָכן אין פאָטער און אים מער נישט געלאָזט אײַנזיצן, דער האס איז נישט געוואָרן, צווישן וואַלד און וואַסער, וואו זעלטן אַ מענטש האָט אַמאָל פאַבלאָנדזשעט.

די קינדער זענען שוין געבוירן געוואָרן אײַנגעבראָכענע, פאַר די יאָרן זיך אַליין אײַנגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, געלעבט מיטן זומער, מיטן ווינטער, צופרידענע געגאַנגען אין טאַטנס דרכים און יאָרן נאָכן פאָטערם טויט נאָך אַלץ געשיקט הי סמאָלע מיטן טייך, נישט געזען עס זאָל זיין אַ ברוקירטער וועג אין דער נאָענטסטער שטאָט אַריין.

טיף אין אויסגעהאַקטן וואַלד זענען צוגעקומען הייזלעך מיט רויטע און געלע דעכער, צווישן די הייזלעך האָבן זיך געצויגן בינ־שטאָקן, ווי צעשטעלטע סנאָפּעס שטרוי. איז אונטערגעוואַקסן אַ פּאָרל. איז מען אַוועק אין דעם שטיבל, געמאַכט פון קיילעכדיקע קלעצער, וואָס האָט מער אויסגעזען ווי אַ געבעט־הויז, פון געצנדינער. גע־שאוירן ביי דער אַלטער ביבל, וואָס דער עלטסטער טאַטל האָט מיט־געבראַכט פון ענגלאַנד, צו גיין אין פאָטערס דרכים און חתונה געהאַט.

מיט די יאָרן זענען די פעך־בוימער געוואָרן ווייניקער, אײַנציק־ווייז האָבן די טאַטעלט אויפגעהערט צו טרייבן סמאָלע, געבליבן ביי די בהמות און געלעבט אָרעם.

איצט אין נאָך אַ מענטש זעלטענער פאַרקראָכן אַהער. די טאָ־

טעלס, וואָס האָבן ליב געהאַט דאָס שטילע לעבן, ליב געהאַט דעם טייך, וואו מען האָט געכאַפּט פיש, ליב געהאַט דעם וואַלד, וואו מען האָט ווינטער־צייט אַראָפּגעלאָזט בוימער, אָנגעהאַקט אויפן זומער האָלץ, די מענטשן זענען נישט צופרידן געווען מיט זייער לעבן, אין דער שטיל געבונטעוועט זיך און נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זייער עלטער־עלטער זיידע איז אַנטלאָפן פון ענגלאַנד, זיך געלאָזט אין אַזאַ ווייטער נסיעה, ער זאָל אַריינפאַלן אין אַזאַ העק.

די שטעט אַרום זענען געוואַקסן און ווי גרויס זיי האָבן זיך אויסגעשפּרייט, אַלץ קליין זענען זיי געווען פאַר די אַנרייסערס, וואָס האָבן זיך געטראָגן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז מען האָט אים געקענט אויסטיילן אויף דורות.

צווישן די אָנגעקומענע זענען געווען יידן, וואָס האָבן ס׳גאַנצע לעבן פאַרבראַכט אין „תחום”, זיך געהאַלטן אין איין גנבען פונם קליינעם שטעטל אין דער גרויסער שטאָט, וואו זיי האָבן נישט גע־טאָרט וואוינען.

די גרויסע, ברייטע שטעט זענען פאַר די אַריבערגעקומענע יידן געווען צו ענג, האָט מען זיך, אויסגעהונגערטע, דורשטיקע, געלאָזט איבערן לאַנד, געשלונגען לופט, אַריינגעאָטעמט פאַר די טאַטעס, פאַר די זיידעס.

אַ ייד האָט פאַרבלאָנדזשעט מיט די וועגעלעך און אונטער־וועגעלעך צו די טאָטעלס, זיך אַרומגעזען, אַז דאָ צווישן וואַלד און באַרג, קען מען אויסבויען אַ זומער־האָטעל, וואָס זאָל אַרויסקוקן אויפן ניין־מייליקן טייך.

שטאָלענע בוירערס האָבן זיך גענומען בייסן אין דער שטיינער־נער ערד. די טאָטעלס האָבן אַראָפּגעלאָזט בוימער און דערזען אין דעם פרעמדן ייד אַ ברכה פון גאָט. ס׳ערשטע מאָל נאָך הונדערט יאָר האָבן די טאָטעלס זיך געשטעלט אָפּשטעכן אַ וועג, זיך געגאַנגען פאַרבינדן מיט דער שכנישער שטאָט.

און אז ס׳איז פאַרטיק געוואָרן דאָס ווייסע הויז מיט די הונדער־טער פענסטער, וואָס האָבן געשפּיגלט אין טייך און געסט האָבן אָנגע־פולט די לאָנקעס, דעם וואַלד, האָט דער ייד גענומעז אויפקויפן ביי

די טאָטעלס די מילך, די פּוטער, געצאָלט צוויי מאָל און דריי מאָל אַזוי פיל.

דער ייד האָט זיך געערגערט, וואָס די טאָטעלס זענען עטלעכע דורות אומזיסט געזעסן אויפן לאַנד, גאָרנישט געטאָן, געלעבט אין זכות פונם ערשטן טאָטעל, וואָס האָט זיך אין דער ווילדערניש דורכ־געהאַקט אַ וועג מיט האַק און זעג, ביז ער, דער ייד, איז געקומען און אַ שטופּ געטאָן ס'לעבן אויף עטלעכע דורות, זיינע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן קענען זיצן מיט פאַרלייגטע הענט.

324

# קאָרטן

מיטן פּאַטערס טויט איז ביי לאַסקערן אַוועק די זיכערקייט, אַז ער איז איינגעפונדעוועט, פאַרנעמט אַ פּלאַץ אין לעבן. זיין גאַנג איז געוואָרן געבויגיקער. ער האָט זיך מער ניט פאַרגעסן ביים טרייבן די „מאַשין", נישט געהאַט מער ס׳געפיל, אַז ער, לאַסקער, טראָגט דעם אויטאָמאָביל, זיך מיטאַמאָל דערזען, ווי אַ טייל פון דער מאַשינעריי, וואָס האַלט זיך אין איין אויסרייבן — היינט־מאָרגן און דאָס וועט זיך אויך אָפּשטעלן.

ער האָט געליטן, וואָס דאָס דרויסיקע אינם לעבן האָט אים מיטגעריסן, און דאָס לעבן אַליין האָט אים נישט אָנגעריירט, פאַרביי־געשוואומען ווי אַ פלאַכער טייך צווישן הויכע ברעגן.

צען פאַרשלונגענע יאָרן האָבן אַרויסגעגלאָצט, אויף אַ מינוט אים נישט אָפּגעלאָזט, געהאַלטן אין איין דערמאָנען, אַז דורך די אַלע יאָרן האָט ער, לאַסקער, כמעט קיין איין מאָל ניט פאַרפעלט אין „שאַפ", וואו איבער הונדערט ניי־מאַשינען האָבן געשטעפּט זיידענע זאָקן.

און הינטער די יאָרן, ווי הינטער אַ שלייער, באַוויזן זיך אַמאָ־ליקע חבירים, וואָס פירן טאָג־און־נאַכט דיסקוסיעס מיטן „בונד", זעען באַוואַקסענע טעאָרעטיקער זאָלן זיך פאַרמעסטן, און די אויגן, אויסגע־הונגערטע, שיינען מיט ליכט, וואַרעמען.

פון די חבירים האָט ער זיך ביסלעכווייז אָפּגעזאָגט, נישט גע־וואָלט מער הונגערן, און אַז ער האָט זיך באַקוועמער געמאַכט ס׳לעבן, עס אויסערלעך פאַרבעסערט — איז וואָס?

ער האָט געזען בלויז עולות — אין זיך, אַרום זיך, און וואָס ליי־דיקער ס׳אייגענע לעבן — אַלץ שענער האָבן אויסגעזען זיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע, ווען ער האָט געאַרבעט אין דער פאַרטיי.

ער האָט געלעבט מיט זכרונות, זיך אָפּגעצוימט מיט זיי פון ווייב, פון די קינדער, פון די הונדערט מאַשינען, וואָס האָבן געקלאַפּט

פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט. ער האָט געזוכט וועגן ווי נאָך צו פאַרקניפּן די אַלטע חברשאַפט, געוואָלט אויסקויפן די געפּטרטע יאָרן. ער וועט העלפן צוריקשטעלן די פּאַרטיי אויף די פיס, וועט זעען חברים זאָלן נישט הונגערן — וואָס פאַר אַ ווערט האָבן ביי אים עט־לעכע הונדערט טאָלער?

זונטאָג נאָכמיטאָג איז ער פאַרפאָרן מיט דער מאַשין צו אַן אַלטן חבר — צום געוועזענעם טעאָרעטיקער סאַפּיר.

— אַ גאַסט, אַ גאַסט — האָט מיסעס סאַפּיר אַריינגעפירט לאַסקערן צום מאַן — — טרעף, ברוך, ווער ס'איז דאָ?

דער מאַן האָט אַ הויב געטאָן מיטן אַרומגעביסענעם קאָפּ, וואו מיט יאָרן צוריק זענען פון אַזאַ הויב פּאַסמעס האָר געפאַלן אין די אויגן אַריין, אַ ווײַלע געקוקט פון הינטער די ברילן אויפן ווייב און געריינצלט מיטן שטערן, ווי מיט אַ ציטער־שפּילקע.

— זאָג שוין!

— לאַסקער איז דאָ!

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן, און אַרום די ליפּן האָט זיך אויס־געקניפּט אַ מינע — — ווער, וועם, נאָר דעם רייכן לאַסקער האָט ער ביי זיך נישט ערוואַרט.

— שוין יאָרן זיך נישט געזען, סאַפּיר.

— אַז ביזט רייך געוואָרן, פאַרגעסן די אָרעמע ברידער „פון אָסטן" — זיץ!

אויפן טיש זענען אויסגעוואַקסן גלעזער טיי, קאָנפיטורן. מען איז געזעסן ווי אין די אַלטע, גוטע צייטן, געבלעטערט פאַרגאַנגענע יאָרן, איין מעשה האָט אַרויסגערופן אַ צווייטע. און איבערן טיש האָבן געשטראַלט אויגן, זיך פאַרלאָפן פון געלעכטער. וואָס האָט זיך גע־קייקלט, זאָרגלאָז אָפּגעהילכט אין די כמעט ליידיקע צימערן.

יעדע ווײַלע האָט לאַסקער אַן עפן געטאָן אַ מויל מיט געזונטע ציין, פאַרריסן דעם קאָפּ און נישט אויפגעהערט צו פרעגן:

— און משה סטאָליאַר געדענקסטו?

— און ווייצמאַנען?

— און דעם וואָס האָט געהאַט צוויי שוועסטערלעך, אַ צווילינג...

— גראָסן?

— יאָ, יאָ!

— ווי ער געדענקט אַלעמען — האָט מיסעס סאַפּיר געשמייכלט מיט אַ פול מויל.

סאַפּיר האָט זיך אַ שטעל געטאָן מיט די ברייטע פּלייצעס, גע־קוקט פאַר זיך, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַן עולם און זיך אַ בויג געטאָן צו לאַסקערן:

— ווי נעמט מען יענע יאָרן!

— וואָס, די פּאַרטיי איז זיך צעפאַלן, האַ?

— כמעט...

מען איז נישט מיד געוואָרן צו רעדן אַלץ וועגן דעמזעלבן. סאַפּיר, אַן אויפגעלעבטער, האָט זיך אָנגעשטויסן פון לאַסקערס רייד, אַז מען דאַרף אויפלעבן די פּאַרטיי, אַז אין גאַנץ וועט קיין מניעה ניט זיין.

דער געוועזענער פּאַרטיי־טוער האָט זיך אַוועק געטאָן אין סאַפּירן, זיך ניט צוגעהערט צו די אייגענע רייד. אין וועלכע ער האָט מער נישט געגלויבט. דער מוח האָט געאַרבעט, אויפגעוואָרפן איין פּלאַן נאָכן צווייטן, געפילט ווי מיטן רעדן שעפּט זיך אויך אויס די ענערגיע און הינטער די רייד האָט זיך געטוקט אַ צעשווימען מחשבהלע, גע־ווען זיכערער מיטן רייכן לאַסקערן.

לאַסקער, אַן אָפּגעפרישטער נאָך אַזוי פיל יאָרן, איז געזעסן מיט אַ צעעפנט מויל, אַריינגעזאַפּט יעדעס וואָרט, און די אויגן ביי אים האָבן זיך געבעטן: זאָגט, קינדער, איך וועל אַלץ טאָן פאַר אייך!

מען האָט אָנגעקלונגען.

מיסעס סאַפּיר האָט אַריינגעפירט צוויי מענער, אין די דרייסי־קער, זיי פאָרגעשטעלט:

— באַקענט אייך, לאַסקער — דער דיכטער שפּאַן און דער נאָוועל־ליסט ריקלין.

דער אַמאָליקער דרך־ארץ צו אַ שריפטשטעלער האָט זיך אַ וועק געטאָן אין לאַסקערן. די נעמען האָבן ביי אים אָפּגענומען ס'לשון. ער איז געזעסן אַ שטומער, מיט אַ נאַרישעוואַטער מינע, וואָס האָט זיך געבעטן: שטערט אייך נישט, קלוגע מענטשן, רעדט ווייטער. איך וועל מיר זיצן אָן אַ זייט און זיך צוהערן.

ס'פנים ביי אים איז איבערגעלאָפן מיט גוטסקייט, געווען גרייט דאַמאָלט אַלץ אַוועקצוגעבן. אַ פרייד האָט זיך געריסן אין אים, געווען גליקלעך, וואָס ער איז אַהער געקומען, נישט באַמערקט ווי די געסט קוקן אויף אים קרום, זיצן אָנגעבלאָזענע, וואַרטן ער זאָל אַוועקגיין, בעמען נישט אָן לאַסקערס קרבן. ער וויל דאָך צוליב זיי איבעראַנדערש זיין לעבן.

פון זונטאָג־צייטונגען איז דער שמועס אַריבער אויף אויטאָמאָבילן, אויף זאָקן. לאַסקער האָט זיך אויף אַ רגע נישט געכאַפּט, אַז דער עולם לאַנגווייליקט זיך מיט אים. ער איז געווען באַגייסטערט פון זיך אַליין, פאַרדעקט מיט זיין אייגן וואַרעמקייט די זויערע פנימער פון די געסט, די בייזע בליקן. אין זיין ליבע האָבן זיי געזען חוצפה. זיצט אַ מענטש און נודיעט, קלויבט זיך נישט אַוועקצוגיין.

לאַסקער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך לאַנג געזעגנט, געווען דאַנקבאַר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אַ טאָג מיט מענטשן, עפּעס גע־לערנט, נישט געפּטרט דעם זונטאָג מיט קאָרטן.

אַז ער איז אַרויס, האָבן זיך די אָנגעכמורעטע פנימער אויסגע־לייטערט. ריקלין האָט צעשפּרייט די הענט, עטוואָס אויסגעצויגן דעם קליינעם קאָפּ, צעטריבן די רייד, וואָס זענען געבליבן שטיין אין חלל:

— אַן אָנשיקעניש!

— קוים אַרויסגעפּטרט!

— ווען מיר שפּילן אַ פאַרמאַכטן, האַ?

די אויגן האָבן זיך געצונדן, געקוקט אויפן נייעם טעשל קאָרטן, וואָס האָט געקנאַקט צווישן די פינגער, זיך טאַלירט ווי אַ ווינט־מיל.

# דער ברילִיאַנט

דער ברילִיאַנט איז איבערגעגאַנגען פון מיידל צו מיידל. דער בעל־הבית פונם ברילִיאַנט, אַן עלטערער בחור, איז געזעסן ביי דער כלה אין אַ טונקעלן צימער, זיך געשפּילט מיטן שטיין, זיך געגעסן פאַר יעדן מיידל באַזונדער.

מיידלשע חלומות האָבן זיך געשפּיגלט אין די טראָפּנס פייער, זיך געצונדן אין גרין, אין רויט, זיך געלאָשן און צווישן די צאַפּלדיקע פייערלעך האָבן שעמערירט אויגן, ליפּן, פינגער.

ביים פענסטער איז געשטאַנען די כלה, זיך געערגערט, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן פון האַנט דעם ברילִיאַנט. ס'פּנים פאַרכמורעט, די ליפּן פאַרקוועטשט אין אַ שרויף, די אויגן צעפּינטלט.

דריי צענדליק יאָרן, — איר גאַנץ לעבן — האָבן זיך פאַרקליבן אין דעם רינג, זיך געוויגט אין דעם קליינעם שטח, געוואָרן קלענער, קלענער, געהיט דאָס פּינטעלע מיט די ציין, מיט די נעגל.

פון צווייטן צימער האָט זיך געהערט דאָס רוקן פון שטולן, ווי מען וואָלט זיך געיאָגט נאָך עמעצן. ס'רעכטע אויער האָט זיך ביים חתן אינסטינקטיוו אַ בויג געטאָן אין דער זייט פון דער טיר, געוואָלט עפּעס אויפכאַפּן. ס'בלוט האָט פּולסירט, געשלאָגן אַנגסטן איבערן גוף און די נאָז־פליגל האָבן פון צופיל אָנשטרענגונג זיך געהויבן.

מיט יעדער רגע איז אין צימער געוואָרן דושנער. דער האַס, וואָס האָט זיך געטראָגן צווישן חתן־כלה, האָט פאַרצערט די לופט און ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען.

אים האָט פאַרדראָסן ס'גאַנצע עסק. ביז פערציק יאָר איז ער געווען גליקלעך, געזען ווי זיין שאַפּ וואַקסט פון טאָג צו טאָג, קיין

פאַרלאַנג נישט געהאַט צו פּרויען. נאָך פערציק יאָר, ווען ער האָט באַשלאָסן חתונה צו האָבן, האָבן זיך אָנגעהויבן צרות. דאָס איז שוין געווען ס׳דריטע מיידל, וואָס האָט געהאַט דעם בריליאַנט און יעדעס מאָל, ווען ער איז זיך צעגאַנגען, איז ער זיכער געווען, אַז ס׳איז ס׳לעצטע מאָל, אַז ער וועט זיך מער דעם קאָפּ נישט פאַרדרייען, נישט דערלאָזן, אַז אַן אָפּגעפּאַרבט פּנימל זאָל זיך אַריינרייסן מיט אירע קאַפּריזן אין זיין לעבן, צעטרענצלען וואָס ער האָט אין יאָרן אָנגע־האָרעוועט. דאָס האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט ער זיך ווידער פאַרליבט, אָנגעטאָן דער כלה דעם בריליאַנט און אַזוי גיך ווי ער האָט אים אַרויסגעגעבן פון דער האַנט האָט אים דער ניט־גוטער אָנגעהויבן צו מאַטערן — נעם אָפּ.

איצט איז ער געזעסן דער אומגליקלעכסטער, ווי אין דעם ברי־ליאַנט וואָלט געלעגן זיין גאַנץ פאַרמעגן און אויב ער פאַרלירט דעם שטיין, קומט אים אויס צו גיין איבער די הייזער.

אין צימער איז געוואָרן טונקעלער. דאָס מעבל האָט זיך צו־נויפגעגאָסן מיט די ווענט, בלויז די אָנגעכמאַרעטע פּנימער האָבן זיך אַרויסגעשיילט.

פון אַ זייטיקער טיר איז אַריינגעקומען די מוטער, אַ הויכע, דאַרע:

— נאָך אַלץ נישט?

דער פאָטער מיט אַ פּאָר אויגן פון אַ גזלן איז געשטאַנען אין דער טיר, נערוועז געצויגן אַ שטיקל סיגאַרעט:

— אַז מ׳לאָזט אָפּ אַ שידוך קריגט מען קיין כלה־מתנות ניט צוריק!

— טאַטע!

— טאַכטער, וואָס מיר שיסעלעך, דעקעלעך, — איז די מוטער אַריין אין דער מיט, — ס׳איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג!

— כ׳בעט דיך, מאַמע, מיש זיך ניט!״

— ווען די מאַמע וואָלט זיך געמישט, וואָלט צו דעם אַלעם נישט געקומען!

— וואָס זיץ איך? — האָט דער חתן זיך אַ הויב געטאָן, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַוועקגיין און צוריקגעבליבן זיצן.

– קיינער האַלט אייך נישט!
– מאַמע!
– וואו איז דער רינג?
– אויב דו גייסט ניט אַרויס מיטן טאַטן, גיי איך אַ י
– נחת, דאָקטער, נחת! גיי צערייס זיך פאַר קינדער שלאָף קיין נעכט ניט... קום, לאה, קום!

די פרוי האָט גענומען נאָכגיין דעם מאַן, מיט אַמאָל זיך אויסגעדרייט. אָנגעצונדן אַן עלעקטריש לעמפל:
– וואָס עפּעס אין דער פינסטער?

דער האַס, וואָס האָט זיך געקנוילט, ענג געמאַכט ס׳צימער, האָט נאָכגעלאָזט. די ווערטער האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן אין האַלז אַריין, פאַרפלייצט די נישט־דרייסקייט. די איינגעהאַלטענע קולות פון טאַטע־מאַמע זענען אין צווייטן צימער געוואָרן העכער, זיך געריסן דורך דער אָפענער טיר, געשאָטן אויפן חתנס קאָפּ פעך און שוועבל.

ער איז געפאַלן ביי זיך, די קנייטשן אויפן פּנים זענען געוואָרן טיפער, די ביטלען אונטער די אויגן שיטערער. ער האָט זיך געפּלאָנטערט, זיך געדרייט אין דעם אייגענעם רינגעלע, ניט געוואוסט ווי נאָך מען קריגט זיך אַרויס אויף דער גאַס.

ס׳מיידל איז געשטאַנען מיטן פּנים צום פענסטער, געצוקט מיט די אַקסל. אויפן טישל איז געלעגן איר נעגל פייל. דער חתן האָט אים גענומען, געשטילט זיין כּעס – געראַצט מיטן שטאָלענעם שפּיץ דאָס שוואַרצע מאַהאָגענע האָלץ.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט:
– מ׳דאַרף גיין.

זי האָט זיך אויסגעדרייט, אים דורכגענומען מיט בטול און אַ זאָג געטאָן:
– גיט מיר די רינג!
– ס׳גייט מיר נישט אין רינג...
– טאָ גיט אים טאַקע!
– פאַרוואָס זאָל איך אייך געבן?
– ווייל איר האָט מיך אויסגענוצט!

און איר מיך נישט?

— שווייגט!

— פאַרזיכערט מיך...

— אַז וואָס?

— און אויב איר מיינט, — האָט דער עלטער בחור געצויגן די ווערטער, — אַז ס'איז מיר אַ שאָד דערר ינג, אַז עס שפּילט ביי מיר אַ ראָלע, האָט איר אַ טעות! כ'וויל נאָר נישט, אַז ער זאָל אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט...

— טאָ וואָס ווילט איר פון מיר?

— כ'וויל דעם רינג אייך ניט צוריקגעבן!

— טאָרט אים ניט צונעמען.

— פאַרוואָס?

אין צוויטן צימער האָט מען זיך געקריגט. די קולות זענען דעם חתן באַפאַלן ווי שטיינער. ער האָט געפילט ווי דאָס בלוט לויפט אים אין די פּיס אַריין. פון די פאַרלאָפענע אויגן האָבן זיך געשאַרט פלעקן, צעוואַקסן זיך אין שפינען. די שפינען האָבן זיך גערעדלט אַרויף, אַראָפּ, געצויגן פעדים פון אַלע ווינקלען, זיך געפלאָכטן אַרום אים. ער האָט אויפגעציטערט:

— נישט מיר, נישט אייך!

— האַ?

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. געבליבן שטיין ביים אַרויסגאַנג. זי איז אים נאָכגעגאַנגען.

— אויב אַזוי וועל איך נישט האָבן און איר וועט נישט האָבן!

— וואָס מיינט איר?

ער האָט נישט געענטפערט. גענומען דעם רינג אין צוויי פינגער אים געדרייט, ווי ער וואָלט זיך געריצט, אַן עפן געטאָן די טיר פון „וואָטער קלאָזעט" און אַראָפּגעצויגן דאָס וואַסער.

— נישט מיר, נישט אייך.

טאַטע מאַמע זענען אויסגעוואַקסן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, פאַרבראָכן די הענט, געשאָקלט מיט די קעפּ, ווי אַן אומגליק וואָלט זיי געשען און צוזאַמען אַרויסגערעדט:

— מ'דאַרף זיך ניט מישן, האַ?

ס'מיידל איז געשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן, געקוקט אין דער ריכטונג, וואו דער חתן איז נישט געוואָרן.

ער איז אַראָפּ אויף דער גאַס, זיך געטאַפּט ביים וועסטל־קעשענע, וואו דער בריליאַנט איז געלעגן און ער האָט גרויס הנאה געהאַט פון זיך.

1925

## זינד

ס'האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ שווערער ווינטער. דער שניי איז געלעגן אַ טיפער, אַ בלויער, און אַז מען האָט אָנגעצינדן די לאָמפּן האָט ער אויף אַ רגע אַ שימער געטאָן מיט לילאַ.

די לבנה, אַן אויסגעצערטע, אַ פרעמדע, האָט אין דער אַרומיקער שטילקייט געשפּרייט אַ נישט־הימלעכע בלויקייט, און ווי אָנגעפּעלצט דער מענטש זאָל ניט האָבן געווען, האָט די קעלטע שיין אים אַריינגעכאַפּט ווי צווישן שפּיגלען, געמאַכט דורכזיכטיק. די מענטשן אומבאַהאָלפּענע האָבן זיך געהיילט אַהיים, פון שרעק זיך אָפּגעקייטלט אין די וואַרעמע שטיבלעך, זיך געטוליעט אונטער שווערע, פּוכאָווע דעקן און צוזאַמען מיטן אומרו זיך איבערגעגעבן דעם שלאָף.

איין וואָלף איז נישט געשלאָפן אין די לאַנגע ווינטער־נעכט. ער איז מער נישט געווען אַן איבערגעוואַקסענער זעכצן־יעריקער בחור.

די קינדישע בלויע אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט תמימות, געגאָסן באָכן טרערן איבער שמרס אַ ראָמאַן, דריי מאָל אַ טאָג געדאַוונט און געגלויבט דער מוטער, אַז אין זיין, וואָלפס זכות איז דער פאָטער אין גן־עדן — די גרויסע, טיפע אויגן האָבן מיטן ווינטער זיך צעשאָטנט, געוואָרן אויסגעהונגערט און אין דעם תמימותדיקן בליק איז געלעגן עפּעס שיקלדיקעס, ווי ביי אַ שכור.

דאָס שטילע איינגעשנורעוועטע לעבן האָט נישט באַפרידיקט, נישט געזעטיקט וואָלפן, אין וועלכן ס'האָבן זיך אָנגעזאַמלט אויסגעהונגערטע, אונטערדריקטע פאַרלאַנגען פון דורות — האָט ס'לעבן זיך אָנגעהויבן וואַקלען, גענומען צו דער מחשבה, אַז ס'דאַרף זיין אַנדערש.

אַן אימה איז געפאַלן איבערן שטעטל. מאַמעס האָבן געהיט די

טעכטער, זיי נישט אַרויסגעלאָזט אין די אָוונטן, געקומען מיט צנועות־דיקע פּנימער צו וואָלפס מוטער:

— שרהלע, אַזוי און אַזוי, אַזוי און אַזוי... אומערוואַרט איז אַהיים געקומען בײנאַכט פון וועג מאָטל מעלשענקער און געכאַפּט ביי זיך וואָלפן. ס׳איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז וואָלף האָט פאַרפירט ביי משה־יוספן דאָס דינסט־מיידל. און אויב דאָס איז ווייניק פאַר אַ וויסטער אַלמנה, טאָ זאָל זי וויסן, אַז איר גן־עדן פירער האַלט־אויס די מי־קאָצקן מיט די „פינף טעכטער".

— וואָס קאָן איך מיר העלפן? — האָט שרהלע זיך געבראָכן די פינגער.

— מען לאָזט אים ניט קדיש זאָגן!

שרהלע האָט געשוויגן, געוואוסט, אַז וואָלף היט־אָפּ ס׳דאַוונען, זיך געטרייסט וואָס דער קנופּ האָט אַ שלייף... דער יונג וועט זיך אָפּ־לויפן און צוריק אַ לייט ווערן.

די ווייבער זענען צוגעשטאַנען:

— מען טאָר נישט שווייגן, שרהלע! רופט־אַרויס מאָטלען פון זיין רו!

— ווי ר׳נאָך טוט מען עס?

— מיר וועלן שוין טאָן. ווער ווייס? ווי ווייט אַזאַ יונג קאָן אַ וועק? מען דאַרף זיך אַנטקעגנשטעלן דעם נישט־גוטן!

אין דער פרי איז ס׳בית־המדרש געגאַנגען אויף רעדלעך. דער עולם האָט זיך נישט געשטעלט דאַוונען. פּנחס ווײַנהענדלער, אַן אָנ־געזעענער בעל־הבית, האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין עמוד:

— רבותי, כ׳פאַרלאַנג פון וואָלפן ער זאָל תשובה טאָן און טאַקע בפני כל עם ועדה, און אויב נישט, טאָרן מיר אים נישט מצרף זיין צו אַ מנין, נישט דערלאָזן קדיש זאָגן!

— פאַרוואָס? — האָט וואָלף זיך אַ רוק געטאָן צום עמוד.

— פאַר דײַנע מעשים טובים! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

וואָלף האָט זיך אָנגעכמורעט, געשטאַנען אַ געוויקסיקער, אויגן בלויע, פאַרנעפּלטע, הענט שטאַרקע, געבויגן אין צווייען, פינף צאָליקע נעגל.

— שיין, שיין! אַן עדה יידן בעט זיך ביי אַזאַ אַרצי־שייגעץ!

— האָט אימיצער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— און ער קווינקלט זיך נאָך, דער עוכר־ישׂראל!

— לאָזט אים איבער!

— לאָז ער אַליין דאַוונען!

— אַזאַ שיקסע־קריכער!

וואָלף איז געשטאַנען אַ צעפּלאָמטער פון בושה, זיך ניט געווערט, גאָרנישט צוגעזאָגט און די אויסגערעכנטע עוולות זענען געפאַלן איבער אים ווי שטיינער. פאַר די אויגן האָבן זיך געדרייט רעדער. פינסטע־רע מחשבות האָבן זיך גענומען וועקן, באַפאַלן מיט ציין און נעגל, געהייסן נקמה נעמען.

ביים קדיש זאָגן האָט ער אַלעמען מוחל געווען, אָפּגעמאַכט זיך צו נעמען אין די הענט, און יענעם טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אַן אַנדערער.

אָבער אַז ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט און די פאַרפירערישע בלוי־קייט האָט זיך צעשפרייט איבער דער וועלט, האָט וואָלף אָנגעוואָרן די שליטה איבער זיך. ער האָט פאַרגעסן אָן אַלעם — אָן דער מאַמען דער אַלמנה, אָן דעם, אַז מען וועט מאָרגן ווידער נישט לאָזן קדיש זאָגן — און זיך געלאָזט איבער די ליידיקע געסלעך, ווי מען וואָלט אים געשלעפּט.

אַ רויטע שיין האָט זיך געזיפּט איבערן שניי, געקומען פון זער בליך־לאָמפּ, וואָס האָט געברענט ביים אַריינגאַנג.

אין דעם שטיבל האָט זיך מיטן אָוונט אָנגעהויבן דער טאָג. דער פידלער מיט אַ הילצערנעם פוס האָט געשפּילט אַ וואַלס נאָך אַ וואַלס, די „פינף שוועסטער" האָבן געווײַלט דעם עולם, געטאַנצט, און וואָלף האָט געשטעלט ביר, געצאָלט פאַר אַ גאַנצער כאָפּטע שקצים.

מיטן באַגינען, ווען העלע פאַסקעלעך ליכט האָבן זיך געבלייכט אין מזרח און אין מערב האָט זיך נאָך געפלעמלט דער הימל, האָט וואָלף אַן אויסגעלאָשענער, אַ שטומער, זיך געשלעפּט מיט דער חברה שקצים, וואָס זענען אײַנציקווייז אָפּגעפאַלן אויפן וועג. ער איז אײַנער אַליין אַריין אין מאַרק. אין דער טונקלקייט האָט עפּעס אויפגעגרויט, אַ הונט ווי אַ קאַלב, מיט שלאַבערדיקע ביאָדרעס, דעם ווײַדל צווישן

די פיס, דעם קאָפּ צו דר'ערד, איז אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ קאַפּעליע קליינע הינט. די כּלבים זענען געווען פאַרסאָפּעט, אָן כּוחות, געגאַנגען און געדרימלט איבערן פאַרשנייטן מאַרק.

אַ פאַרשעמטער האָט וואָלף זיך שטיל אַריינגעגנבעט אין שטוב. די מוטער האָט געוויינט איבער אים:

— כ'שעם זיך דאָך צו וויזן מענטשן אויף די אויגן, דער טאַטע האָט קיין רו ניט אין קבר. דערצו שטעלסטו מיר בדלות...

— איך?

— ווער דען? דער פּדיון איז קיין עין־הרע נישט קלענער געוואָרן, אָבער סחורה ווערט טייערער פון טאָג צו טאָג. און צייט דער טאַטע עליו השלום איז געשטאָרבן, האָבן מיר פאַרצערט איבער צוויי טויזנט רובל, וואָס לייגסטו זיך שלאָפן, וואָס? ס'טאָגט דאָך שוין, גיי פריער קדיש זאָגן!

דער מידער קאָפּ איז געלעגן אין קישן, מער נישט געהערט, וואָס די מוטער רעדט און אין די שלייפן האָבן געהילכט גלאָקן.

יידן, ס'גאַנצע שטעטל יידן, מיט קנאָביקע שטעקנס פּאַקן זיך דורך די טירן, דורך די פענסטער, שפּאַרן זיך דורכן קוימען, פאַלן מיט אַמאָל אויף אים אַרויף, מאַטערן אים ביז צו טרערן.

— טאַטע, ראַטעווע!

דער טאַטע אַ געבויגענער, אין דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, זיצט ביים אָנגעהייצטן אויוון, טרינקט טיי פון אַ שאָל, און די אויגן פרעמדע, ווייטע קוקן גלייכגילטיק אויף אים.

וואָלף האָט אַ געשריי געטון און זיך אויפגעכאַפּט. ס'איז נאָך געווען פינסטערער ווי פריער: ער האָט געקאָנט שווערן, אַז ער איז נישט געשלאָפן, בלויז צוגעמאַכט די אויגן אויף אַ רגע.

איבערן פענסטער האָט זיך געשפּרייט אַ טלית, אַ געשטאַלט אין תּכריכים האָט זיך געוויזן איבען די שויבן.

— מאַמע, מאַמע!

די מוטער איז צוגעלאָפן, פאַרבראָכן די הענט:

— וויי איז מיר, ס'איז דאָך מאַטל! דער טאַטע קאָן נישט ליגן אין קבר, וויי איז מיר!

פון די שויבן האָט זיך געטראָגן אַ קלימפּער און ס׳צימער איז פול געוואָרן מיט אַן אומגעהויעריש קול:

— וואָלף, פאַרוואָס לאָזסטו מיך נישט ליגן אין מיין רו!

וואָלף האָט זיך געקאָרטשעט אין אַ ווינקעלע פון בעט, קלע־נער געוואָרן, זיך געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין האַרץ:

— כ׳שווער דיר צו, טאַטע, אַז כ׳וועל בעסער ווערן, נישט פאַר־שוואַרצן מער דער מאַמען ס׳פּנים, דיך לאָזן רוהיק ליגן אין קבר... כ׳שווער דיר צו, טאַטע, כ׳שווער דיר צו...

שרהלע האָט אָנגעשפּאַרט וואָלפס קאָפּ אָן זיך און ביידע האָבן זיך צעוויינט אין דער געדיכטער גרויקייט.

1924

# אַ רב און אַ גלח

דער רב איז געשטאַנען אין אָפענעם פענסטער, געקוקט ווי די בולטע צלמים צעפליען זיך אונטער די דלאָטעס פון צוויי שטיין־קריצער. די גאַנצע זאַך האָט אים אויסגעזען קשה, עפעס ניט געגלויבט, אַז די גיפסענע מגן־דודס, וואָס מ׳וועט היינט, מאָרגן אַרויפזעצן אויף די פלעצער פון די צלמים, וועלן מאַכן פון דער תפלה אַ שול.

ס׳האָט אים געערגערט, וואָס די תפלה שרעקט נישט, וואָס אַלץ איז אַזוי וואָכעדיק. מ׳דאַרף אַפילו ניט נעמען צו הילף — מעלין בקודש ולא מורידין — אַלץ איז דאָ כשר.

אַרום דעם הויכן, אויסגעצערטן גוף האָט זיך געוויקלט אַן אומרו, פאַרטרויט, אַז דער עולם איז מיט אים ניט צופרידן, ווייל פאַרן יונגן דור אַ ראַבאַי, וואָס זאָל דרשענען אין ענגליש.

דער גלח אין שטעק־שיך איז קעגנאיבער אַרויס אויפן טרעפל. ער האָט ניט אויפגעהויבן די אויגן פון וואַנען די קלעפ זענען געקומען, ניט גענומען זיין טעגלעכן שפּאַציר אַרום דער קירך: ער האָט אַרויפגערוקט די ברילן אויפן שטערן. געבליבן שטיין אַ מידער און געקוקט פאַר זיך.

אין דער לופט האָבן זיך געוויגט זילבערנע פליטערלעך, געפלעמלט די קופערנע טעלעגראַף־דראָטן, זיך געפלאָנטערט צווישן די באַרעלס מיט אַש. אַן אויסגעשמירט יינגל איז געזעסן צווישן די באַרעלס. געהאַלטן אַ ליידיקע פלאַש פון מילך, זי פאָרזיכטיק אונטערגעשטעלט די פליטערלעך. אַ זילבערנער שטראַל האָט זיך אַריינגעשאַרט אין דער פלאַש. ס׳יינגל האָט האַסטיק פאַרשטעלט מיט דער האַנט ס׳מויל פון דער פלאַש, זי אונטערגעטראָגן אַנטקעגן דער זון, זיך געחידושט, וואו דער שטראַל איז אַהינגעקומען און ווידער גענומען אָבשטעלן די פלאַש.

דער גלח האָט געשמייכלט, באַמערקט דעם רב און גענומען איבערגיין די גאַס:

— גוט מאָרגן, ראַבאַי געלבער!

— גוט מאָרגן, רעווערענד בוירק!

— איר גייט שוין אַן מיטן רעמאָנט?

— מיר מוזן פאַרטיק ווערן פאַר ראש־השנה.

— איר האָט עס זייער ביליק געקויפט, מיט אַן אמת אַ מציאה!

— דאָס איבערמאַכן וועט דאָך קאָסטן...

— זיי האָבן געקענט קריגן מיט דריי טויזנט דאָלאַר מער!

— זיי וואָלטן דאָך פון דער קירך געמאַכט געוועלבער.

— דערפאַר טאַקע האָב איך געזען, אַז מ'זאָל עס אייך אַוועקגעבן!

דער גלח האָט אַרויסגענומען אַ שקעטעלע טאַבאַק, מכבד געווען דעם רב.

— נישט גוט, ראַבאַי געלבער, נישט גוט, דער מענטש זינדיקט, וויל נישט וויסן פון קיין גלויבן...

— דאָ אין אַמעריקע וויל ער אוודאי ניט וויסן!

— מיינט איר, אַז דעם מענטש לעבט זיך בעסער? זאָלט איר וויסן, אַז ניין! ס'אַרבעט ווי אַ מאַשין און אַז מען האָט אַ פרייע מינוט איז אָנשטאָט צו גיין הערן גאָטס וואָרט, שלעפט דער טייוול אין די „מואוויס".

— מיט אונז, יידן, איז ניט בעסער.

— יידן וואָלטן ניט דערלאָזט, מ'זאָל גאָטס הויז אַרויסשטעלן אויף אַ ליציטאַציע!

— ס'וואוינען דאָך ניט מער קיין קריסטן אין דעם געגנט.

— ס'וואוינען טאַקע ווייניק, אָבער צוואַנציק משפחות האָבן געקענט אויסהאַלטן די קירך.

— צוואַנציק משפחות?

— נישט גוט, ראַבאַי געלבער, ווען ניט איך, וואָלט מען פון דער קירך געמאַכט געוועלבער, זיי וואָלט ניט געאַרט. דער מענטש האָט זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן דעם טייוול! יאָ, — האָט דער גלח צוגעלייגט די נאָז צום אָפענעם שקעטעלע — ס'איז מיר היינט איינגע־

פֿאַלן אַ טײַטש – אברהם זאָגט: – כ'וועל נישט נעמען – מחוט עד שרוך נעל, – פֿון אַ פֿאָדעם ביז אַ שוך־בענדל, – לייגט עס זיך ניט אויפֿן שכל, איז מיר אײַנגעפֿאַלן, אַז „חוט" איז אַ הוט, אַ הוט וואָס פֿאַר־בינדט זיך מיט פֿעדעם, דאָס הייסט, כ'וועל ניט נעמען פֿון אַ הוט ביז אַ שוך־בענדל. האַ, ראַבאַי געלבער, ווי געפֿעלט אײַך מײַן טײַטש?

דער גלח איז געשטאַנען מיט די ברילן פֿאַרשאַרצט אויפֿן שטערן, פֿאַרגעסן, אַז דער מענטש האָט זיך איבערגעגעבן דעם טײַוול, געקוואָלן, געוואַרט אויפֿן רבס הסכּמה און ווען ניט דעם גלחס גע־גאָלט פּנים, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז צוויי ייִדן לומדים שמועסן תּורה.

– טאַקע אַן אײַנפֿאַל, אַ גוטער אײַנפֿאַל, – האָט דער רב צוגע־געבן און זיך ניט געקענט אָפּחידושן, וואָס דער כּומר קען העברעיִש.

דער גלח איז בײַ אים געוואָרן חשובֿער, דאָס בנין האָט באַ־קומען תּיקון, ווי אין די גרויִע פֿאַרשטויבטע ווענט וואָלטן דבֿרי תּורה זיך געוואַלגערט.

דער גלח איז ניט געוואָרן אין דעם קעגנאיבערדיקן הויז. דער רב האָט זיך געשאַרט איבער די ליידיקע צימערן. אין דער קיך אויפֿן אויוון איז געשטאַנען דאָס אָוונט־ברויט, וואָס די טאָכטער האָט צוגע־גרייט, איידער זי איז אַוועק צו דער אַרבייט, ס'פֿלייש איז געלעגן אין זאַלץ. דער רב האָט עס אָפּגעגאָסן, צוגעשטעלט אונטער אַ קליין פֿײַערל און זיך געלאָזט אין דער בית־דין שטוב.

רוקנס געלײַשט מיט גאָלה האָבן אַראָפּגעקוקט פֿון די פּאָליצעס. ער האָט געלייענט די נעמען און ס'איז אים געוואָרן היימלעכער.

ער האָט שוין חדשים ניט געלערנט, זיך געערגערט, וואָס ער האַלט אָן ס'רבנות. ציטערט איצט מער ווי תּמיד מ'זאָל אים ניט אָפּ־זאָגן. ער האָט ניט געקענט זײַן בן־יחיד מדריך זײַן, ווי נאָך קען ער זײַן דער פֿירער פֿון אַן עדה ייִדן? בײַ אים אין הויז וואַקסט אַ גוי, וואָס האָט פֿײַנט ייִדן און ער, דער רב, זיצט איבער ספֿרים, גרייט צו יעדן שבת אַ דרשה, מוסרט דעם עולם. דער עולם איז ניט בלינד, איז ניט טויב, ווייסט וואָס פֿאַר אַ תּכשיט ער האָדעוועט אין שטוב, וואָלט ער אים כאָטש דורכגעטריבן?

ער איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, געגלאָצט אין חלל און די־

קני האָבן זיך געבויגן, ניט געקענט טראָגן דעם הויכן, אויסגעצערט גוף.

אין דער טיר איז געשטאַנען אַ מגושמדיקער יונג.

— רבי!

— האַ?

— כ'וויל מאַכן מיטן רב ביזנעס!

— לאָמיר הערן.

— מיר זענען צען „בוטשערס. — מיר ווילן פון אייך אַ הכשר, אַז מיר פאַרקויפן כשר פלייש. דאָס קען דעם רב אַריינטראָגן איבער הונדערט דאָלאַר אַ חודש.

— און ווער וועט צאָלן דעם משגיח?

— קיין משגיח, וואָס מיר זענען גוים?

— אָן אַ משגיח קען איך קיין הכשר ניט אַרויסגעבן!

— ר' שלמהלע וועט געבן!

אויפן שטערן ביים רב איז צוגעקומען אַ קנייטש. אַ פאַרבאָרגענע מחשבה האָט געשמייכלט:

— רוף אים צוריק!

אין קאָרידאָר האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ יידענע.

— וואָס האָט איר געוואָלט?

— כ'וויל דעם רב

— אַ שאלה?

— יאָ.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פּופּיק, צוגעגאַנגען צום פענסטער, געשניטן ס'בלאָטערל מיט אַ מעסערל.

— כשר.

ער איז ווידער געבליבן אַליין, געגלאָצט אין חלל, זיך געוויגט צווישן די שטיין־קריצערס קלעפּ און פון עק טיש האָט אַראָפּגעוואונקן אַ פאַרבלוטיקטער צען סענט שטיק, וואָס די יידענע האָט איבערגעלאָזט.

1924

# א „פּאַרטי״

דריי מאָל אַ טאָג נאָכן עסן איז דאָס „יונגוואַרג אין דעם האָטעל „זומער־שטראַל״ פאַרפאַלן געוואָרן פּאָרלעכווייז האָבן זיי זיך געלאָזט מיטן וואַלד. מיט דער לאָנקע, געקלעטערט איבער די בערג. אַרום דעם האָטעל און אויף דער וועראַנדע זענען געבליבן דאָס אַלטוואַרג און עלטערע, מיאוסע מיידלעך.

די עלטערע מיידלעך האָבן פון ערשטן טאָג אָן זיך געהאַלטן צוזאַמען. זיי זענען ערנסטע געלעגן אין די האַמאַקס, פיל גערוט, און אַז זיי זענען פאַרן שלאָפן געגאַנגען פאַר אַ קורצן שפּאַציר, זענען זיי געגאַנגען אַלע אינאיינעם, געשפּרייזט איבער דער לאָנקע אין אַ ברייטער פּאַסמע.

אין האַרצן האָט זיך יעדע געגעסן, וואָס די יונגעלייט מיידן זי אויס, קריכן נאָך די „ליאַלקעס״. זיך געטרייסט, וואָס זי איז ניט איינ־און־איינציק און אויסגעמיטן דערפון צו רעדן.

מען איז געלעגן צווישן די אויבסט־ביימער אין אַ האַלבן קרייז, צי צוויי אין אַ האַמאַק, גערעדט, געלייענט, זיך געוואַרעמט אויף דער זון.

— לייענסט „דאָריאַן גריי״?

— אַ וואונדערבאַרע בוך!

— האָמאַ סאַפּיענס־ האָסט געלייענט?

— פּשיבישעווסקי איז מיין ליבלינג.

— צו „די ברידער קאַראַמאַזאָוו״ קומט עס גישט!

— און האַרדיס „דזשוד אָבסקיור״ איז שלעכט?

— ווער פון אייך האָט געלייענט „די געהיימניש פון קייזערלעכן הויף?״

— איך האָב געלייענט „דאָס שטאַרקע געשלעכט.״

— ווען איז עס?

אַזוי האָבן זיי געקענט אָפּליגן שעהן צווישן די בוימער, אוי־טאָמאַטיש אָנגערופן נעמען פון ביכער, פון שרייבער, זיך געטרייסט מיט חלשות און אונטער דער דורכגעוואַרעמטער הויט האָט געשרפעט.

דער אויסגעהונגערטער גוף האָט אָנגעהויבן אויסצוגלייכן די ביי־נער, די גרויקייט איז געוואָרן העלער, זיך מער ניט געשראָקן פאַרן געוויין פון די ניט געבוירענע קינדער.

אַרום איז געווען שטיל. ס'יונגוואַרג האָט געזוכט באַהאַלטענע ווינקעלעך, געוואָלט זיין אַליין. ס'אַלטוואַרג האָט געשפּילט פּאוקער. די עלטערע מיידלעך האָבן זיך געוויגט אין די האמאקס, געקוקט אין דער בלויקייט. בערג, איינער אונטער דעם צווייטן, איינע העכער פון צווייטן און איבער די בערג אַ בלויער זיגזאַג.

אויסגעצערטע פאַרלאַנגען האָבן זיך געוועקט, זיך געשאַרט איבער דער חוט השדרה, זיך געוויקלט אין אַ באַהאַלטענעם תענוג־שמייכל.

— ווייסט איר גאָר וואָס, מיידלעך, לאָמיר מאַכן אַ „פּאַדזשאַמי פּאַרטי."

— וואָס?

— ווייסט ניט וואָס אַ „פּאַדזשאַמי פּאַרטי" איז?

— האָב איך אַ פּאָר אויסגעהאָפטענע „פּאַדזשאַמעס!

— איך האָב זיידענע, ראָז־זייד.

— און איך האָב ווייסע זיידענע, געשעמערירט מיט שוואַרצע טאַשמעס.

— אָבער אָן מענער!

— זיי טאָרן דערפון ניט וויסן!

— אַבסאָלוט ניט!

— גערעכט!

— פּעני איז גערעכט!

— וואו וועלן מיר עס מאַכן?

— ביי מיר, מיין צימער איז גרויס!

— גוט.

— מיר וועלן קויפן נאַשערייען און ר'ווייסט וואָס איך וואָלט פאַר־געשלאָגן?

— וואָס?

— יעדע איינע פון אונז זאָל דערציילן איר ערשטע ליבע.

— אַז שוין יאָ אַ „פּאַדזשאַמי פּאַרטי", מיידלעך, דאַרף עס זײַן מיט אַלע קליפּערלעך.

— מיט גראָבע וויצן?

— וואָס האָט איר אַזוי מורא פאַר אַ גראָבן וויץ?

— גערעכט!

— גערעכט!

— נאָר, מיידלעך, שאַ, ס'דאַרף זײַן בסוד!

די מיידלעך האָבן זיך אַ גאַנצן נאָכמיטאָג געפּאָרעט. איינע האָט געוואַשן, די צווייטע האָט געפּרעסט און יעדע האָט אין דער שטיל געטראַכט, אַז דאָס איז אַ מיטל צוצונעמען ביי די יונגע מיידלעך די בחורים, אויב נישט אינגאַנצן, איז כאָטש אויף אַן אָוונט.

ביים אָוונטברויט האָבן די עלטערע מיידלעך צווייִדייטיק גע־שמייכלט, געקוקט מיט בטול אויף די יונגע מיידלעך און מיט זייער שווייגן אָנגעמאַכט ביים טיש אַ טומל. אַז זיי האָבן זיך נאָכן עסן פאַר־קליבן צו איינער פון די מיידלעך, וואו די עלעקטרישע לעמפּלעך זײַ־נען געווען אַרומגעוויקלט מיט ראָז פּליס פּאַפּיר, האָט איינע זיך פאַר־נייגט אין די פּאַדזשאַמעס:

— מזל־טוב, מיידלעך!

— וואָס איז?

— די בחורים זענען זיך נישט צעגאַנגען.

— זיי ווייסן דען, וואָס דאָ קומט פאָר?

— איך האָב זיי נישט דערציילט.

— אַ סוד ביי ווייבער!

— די בחורים דרייען זיך טאַקע אַרום אויף דער וועראַנדע.

די מיידלעך האָבן זיך געמאַכט געפּגרט, זיך צעזעצט אין די קאָ־ליִרטע פּאַדזשאַמעס, וועער מיט אָפּגעשוירענע האָר, וועער מיט צעלאָזטע פלעכטן, איידל געביסן מיט די פּאָדערשטע ציין שטיקלעך שאָקאָלאַד און דערציילט וויצן, איינער גרעבער פון צווייטן, אַז אַ מאַנסביל וואָלט רויט געוואָרן.

די אויסגעצערטע פאַרלאַנגען האָבן נקמה גענומען פון די מיידל־

שע צניעות־קייט, געזעסן ווי מכשפות אין דעם האַלב פינסטערן צימער, געראויכערט און געחלומט די מענער זאָלן זי איבערפאַלן.

די וויסן זענען געוואָרן גרעבער, די עלטערע פנימער צעווירענעו איינע האָט געוואָלט אויסנעמען ביי דער חברטע, געוויזן איר בריה־שקייט מיט מענער און אין האַרצן האָט זיך געשטעלט אַ מורא, אַז די „פּאַרטי" וועט זיך נישט איינגעבן.

עס האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

— נישט אַריינלאָזן?

— נישט אַריינלאָזן!

— ווער איז?

— איך, פּעני, עפּנט.

אַלע האָבן דערקענט אַ מענעריש קול, גענומען כלומרשט טומלען:

— עפּנט נישט!

— עפּנט נישט!

די פאַרמאַכטע טיר האָט נאָכגעלאָזט, עס האָט זיך דערהערט אַ קוויטש. איינע פון די מיידלעך האָט אַ קוועטש געטאָן דאָס עלעקטרי־שע קנעפּל. ס'איז געוואָרן פינסטער.

# שאָטנס

מיטן טאָג צוגלייך איילט ער איבער דעם צייטונגס־קוואַרטאַל, גייט פאַרביי אײן צייטונג, אַ צווייטע. דאָס קלאַפּן פון די פּרעס־מאַשינען, וואָס פאַרבינדט די שטילקייט פון פרימאָרגן מיט דער וועלט, פאַרגיכט זיין טראָט.

ער כאַפּט אויף דעם רויש פון באַגינען, וואָס טראָגט זיך פון זייטיקע גאַסן און עפּעס רויעס הויבט זיך אין אים. שטעלט זיך אויס אין געשלאָסענע שורות. דאָס זינגט אין אים דער לייטאַרטיקל, וואָס ער דאַרף היינט אָנשרייבן. און הינטער אַלעם עגבערט אַ מחשבה, אַז דאָס קלאַפּן גאָר נישט קיין פּרעס־מאַשינען, דאָס קלאַפּט אַזוי זיין לעבן — עטלעכע און דרייסיק יאָר האָט ער אַוועקגעגעבן דער גאַס, און די יאָרן, ווי האַמערס, הערן ניט אויף צו קלאַפּן.

דאָס טראַכט ער ניט, דאָס קנוילט זיך ערגעץ ווייט, און אַז אַן אָפּקלאַנג דערפון וועקט זיך אין אים, פאַרטויבט ער דעם אָפּקלאַנג, גיט ניט צו, אַז ער איז אויסגעשפּילט, זעט הינטער זיך צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס וואַרטן יעדן פרימאָרגן אויף זיינס אַ וואָרט.

ער קומט צו צום הויז, באַמערקט ניט די אָפּגעבליאַקעוועטע שילד מיט גאָלדענע אותיות, וואָס דערציילט, אַז דאָ גייט אַרויס „דער טעלעגראַף". די אָפּגעלאָזנקייט פון הויז, די פייכטע גרויקייט אין די קאָרידאָרן, וואָס שמעקט מיט הינטישע שוואָמען — קיין זאַך שרעקט אים ניט.

ער איילט זיך איבער די קילע, פינסטערע טרעפּ, וואָס סקריפּען ווי אַ ניט־געאיילט ראָד ביי אַ שטריקמאַכער, האָט מורא צו פאַרשפּעטיקן. ער שליסט אויף די רעדאַקציע, גייט פאַרביי די פאַרמאַכטע שרייב־טישן מיט אַזאַ מינע, ווי מענטשן וואָלטן דאָרט געזעסן, נאָר ער מיידט אויס זייערע בליקן און פאַרשווינדט אין זיין צימער.

ער לייגט אַוועק לעבן זיך אַ פּאַק מאָרגן־צייטונגען, נעמט אַראָפּ דעם מאַנטל, טוט אויס דעם ראָק, פאַרקאַטשעט די אַרבל און זעצט זיך שרייבן.

די גרויסע בוכשטאַבן צעלייגן זיך איבער די ווייסע בויגעלעך פּאַפּיר און אין דער שטילקייט, וואָס לויערט שוין אַזוי יאָרן אין אַלע דריי שטאָק, הערט זיך דאָס סקריפּען פון רעדאַקטאָרס פּען.

ער הערט יעדע ווײַלע אויף שרייבן, שפּרינגט אויף, שאַרט מיט די הענט אין חלל, ווי די לופט וואָלט אים געשטאַנען אין וועג, און שפּרייזט איבערן צימער. די בערגלעך צעוואָרפּענע האָר אויף זיין קאַלן שאַרבן גיבן צו אַ שאַרפקייט צום פאַרכמורעטן, פאַרעלטערן פּנים.

די שויבן אין דער געביידע ציטערן אויף – עס פאָרט פאַרביי אַ וואָגן מיט משא.

ער שטעלט זיך אָפּ ביי אַ פאַרלאָפּענער שויב. די אויגן צעשטראַלטע גלייכן אויס די קנייטשן, רופן אַרויס אויפן שלאַבערדיקן פּנים אַ שווינדזיכטיקע רויטקייט. ער זעט ניט פאַר זיך קיין ליידיקן צימער, וואו אויפן שרייב־טיש, אויפן ביכער־שראַנק ליגט שטויב אַ צאָל די דיק, וואו צייטונגען זענען געל פון אַלטקייט ברעכן זיך ביים קנייטשן.

ער שטייט ביים פענסטער אַ נידעריקער, אַ ברייט־ביייניקער, די אַרבל פאַרקאַטשעט, די פויסטן פאַרקוועטשט, און דאָס געזאַנג, וואָס רייסט זיך ביי אים, ווערט אויפגעכאַפּט פון צענדליקער טויזנטער צו־הערער.

ער זעצט זיך צוריק ביים שרייב־טיש, די פינגער קאָנען ניט נאָכאיילן די אָנגעלאָפּענע ווערטער, וואָס רייסן זיך, שפּאַרן זיך אין האַלז אַריין, פאַלן אַרויס מיט אַ סקריפּעריי אויפן פּאַפּיר.

ער וואַרפט אַוועק די פעדער, רופט:

– ווילי, ווילי!

זיין קול שניידט דורך איין שטאָק נאָכן צווייטן, קומט צוריק פון קעלער צעשוואומען און פייכט:

– ווילי...

ער ווערט אין כעס, כאַפּט די אָנגעשריבענע בויגעלעך פּאַפּיר, עפנט די טיר, וואו די מיטאַרבעטער זיצן:

— וואו איז ווילי?

איבער די שרייב־טישן בויגן זיך פאַרשטויבטע שאָטנס. דאָס איינציקע, לעבעדיקע נפש — אַן אַלטע קאַץ, וואָס דרייט זיך אַרום אין דער פאַרלאָזטער געביידע — רייבט זיך מיט אַ וואָרטשן ביי זיינע פיס:

— ר־ר־ר — — — ר־ר־ר — — — — — — — — — — — — —

ער לויפט איבער די טרעפּן, שרייט:

— מיט אַזאַ „סטעף" קען איך נישט אַרבעטן! נאָך היינט קריג איך אַ נייעם „סטעף"! איינס באַיינס טאַלאַנטן צו נעמען „ווײַדזשעס" זיי אַ רעדאַקטאָר, זיי אַ שיק־יינגל, אַז ס'איז נישטאָ אויף וועמען צו פאַרלאָזן זיך?

דאָס לויפן פון איין שטאָק אויפן צווייטן, האָט אים באַרויקט, און אַז ער איז אַראָפּגעקומען אין קעלער, איז שוין פון כעס קיין זכר נישט געווען.

אין קעלער איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ געדריקטע שטילקייט. די שטאַנגען פון די זאַץ־מאַשינען האָבן אויסגעצויגן די העלזער, און די פּרעס־מאַשין האָט געגלאָצט מיט דער הוילקייט פון אַ טהרה־ברעט.

ער האָט זיך געשאַרט צווישן די מאַשינען, נישט באַמערקט ווי די קאַץ מיט אַ געבויגענעם עק איז אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט גערעדט צו די ליידיקע בענקלעך, ווי ס'וואָלטן אויף זיי געזעסן זעצערס.

— וואָס אַרבעטסטו נישט, סעם?
— נישטאָ, באָס, קיין בליי
— וואו איז בען?
— נישט געקומען.
— איז דער שאַפּ אָן אַ פאָרמאַן?

ער האָט געפונען דעם קאַלטן טיגעל, געצומען מישן וואו ס'איז אַמאָל בליי געווען. די צעוואָרפענע קופּקעס האָר אויף זיין גאָלן קאָפּ האָבן זיך אויפגעשטעלט, ווי זיי וואָלטן געווען עלעקטריזירט. און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז צווישן די מאַשינען זיצט עפּעס אַ פאַר־טריקנטער שוואַרץ־קינסטלער, בלעטערט אַן אַלט בוך, זוכט דאָרט צוי־בער־ווערטער און וויל מיט זייער כשוף אויפּפלאָנטערן דעם סוד פון דער וועלט.

אַ מרה־שחורה האָט געגלאָצט פון אַלע ווינקעלעך, זיך צעלייגט איבערן גרויסן, פינסטערן קעלער, און ווען ניט די שויבן, וואָס האָבן יעדע ווײַלע אויפגעציטערט, וואָלט מען נישט געוואוסט, אַז דער פרימאָרגן רייסט זיך איבער די גאַסן מיט אַ געפילדער.

אַן אויסגעמאַטערטער איז ער צוריק אַרויף צו זיך אין צימער. ער האָט געפילט, ווי די געלענק אין די פיס זענען בײַ אים צע־שרויפט, קנאַקן און דער שטערן איז נאַס. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין זײַן שטול, פאַרמאַכט די אויגן און געבליבן אַזוי זיצן. פון דער ביכער־שאַנק, פון צווייטן אָפענעם צימער, זענען אָנגעקומען שאָטנס, זיך געלייגט איבער די שווערע אויגן־דעקלעך, און דער קאָפּ, ווי אַ צײַטיקע פרי, האָט זיך געצויגן צו דער ערד.

פון אַ בילד איינגערעמט אין אַ שווערע גאָלדענע ראַם, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט, איז קאַרל מאַרקס אַראָפּגעגאַנגען. ער האָט צענומען די געקרויזטע באָרד, נאַכלעסיק אַוועקגעלייגט אויפן שרייב־טיש דעם שטעקן:

— וואָס מאַכסטו, קרוין?

— גענאָסע מאַרקס? ביזט דאָך, דאַכט זיך, געשטאָרבן?

— האָסט פאַרגעסן, אַז כ׳בין אומשטערבלעך?

— אמת, אמת.

קרויז האָט זיך אַזש אונטערגעהויבן פון פרייד. ער האָט אַ „היט״, וועט מאָרגן איבערשטייגן אַלע צייטונגען. אַ קלייניקייט, אַן אינטערוויו מיט מאַרקסן וועגן דער רעוואָלוציע! דאָרט, אויף יענער וועלט, ווייס מען דאָך יאָ דעם אמת!

ער האָט אָפּגעהוסט:

— און וואָס, גענאָסע מאַרקס, רעדט מען בײַ אייך וועגן דער רעוואָלוציע?

— כ׳האָב וועגן דעם גאָרנישט געהערט.

— כ׳מיין, וואָס פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַל איז גערעכט — דער דריטער, צי דער פערטער?

— נישט געהערט.

— נישט געהערט? האַ, האַ, האַ!

ער האָט צעעפנט די אויגן – מען האָט, דאַכט זיך, געקלונגען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ שטשור, פאַרשלעפּט אַ פּעקל אַלטע צייטונגען, געקוקט אויפן רעדאַקטאָר, געקוועטשט מיטן שנעבעלע, און די אויגן האָבן געברענט די לופט, געעגבערט.

1924

# דער פּאַרצויגענער שליית

ער איז אַ געוויקסיקער, אַ גלייכער, ס'פּנים איז בײַ אים מאַט און דאָ וואו ס'דאַרף זײַן אַ באָרד, ליגט אַ טונקעלער שאָטן, וואָס גיט צו געוויכט און שטעלט אָפּ פּאַרבײַגײיער.

ער טראָגט זיך לײַכט און בויגיק. זײַן הלבשה איז ריין און נאַכלעסיק. און די אויגן פאַרחלומטע קוקן אין זיך, באַמערקן ניט, וואָס ס'טוט זיך אַרום, און וואָס געפּאַקטער די גאַסן — אַלץ יום־טוב־דיקר זײַן אויסזען, וואָס פרעמדער דער עולם — אַלץ זיכערער זײַן טראָט.

אַזוי שפּאַצירט ער אין די געדיכטע קוואַרטאַלן, טראָגט זיך אַנטקעגן די אויסגעהונגערטע מיידלשע בליקן. זיי פאַרגעסן די טאָג־טעגלעכקייט, ציען אויס די ווייכע העלזער, שרויפן אָן די שנעבעלעך און חלומען, אַז ס'לעבן איז נאָך נישט פאַרשפּילט. היינט, מאָרגן קאָן די פּאָפּוגאַי, וואָס זיצט אינמיטן גאַס אויף דער קאַטערינקע, אַרויס־ציען אַ מזלדיק קוויטל — ס'אמתע מזל.

אַזוי גייט ער איבער די גאַסן, דער געבוירענער בעל־הבית, פאַר וועמען טיר און טויער זענען אָפן און אַלץ דערפאַר, וואָס ער איז הויך, ס'פּנים מאַט און דאָרט, וואו ס'דאַרף זײַן אַ באָרד ליגט אַ טונקעלער שאָטן, וואָס גיט צו געוויכט.

די פיס ווערן סוף־כל־סוף מיד, פאַרבלאָנדזשען אין דער קאַפע אַרײַן. דאָ ווערן די גלייכע פּלייצעס עטוואָס געבויגן, דער טראָט ניט זיכער, און דאָס שיינע פּנים מיט די גרויסע, טונקעלע אויגן פאַרלירן זיך.

אין דער קאַפע באַמערקט אים קיינער ניט, און דאָס, וואָס ער האָט זיך אַזוי צעוואַקסן, שטערט נאָך, איז אַ חסרון. דאָ פילט ער זיך שלעכט מיטן אייגענעם גוף.

ביי אַ טישל, אַרומגערינגלט מיט חברים, זיצט דער גרויסער ראָמאַניסט — אַ נישט געוויקסיקער. די האָר שיטערע. די אויגן דורכגע־נומען מיט פּאַרע און די פּיס רירן נישט אָן דעם דיל, באָמבלען זיך ווי ביי אַ קינד. אַלע אַרום טישל הערן זיך איין, ווי ער רעדט צו דער מיידל, וואָס זיצט קעגנאיבער, רעדט צו רבקהלען.

דער געוויקסיקער בחור באַגריסט יעדן בליק, וואָס ער כאַפּט צופעליק אויף, שעמט זיך, ווען מען דערמאָנט אים זיינע לידער. רבקהלע באַגעגנט אים מיט אַ שמייכל, און איידער ער האָט צייט זיך אַרומצוקוקן, שטייט זי שוין לעבן אים:

— וואָס מאַכט איר, פּאַביאַן?

ער איז דאַנקבאַר, שפּיגלט זיך אין דעם איידעלן נישט שיינעם פּנים, וואו אויפן שטערן, אויף די באַקן חנדלען זיך האָריקע וואָרצלעך און וואָס דערמאָנען אַ רבנישע טאָכטער. דאָס וואָס רבקהלע האָט מיט אים גערעדט, ווי מיט אַ גלייכן, ווי זי וואָלט פּאָרטגעזעצט דעם שמועס מיטן ראָמאַניסט, האָט פּאַביאַנען געמאַכט אומבאַהאָלפן, און ווען ניט זיינע מאַטע באַקן, וואָלט ער זיך גערויטלט.

דער ראָמאַניסט מיט די חברים זענען אויסגעוואַקסן ביי פּאַב־יאַנס טישל. ער איז געוואָרן קלענער, זיך גערוקט אַלץ מער אין אַ ווינקל אַריין, ניט געוואָלט פאַרנעמען קיין אָרט און זיינע גרויסע הענט האָבן געפלאַטערט אַרום די שטולן:

— אָט איז פּלאַץ! ס'איז דאָ פּלאַץ!

קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט צו אים. דער ראָמאַניסט האָט אַריינ־געשטעקט די גראָבע פינגער אין די וועסטל־קעשענעס און וואוילעריש זיך אַ פרעג געטאָן:

— רבקהלע, גייען מיר אין די „מואויס"?

— ווער אַלץ?

— מיר אַלע.

— איך נישט.

פּאַביאַן האָט זיך געחידושט, נישט פאַרשטאַנען, ווי נאָך קאָן מען אָפּזאָגן דעם ראָמאַניסט.

— פאַרוואָס גייט איר נישט, רבקהלע? — האָט ער געפרעגט.

— כ'וויל פאַרברענגען מיט אייך.

דער שמייכל איז בײַ אים געבליבן אַרום דער אויבערשטער ליפּ, ווייטער נישט געגאַנגען. ער האָט נישט געוואוסט, צי רבקהלע שפּאַסט, צי זיי מיינט ערנסט און ניט ווילנדיק אַ זאָג געטאָן:

— איר האָט געדאַרפט גיין!

— כ׳זע זיי יעדן טאָג.

זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס. די זיכערקייט, וואָס ער האָט נאָר־וואָס פאַרלוירן אין דער קאַפע, האָט זיך אין די ענגע גאַסן אָנגעהויבן וויקלען, איז צוריקגעקומען, זיי האָבן כמעט געשוויגן, זיך נישט געפרעגט, וואוהין זיי גייען, און אַז דער טראָט איז געוואָרן הינטערשטעליק, האָט רבקהלע אים אַרויפגענומען צו זיך.

ס׳צימער איז פול געווען מיט אויסגעהאַפּטענע קישעלעך, מיט טאַבורעטקעס. ביכער מיט אויפשריפטן פון די מחברים האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער סאָפע, אויפן דיל.

רבקהלע האָט זיך פאַרקליבן אויף אַ באַרג מיט קישנס, אים אָוועקגעזעצט נאָענט, זייער נאָענט, פון אונטערן שוואַרצן זיידענעם קלייד, וואָס איז לויז געפאַלן פון די אַקסלען, האָט געשלאָגן מיט לעבן. די מיידלשע חלומות האָבן זיך געשאַרט איבער די ווענט, אַרויסגעקראָכן פון די זיידענע פאַלדן, פון די אויסגעהאַפּטענע קווייטן. די ביכער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שאָטנס, וואָס האָבן זיך געקליבן אין די ווינקלען, דערציילט, אַז זיי זענען דאָ פאַרטראַכט געוואָרן בײַ אירע, רבקהלעס פוס, און אונטער איר פענסטער האָבן דיכטער אויסגעוויינט זייערע לידער.

זי האָט געעפנט אַ בוך, אַ צוויטס, אַ דריטס, געלייענט. די ווערטער וואַרעמע האָבן זיך געקייקלט איבער די שנורן בורשטין, וואָס זענען געלעגן אויף אַ טישל, איבער די טערקישע טיכער, איבער די ווענט, וואו שאָטנס האָבן זיך געשאַרט, זיך געצויגן.

פאַביאַן איז ניט איינגעזעסן, דער יונגער, שטאַרקער גוף האָט זיך אַ צי געטאָן צו די קישעלעך, וואו פון הינטער די לויזע זיידענע קליידער האָט געשלאָגן מיט לעבן, די וואַרעמקייט האָט געצויגן, ווי אַ קישן ציט צו זיך אַ מידן קאָפּ.

אין דער טיר איז געשטאַנען אַן אַלטיטשקע מיט אַ פּאָר ברילן פאַררוקט אויפן שטערן. ביידע האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אַ־אַ!

— מאַמע?

— שטערט אייך נישט, קינדער, כ׳האָב נאָר געוואָלט וויסן ווי שפּעט ס׳איז.

— גייסט שוין שלאָפן?

— ווי דען, טאָכטערשי, נאָך אַ טאָג אַרבעט ווערן די אַלטע ביינער מיד.

— דאָס איז מיינס אַ פריינט, מאַמע — האָט רבקהלע זיך אַ שטעל געטאָן.

— אַ גוטע נאַכט, קינדער!

דאָס, וואָס די מוטער האָט זיי געטראָפן זיצן אַזוי נאָענט, האָט אויף פאַביאַנען אַרויפגעלייגט אַן התחיבות, אים געבונדן. דערצו האָט זיך געוועקט אין אים אַ באַהאַלטענער פּאַרדרוס, פאַרוואָס מען אָנערקענט אים ניט און אַ צו־להכעיס־געפיל, וואָס קיינער פון דער באַנדע האָט רבקהלען ניט געקאָנט קריגן. האָט זיך געהויבן אין אים, פאַרגאָסן זיין מוח, איינגערוימט, אַז אַזוי נאָך וועט ער אַריינגעצויגן ווערן אין דער חברה.

פאַביאַן איז געווען גליקלעך, זיך ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן, וואָס מיט אים קומט פאָר. ער האָט זיך געוויגט און וויגנדיק זיך דער־נענטערט צו אַ פאַרפּיר־ליכטל, וואָס האָט געלאָקט. געצויגן צו זיך. די הינטער מחשבהלעך זענען צערונען און די ליפּן האָבן געפּרעפּלט:

— כ׳האָב דיך ליב.

— אַזוי הויבט איר אַלע אָן — האָט רבקהלע אַ שנירל געטאָן מיטן מויל.

— מיט אַן אמת, רבקהלען

— וואָלסטו...

— אפילו שוין!

די דראַפּירטע קישעלעך האָבן געצויגן, געגלעט איבער די באַקן, אָנגעיאָגט אַ דרימל.

די שאָטנס וואָס האָבן געלויערט אין די ווינקלען, אויף די ווענט, האָבן זיך צעלייגט איבערן דיל, זיך געפלאָנטערט אין די איי־

גענע בעצן, אין די פאַרוואָרפענע שלייפן, געטשאַטעוועט — ווי האַלט עס מיט רבקהלען?

רבקהלע האָט זיך געשאַרט צווישן די שלייפן, זיך פאַרטשעפעט, געפאַלן, זיך געהויבן, ווייטער גיך געפלאָנטערט, און יעדעס מאָל, ווען זי האָט געוואַרט, אַז די פעטליע זאָל זיך פאַרציען, איז אַלץ צעי שוואומען.

די בחורים האָבן קיין מוט ניט געהאַט, זיך באַנוגנט מיט רייד, און אַז ס'איז געקומען פּאַביאַן, פאַרצויגן דעם שלייף און חתונה געהאַט מיט רבקהלען, האָבן אַלע אָפּגעאָטעמט, וואָס זיי האָבן זיך באַפרייט פון אַן עול און אין דערזעלבער צייט ניט פאַרגונען. יעדער האָט אין דער שטיל באַדויערט, וואָס ער האָט פאַרלוירן עפּעס, וואָס וועט שוין נישט צוריקקומען.

1923

# א שטילע פרוי

אויפן פאַרם איז רחל נאָך געוואָרן צוריקגעהאַלטענער, שטילער. גאַנצע טעג איז זי געווען פאַרנומען מיט דעם באַלעבאַטישקייט — געפיטערט די עופות, געמאָלקן די קי און געקאָכט פאַרן מאַן, פאַרן צוואַנציק יאָריקן פילפ, דעם אַרויסהעלפער, וואָס איז געשלאָפן אין שייער אויפן היי.

אין שטוב האָט מען זי כמעט ווי נישט געהערט. זי האָט זיך געדרייט צווישן די מענער, ווי אַ פרעמדע, ווייניק גערעדט און שטענדיק געהאַט עפּעס צו טאָן.

גלייך ווי זי איז געקומען מיט אירע עלטערן נאָך ניו־יאָרק, איז איר פעטער, אַ רייכער פאַרמער, אַראָפּגעקומען פון דער וועסט, געקויפט דעם ברודער אַ „גראָסערי" און געוואָרפן אַן אויג אויף איר.

זי איז געווען אַ הויכע, אַ באַלייבטע, מיט פלאַקסענע האָר, וואָס האָבן זיך פון צופיל משא שטענדיק געהאַלטן ביים פאַנאַנדערשיטן.

טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט מיאש געווען פון דער טאָכטער — זיצט אַ מיידל אין די הויכע צוואַנציקער — זענען געווען גליקלעך, וואָס רחל פאַלט אַריין אין אַזאַ עשירות.

— האָט זיך דיר אַמאָל געחלומט, טאָכטער, — האָט דער פאָטער נישט אויפגעהערט איבערצעחזרן, — אַז וועסט ווערן אַ באַלעבאָסטע איבער הונדערט אַקער לאַנד, איבער קי, איבער פערד, — און אַן אויפגעלעבטער האָט ער זיך אַ דריי געטאָן צום ווייב — האָסט געוויינט, וואָס רחל פאַרזיצט און איר זיווג איז גאָר געווען אין אַמעריקע!

רחל איז געווען אַזוי צעטומלט מיטן פעטערס גוטסקייט, וואָס האָט די עלטערן געשטעלט אויף די פיס, מיט זיין רייכקייט, אַז איר־

איז צומאָל נישט איינגעפאַלן, אַז מען קאָן אים עפּעס אָפּזאָגן, צומאָל ניט קיין טראַכט געטאָן, וואָס ער איז מיט פינף אין צוואַנציק יאָר עלטער.

ער האָט עס נישט אויסגעזען. אָן אַ באָרד, באַקן צעברווינטע, העגט קנאָכיקע און איינגאַנצן אַ רירעוודיקער מיט אַ שטענדיקן שמייכל אַרום די דיקע ליפּן.

מען האָט געשטעלט אַ חתונה און זי איז מיט אים מיטגעפאָרן.

די קי, די עופות, דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקייט און דער עיקר דעם מאַנס ליבע, האָבן די ערשטע חדשים זי נישט געלאָזט זיך פאַר־טראַכטן.

דער מאַן, וואָס האָט זיך שטענדיק געשראָקן פאַר די אַמעריי־קאַנער יידישע מיידלעך, וואָס מען דאַרף זיי ווילן, מען דאַרף איי־ביק זיך פילן שולדיק, וואָס מען וואוינט אין אַזאַ הע ־, ווייט פון אַ וואָדעוויל, פון „מואוויס" — איז געווען צופרידן מיט רחלן. זי האָט קיין טענות ניט, איז גלייכגילטיק צו די שכנים, וואָס קומען זיך אַמאָל אַ זונטאָג נאָכמיטאָג ביי אים צונויף. מיט אַזאַ ווייב קען מען זיין זי־כער. דערצו איז ס'פּנים ביי איר קלאָרער געוואָרן, אויסגעפּולטער און אַז זי לויפט איבער די צימערן שאָקלט זיך אונטער איר דער דיל און די שויבן ציטערן. זי דאַרף אים בלויז געבוירן אַ קינד.

רחל האָט זיך פאַר קיין פאַל ניט געקענט צוגעוואוינען, אַז דער פופציק־יעריקער פאַרמער איז איר מאַן. זי איז געווען גוט צו אים, אים קיינמאָל נישט געטריבן פון זיך און אויך קיינמאָל נישט געפילט, אַז זי איז אַ טייל פון אים. זי האָט זיך געפילט היימישער מיט די עופות, מיט די קי. די געבויגענע צווייגן פון די בוימער, די אויסגעצויגענע העלזער פון די פערד, — וואו זי איז געגאַנגען, האָבן זיך געצויגן צו איר בויגיקע יינגעלשע הענט, וואו זי וואָלט נישט געווען אַ יונג ווייב, נאָר אַ מיידל, וואָס חלומט וועגן אַ מאַן.

דער הונגער פון אַ זעכצן יעריק מיידל האָט זיך געוועקט אין איר, און ביינאַכט, ווען דער מאַן איז איינגעשלאָפן, האָט זי זיך גע־רוקט אין אַ ווינקעלע, געפילט ווי זי ווערט קלענער, ווי דער שטח צווישן איר און אים ווערט גרעסער און געזען, אַז אירע מיידלשע

פאַרלאַנגען, וואָס האָבן געברענט אין איר אָנגעקוואָלן לייב, זאָלן זײַן ווייט פון אים.

איינמאָל, ווען זי איז אַזוי געלעגן אין אַ ווינקל בעט, נישט גע־וואָלט הערן דעם מאַנס שנאָרכן, זענען די פיס בײַ איר שטײַף געוואָרן, די הענט האָבן זיך אָנגעצויגן ווי רײַפן און אַ מיידלשער הונגער האָט זי געטריבן פון בעט אַרויס, אײַנגערוימט, אַז מיט איין קלאַפּ צווישן די אויגן, וועט ער אויפהערן צו שנאָרכן.

די לבנה האָט געצייכנט די פעלדער, זיי אַוועקגעשטעלט ווי שוואַרצע בערג און צווישן די בערג אויף פאַרוואָרפענע סטעזשקעס האָט דער צעפלאַמטער מח געטאָן מיטן געליבטן, וואָס ס׳האַרץ האָט געגלוסט.

זי איז אַרויס פון בעט, זיך צומאָל נישט אײַנגעהערט צי דער מאַן שלאָפט. דאָס פאַרעקשנטע שווײַגן בײַטאָג, איז בײַנאַכט פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ געשריי. זי איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין בײַ אַ פענסטער אין דעם לאַנגן נאַכט־העמד, געקוקט אין דער פינסטערניש, וואָס איז טיף געווען ווי אַ ברונעם און איז אַרויס פון שטוב.

דאָס גראָז איז געווען פײַכט, געקילט די שטײַפע פיס, די ברייט־צעעפנטע נאָז־לעכער האָבן אַרײַנגעאָטעמט דאָס פרישע בהמה־מיסט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די שטאַלן.

די פערד זענען געווען אומרוהיק נישט געשלאָפן, נישט אײַנ־געשטאַנען בײַ די קאָריטעס. די קלעפּ פון זייערע קאָפּיטעס אָן דעם הילצערנעם דיל האָט זיך געהערט אין דער שטילקייט, און אין דעם פאַרשטיקטן הורזשען איז געווען אַ געוויין, פאַרוואָס מען האָט זיי אי־בערגעלאָזט אָן אַן אָגער.

פון שייער איז אַרויס פיליפּ אין די בלויזע הויזן. די לאַמ־טערנע, וואָס ער האָט געהאַלטן, האָט איבערגעלאָזט אין דער נאַכט צוויי, דריי שפּריצן ליכט און ער איז פאַרשוואונדן אין פערד־שטאַל. ס׳איז געוואָרן שטיל, אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט ווי די פערד צעלייגן זיך אײַנציקווײַז.

פון אונטער אַ וואָלקן האָט אַפּערגעשײַנט די לבנה, געצייכנט ס׳הויז אויפן בערגל, צעוואָרפענע בוימער און צווישן די בוימער — רחלן אין אַ נאַכט־העמד, וואָס גייט אַ באָרוויסע איבערן נאַסן גראָז.

פיליפ איז אַרויס פון שטאַל, געוויגט מיט דער לאַמטערנע און ס'האָט אים עפּעס אויפגעלויכטן צווישן די אויגן. ער האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט הינטער אַ בערגל פערדס מיסט און געקוקט אויף דער בעל־הביתטע, וואָס האָט זיך דערנענטערט, געגאַנגען מיט דער לאָנקע, גע־גאַנגען צו אים.

אַ הויכע, די ליכטיקע האָר איבער די נאַקעטע, אַקסלען, די אויגן ווי ביי אַ נאַכט־וואַנדלערין און די לעבעדיקע נאָז־לעכער, ווי ביי אַ יונגער קאָבילע, ווען זי דערהערט דעם רוף פון אַן אָגער.

פיליפ האָט געלאָזט די לאַמטערנע הינטער דעם באַרג מיסט און ער איז איר אַנטקעגן געגאַנגען. זיי האָבן זיך אַ וויילע אָנגעקוקט. די פרעמדקייט איז נישט געוואָרן, ווי זיי וואָלטן זיך יאָרן געקענט, געוואַרט איינער אויפן צווייטן.

זיי זענען געשטאַנען הויכע, מיט אָפענע פנימער, אויגן גוטע, לייבער בויגיקע, און דער קוש אויף די ליפּן איז געלאָפן פון אים אין איר, טיף, טיפער, זיך געדרייט פון איינעם אין אַנדערן, ווי ער וואָלט משוגע געוואָרן. און די שנעלקייט איז געוואַקסן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ראָד, מיטגעשלעפּט די לייבער, זיך געריעהלט פון איי־נעם אין צווייטן און אויפגעלויכטן אין דער נאַכט.

און אַז די העלקייט איז טונקעלער געוואָרן, האָט רחל זיך אויס־געגלייכט, אים אַרומגענומען ווי אַ ברודער און זיך געבעטן:

— נאָך היינט גיי אַוועק פון דאַנען.

— פאַרוואָס ?

— כ'האָב שוין מער נישט, וואָס צו געבן דיר.

— כ'וויל נישט מער !

— כ'בעט דיך, גיי, און אויב ס'קומט דיר געלד, זאָג, וועל איך דיר אַרויסטראָגן.

זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ביז ער האָט זיך אָנגעטאָן, גענומען זיין פעקל, און אַז ער האָט זיך געלאָזט מיט די פעלדער איז זי שטיל אַריין אין הויז.

דער מאַן האָט זיך אַוועק געטאָן פון רחלס שווערע טריט. גע־פונען אַרום זיך אַ ליידיגקייט, האָט ער זיך אויפגעזעצט און זי דערזען:

— וואו שלעפסטו זיך אַרום ביי נאַכט?

זי האָט נישט געענטפערט, איז אַריין אין בעט, זיך גערוקט צום פּאָרענטש, נישט פאַרטראָגן זיין לייב, און אַז ער איז איינגעשלאָפן, איז דער שטח צווישן אים און איר געוואַקסן, נישט אַריינגעלאָזט אים אין איר וועלט.

# אויסגעלאַכענע

דאָס הויז האָט געלעבט מיט חיהלען. טאַטע־מאַמע, צוויי עלטע־רע שוועסטער, אַלע האָבן זיך געשפּיגלט אין איר, זיך איבערגענומען, וואָס חיהלע איז די בעסטע אין גימנאַזיע, וואָס די באַלעבאַטישע קינדער חברן זיך מיט איר.

טאַטע־מאַמע זענען פאַר דער מלחמה געווען מאַכערס ביי „נאַ־טשאַלסטווע". זיי האָבן באַפרייט פון מיליטער, געהאָלפן שוואַרצן די גרענעץ. און ניט אַזוי דער טאַטע, ווי די מאַמע. וואו קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן, אַפילו געלט ניט, איז געגאַנגען די בלאָנדע מרים און געפּועלט. די גרענעץ־שטאָט, וואָס איז יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אָנגעקומען צו „נאַטשאַלסטווע", האָט ניט נאָר פאַרקוקט מרימס חטאים, נאָר זיך געגרויסט מיט איר, איבערדערציילט און אָנגעקוואָלן פון אירע שפּיצלעך.

מיט דער מלחמה איז דאָס הויז אַראָפּ פון דער גדולה. און וואָס די שטאָט האָט ניט געגעבן, איז ניט געווען. דאָס האָט אָנגע־האַלטן איבער אַ יאָר. ווי נאָר דער דייטש איז אַריין, איז דאָס הויז צוריק אויפגעריכט געוואָרן.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך מער ניט געמישט, געשטאַנען אָן אַ זייט, זיך צוגעקוקט ווי די עלטערע צוויי שוועסטער, בלאָנדע מיידלעך ווי די מוטער, פירן דאָס רעדל אין שטאָט. האָט אַ ייד געדאַרפט אַן ער־לויבניש צו פאָרן נאָך וואַרשע, האָט איינער געהאַט אַ פּראָצעס — מיט יעדער צרה איז מען געקומען צו די מיידלעך, און זיי האָבן אַלץ גע־פּועלט ביים דייטש.

אַז די שטאָט האָט זיך גענומען צו די אויסגעלאַסענע מיידלעך, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין עפענען טיי־שטובן —,

האָט מען די צוויי בלאָנדע אַרויסגעלאָזט פון חשבון, ווי אַמאָל זייער מוטער. די שטאָט האָט זיך געגויטיקט אין זיי, געזען אַ גרויסקייט, וואָס דאָס גאַנצע הויז שפיגלט זיך אין חיהלען, היטן זי אָפּ, זי זאָל ניט גיין אין די שוועסטערס דרכים, און ניט איינמאָל געלאָזט פאַלן אין דער שטיל אַ וואָרט:

— דאַרף מען מער ווי אַזאַ טאַטע־מאַמע, אַזעלכע שוועסטער, און דווקא צווישן אַזעלכע לייט זאָל וואַקסן אַזאַ געראָטן מיידל, ווי חיהלע.

און חיהלע איז ניט נאָר געווען די געראָטנסטע, נאָר די שענסטע אין שטעטל.

אַ הויכע, אַ בלאָנדע, פיס דינע, און דאָס ליכטיקע פּנים מיט זומער־שפּרענקלעך, ווי אַ פאַרזייט פעלד מיט גריקע, און אַז זי האָט געשמייכלט. און געשמייכלט האָט זי שטענדיק, האָבן אירע ווייסע ציין ניט געלאָזט איינשטיין, געצויגן ווי אַ האַלב־צייטיק פעלד מיט תבואה, וואו עס ווילט זיך איינגורען דאָס פּנים אין דער קילער וואַרעמקייט.

חיהלע איז געווען דאָס שיינדל פון דער משפחה, וואָס האָט מיט איר ליכט פאַרשאָטנט די אויסגעלאַסנקייט. אין איר געגנוואַרט האָבן די שוועסטער ניט דערציילט וועגן די „גליקן“, וואָס האָבן זיך זיי יעדן טאָג געטראָפן, זיך געהאַלטן באַשיידן, כמעט געשוויגן. און זייטיקע מענטשן האָבן מער אין דעם „הויז“ קיין חטא ניט געזען — חיהלע האָט אַלץ פאַרשטעלט.

בלויז דער געשטופלטער שלמה, דער בלעבאָס פון אַ פריילעך הייזל, האָט געטראָגן אַ באַהאַלטענע שנאה. ער איז געווען זיכער, אַז די צוויי שוועסטער האָבן ביי אים צוגענומען די רייכסטע געסט, מורא געהאַט, אַז ווען די דריטע, די שענסטע, וועט אונטערוואַקסן, וועט ער מוזן צומאַכן דאָס הייזל.

ער האָט געהאַלטן חיהלען אויפן אויג, געוואוסט יעדן טריט אירן. איר נאָכגעגאַנגען טעג, וואָכן, חדשים, און מיט דער עקשנות פון אַ וואָלף, וואָס מאַטערט אויס אַ שטאַרקערע חיה, מיט דער זעלבער געדולד האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף דעם מיידל.

טעג איז ער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דעם אייזערנעם קלויסטער־פּלויט, וואָס קעגנאיבער חיהלעס פענסטער, דאָרט געדרעמלט, און

פון אונטער די שיטערע ברעמען האָבן זײַנע קלײנע אויגן געזען יעדן קער אירן און אין זײַן טעמפּן מוח האָט געפּעמפּלט אַ בייזער געדאַנק.

זײַנע פּלענער האָט ער קײנעם ניט פאַרטרויט. זיך געשאַרט מיט זיי הינטער פּלויטן, הינטער שטומע ווענט, און וואָס טיפער זײַן בויך איז אײַנגעפאַלן, זיך קוים געהאַלטן אין די ווײַסע, געקעסטלטע הויזן, אַלץ שטאַרקער האָט זיך צעשרפּעט אין אים די שנאה צו חיהלען.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען, געוואוסט די סטעזשקע צווישן דער צײַטיקער תבואה, וואו זי שפּאַצירט, געווען זיכער, אַז הײַנט־מאָרגן וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט, מוז זיך מאַכן, און עס האָט זיך געמאַכט.

חיהלע האָט באַגעגנט אירן אַ לערער, אַ יונגנמאַן מיט אַ שויבער האָר, ווי אַ צעוואָרפּענע נעסט פון פייגל. זײַן ווײַסער, לײַוונטענער אַנצוג, אַ פריש געוואַשענער, האָט געשימערט צווישן די זאַנגען.

— חיהלע גייט אַליין צווישן די תבואות?

— כ׳גיי שטענדיק אַליין.

— און חיהלע האָט ניט מורא?

— פאַר וועם?

— ווען מיר שפּאַצירן צוזאַמען.

— גוט!

זי איז געגאַנגען פאָרויס איבער דער שמאָלער סטעזשקע, נאָך איר. דער שײַנער, דינער פוס האָט געשפּרייזט זיכער. זיך געבויגן אונטערן לײַכטן קליידל, וואָס האָט זיך געפּאַלבעט, אָפּגעדעקט אַ ווײַס שפּיצל.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט, די זאַנגען זענען זין צונויפגעקומען פון ביידע זײַטן פעלד, פאַרשטעלט די זון, און אונטן בײַ די וואָרצלען, וואו דער שאָטן איז טיפער, האָבן זיך געצויגן וועגעלעך. שמאָל ווי רינעס, מיטגעבראַכט ריחות פון קאָרן. גריקע, היי — יעדער ריח איז געקומען מיט אַן אַנדער אונטערוועגל.

דער יונגער לערער האָט געקוקט אויף זײַן שילערין מיט פאַר־ליבטע אויגן, גערעדט וועגן לעקציעס, וועגן די עקזאַמענס, און פון מאָל צו מאָל זענען ווערטער, זײַטיקע ווערטער, אַרויס בײַ אים פון מויל. די ווערטער האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די זאַנגען, געלאַכט פון

דעם יונגנמאַן, דערציילט דער בלאָנדער חיהלען אַ סוד, וועלכן דער לערער האָט שוין ניט געקאָנט צוריקכאַפּן. און וואָס שטאַרקער ער האָט זיך גענומען יאָגן נאָך די אייגענע ווערטער, אַלץ מער האָט ער זיך אַרויסגעגעבן, דערציילט זאַכן, וואָס ער האָט געדאַרפט האַלטן אונטער זיבן שלעסער, און די ווערטער, פאַרשייטע, האָבן זיך געטראָגן איבער די קעפּ, ווי די קאָלירטע זומער־פייגעלעך. און חיהלע האָט געלאַכט, געלאַכט מיט די ווייסע ציין, מיט די זומער־שפּרענקלעך, זיך געוויגט ווי אַ פעלד מיט גריקע.

דער געשטופּלטער שלמה האָט זיך געגנבעט מיט אַ זייטיקער סטעזשקע. און אַז ער איז צוגעקומען קעגנאיבער דאָס פּאָרל, האָט ער איינגעצויגן דעם פּאַסעק איבער די לויזע הויזן, אַ שווים געטאָן אי־בער דער בייט מיט זאַנגען, זיי אַוועקגעלייגט פוןביידע זייטן ווי מתים און איז אַרויף מיט די פויסטן אויפן לערער.

זיינע קורצע שטאַרקע הענט האָבן געקנאָטן דעם איבערגעשראָ־קענעם לערער, געהאַמערט פון אַלע זייטן, געסאָפּעט:

— איך וועל צאָלן אַ „פּאַטענט״, שטייערן וועל איך צאָלן, ז־ך אויסקוקן די אויגן פאַר אַ „גאַסט״, און איר, חסידישע טעכטער, וועט זיך אַרומשלעפּן אין תבואות... ניין, כ׳וועל עס ניט דערלאָזן. דער געשטופּלטער שלמה וועט עס ניט דערלאָזן...

און ער האָט זיך ווידער געוואָרפן אויפן לערער, אויף חיהלען, זיי געיאָגט אין שטאָט אַריין.

אַן עולם האָט זיך געקליבן. מען האָט געשאָקלט מיט די קעפּ כמעט ניט גערעדט, געטריבן די קינדער אין די שטובן, זיי זאָלן ניט הערן דעם געשטופּעלטנס קולות.

— כ׳האָב זיי געכאַפּט, ווי מיר האָבן אַ גאָט אין הימל, כ׳האָב זי געכאַפּט, די צנועה...

די שטאָט־בעלעבאַטים האָבן זיך געשעמט איינער פאַרן צווייטן, ווי עס וואָלט ניט פּאַסירט מיט חיהלען, נאָר מיט אַן אייגן קינד. און כאָטש אַלע האָבן געטענהט, אַז עס איז אַ בלבול, האָט מען פונדעסט־וועגן מער ניט געלאָזט זיך חברן מיט איר.

1925

# קבר־ישׂרא

באַלד אין דער פרי האָבן צוויי דאָקטוירים געהאַלטן אַ קאָנסיליום און ביים אַוועקגיין עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— קרופּ האָט זיך צוגעטשעפּעט!

דער טאָג האָט זיך געצויגן, געצויגן, דערנאָך איז געוואָרן נאַכט, זיך געשלעפּט אָן אַ סוף. טאַטע־מאַמע זענען געזעסן פון ביידע זייטן בעטל, אומבאַהאָלפענע. געקוקט ווי זייער פיר יעריק ייִנגל מאַטערט זיך, ווי דער מלאך־המות האָט זיך פאַרקליבן צום נפשל אין האַלז אַריין, פייניקט עס, שטיקט אָן אויפהער, אַז ס'קינד האָט שוין קיין כּח ניט צו כאָרכלען.

דער פאָטער מיט פאַרבראָכענע הענט אויף דער פאַרלייגטער קני האָט געקוקט פאַר זיך אין חלל אַריין, און, דאַכט זיך, גאָרניט געזען. דער מוטער האָט זיך עפּעס ניט געגלויבט, אַז דאָס אויסגעצערטע נפשל מיט די גרויסע אויגן, מיטן צעקנייטשטן פּנימל, ווי ס'וואָלט ניט געווען אַ קינד, נאָר אַן אַלטיטשקער, איז איר ייִנגעלע און איז פון מאָל אַ פאַל געטאָן איבערן בעטל, גענומען קושן דעם קינד די הענט, די אויגן און שטול געוויינט:

— בן־הלל, שוועלבעלע מיינס, נשמה מיינע, וואָס איז דיר? זאָג דער מאַמען!

דאָס קינד האָט ניט געענטפערט, ניט געוואוסט, וואָס מען רעדט צו אים. די גרויסע שוואַרצע אויגן זענען גרעסער געוואָרן, די פאַרברענטע ליפּן האָבן זיך באַוואויגן, דערמאָנט נעמען פון שכנישע קינדער, ווי דאָס ייִנגעלע וואָלט ניט געלעגן אַ קראַנקער, נאָר געלאָפן אין גאַס מיט די חברים און זיך געשפּילט.

נאַ־טאָג האָט זיך די מוטער אַ וואָרף געטאָן מיט ניט קיין מענטשישע קולות אויפן בעטל. דער פאָטער האָט זיך אויפגעשטעלט,

געקוקט אויפן זון, געטראַכט, אַז מען דאַרף אַוועקנעמען די מוטער, זי געלאָזט ווייטער איינרייסן און אַליין איז ער געבליבן שטיין ביים פאַרווייינטע אויגן ביים פענסטער.

דער טויט האָט געשפּינען זיין קלאָגליד, געשפּינען, האָבן שכנים זיך געוועקט אין די קליינע ליימענע הייזלעך, אומבאַהאָלפענע זיך גענומען פרעגן איינער ביים צווייטן, געוואָלט וויסן, פון וואַנען די קלאָג טראָגט זיך. און אַז זיי האָבן אויסגעפונען, אַז ביי דעם עוכר־ישראל, וואָס רעדט ניט אַנדערש ווי „לשון קודש", איז געשטאָרבן דאָס ייִנגעלע, האָבן זיי אין דעם געזען גאָטס שטראָף און זיך איבער־געוואָרפן:

— מיר האָבן אַ בורא, האַ?

אין די אַכציקער האָט דער ישוב אין ירושלים הלל אָנגעטאָן געברענטע צרות. די יידן האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן צווישן זיך אַ גלות, וואָס טראָגט גוישע קליידער, איז מחלל שבת בפרסיה און רעדט דווקא „לשון־קודש". זיי האָבן געזען בית־דין זאָל נאָך אים שיקן. הלל איז געקומען פון אַקער אַן אויסגעשמירטער מיט פאַרקאַ־שערטע אַרבל, געטענהט, אַז ירושלימער יידן, וואָס לעבן פון „חלוקה", וואָס וויינען גאַנצע טעג ביים כותל־מערבי, זענען געגליכן צו די יוצאי־מצרים, וואָס דאַרפן אויסשטאַרבן. ניט זיי וועלן בויען דעם ישוב! דער יונגער דור, וואָס וועט צעאַקערן די שטיינערנע ערד אַרום דער כותל מערבי און אין דער וואַנט בלויז זען אַ מצבה, ער וועט בויען ס'לאַנד.

בית־דין האָט אים ניט געלאָזט ווייטער רעדן, געהויבן די הענט:

— ווי צו די אויערן, וואָס הערן דאָס!

זיי האָבן געסטראַשעט, אַז קיין ייד וועט ניט האָבן מיט אים קיין מגע ומשא און אַז ער וועט ניט תשובה טאָן, וועט מען אים לייגן אין חרם. קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. ביסלעכווייז האָט הלל צוגעצויגן צו זיך דאָס יונגוואַרג, זיי אַראָפּגעפירט פון וועג און בית־דין האָט אים געלייגט אין חרם.

די שכנים האָבן געזען אין קינדס טויט אַן עונש פון גאָט. מיט די טלית־זעק האָבן די מאַנסבילן זיך געלאָזט אין די בתי־מדרשים

און די ווייבער וואָס האָבן געוואוסט, אַז הלל שוועל איז טרייף ווי חזיר, זענען פונדעסטוועגן אונטער דער שרעק פון טויט ווייכער געוואָרן און אײנציקווייז זיך גענומען ארײנשאַרן. זיי זענען געבליבן אַ ווײַלע שטיין ביי דער טיר, זיך געווישט די אויגן, מיטגענומען מיט זיך הללס זיבן יעריק מיידעלע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעלע, ניט געוואוסט צי זי דאַרף יאָ ווײנען, צי ניט. אונטער די קולות פון דער יונגער מוטער האָבן די שכנות זיך גערוקט נענטער, אָפּגעהויבן דאָס קינד אויפן דיל, אָנגעצונדן ליכט און אָנגעהויבן קלאָגן.

הלל איז אַריין צום גבאַי פון דער חברה־קדישא, וואָס איז געזעסן איבער חשבונות און אָנגעהויבן אין העברעאיש:

— אַ קינד איז ביי מיר געשטאָרבן...

דער גבאי האָט אויפגעהויבן זיינע גרויסע ברעמען, דערזען הללן, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער באָרד, ווי ער וואָלט געזאָגט — אָ, דו ביזט עס — און זיך אָנגערוכצן אין אַ צעצויגענעם פוילישן יידיש:

— אָן אַ קוויטל פון בית־דין וועט מען עס ניט קענען מקבר זיין!

— בית־דין וועט מיר ניט געבן קיין קוויטל!

— כ'קען גאָרנישט העלפן! — האָט דער גבאי אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? — האָט הלל גענומען גיין איבערן צימער.

— גייטן אַריבער צום בית־דין. איר וועט נעמען אויף זיך אַ תשובה... מיר זענען דאָך עפּעס רחמנים בני רחמנים... — האָט דער גבאי אים געטרייסט.

הלל איז כמעט געלאָפן, זיך געוואונדערט וואָס קיינער שטעלט אים ניט אָפּ, זיך מיטאַמאָל דערפילט אין אַ פרעמדער שטאָט, איינער אַליין און וואוהין גייט ער?

דער רב, וואָס איז געזעסן מיט צוויי דיינים, האָט אים אויסגעהערט און נאָך אַ ישוב־הדעת זיך אָנגערופן:

— אויב וועסט מיר געבן תקיעת־כף, אַז פון היינט אָן וועסטו

תשובה טאָן, וועסט אויפהערן אַראָפּצופירן יונגע־לייט פון דרך התורה, וועל איך ערלויבן מען זאָל ברענגען דיין זון צו קבר ישראל.

אַלץ אין הללן האָט זיך געקאָרטשעט פון ווייטאָג. ער האָט אָנ־געשפּאַרט די האַנט אויף דער וואַנט, דעם קאָפּ אָן דער האַנט און זיך שטיל צעוויינט. באַלד האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אָנגעקוקט אַ ווײַלע דעם רב און זיך איבערגעפרעגט:

— וועט איר ניט לאָזן אַ יידיש קינד ברענגען צו קבר ישראל?

— אויב וועסט ניט תשובה טאָן — וועל איך ניט לאָזן!

הלל האָט זיך אַ בויג געטאָן, ווי מען וואָלט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שטעקן איבער די פּלייצעס, זיך אַרויסגעשאַרט, זיך געשלעפּט איבער די ענגע געסלעך און זיך ניט געקענט קלאָר מאַכן, וואָס דאָ האָט פּאַסירט. און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אָנגעכאַפּט דעם פאָדעם, געוואָלט פאַנאַנדערוויקלען דעם פאַרפּלאָנטערטן קנויל, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיין יינגעלע איז טויט, זיך שטום צעשריען און אַ צע־ווייטאָגטער זיך ווייטער געשלעפּט. מיטאָג־צייט איז ער געבליבן שטיין פאַר זיין הויז, געקוקט אויף די יידן, וואָס לויפן הין און צוריק, ניט געזען קיין שייכות צווישן אים און זיי און דערפילט, אַז מיטן טויט פון זיין זון ווערט ער אַן אמתער תּושב, דער ערשטער יידישער תּושב אין ירושלים. גוט. ער וועט אים מקבר זיין, אָט דאָ, אויף זיין נחלה, און דער יונגער קבר וועט זיין אַ צייכן צווישן אים און דער הייליקער ערד, אַז ער וועט זי קיינמאָל ניט פאַרלאָזן.

הלל האָט אויסגעזוכט אויפן פעלד אַ צעצווייגטן בוים און גע־נומען גראָבן הינטער אים אַ קבר. און אַז עס איז נאַכט געוואָרן, האָט ער אָנגעטאָן דעם יינגעלע די תּכריכים, וואָז די שכנות האָבן אויפ־גענייט און זיך געלאָזט מיטן בר־מינן אין דער פינסטערניש. די מאַמע איז נאָכגעגאַנגען און אין דער שטילער נאַכט האָט דער טויט געשפּינען זיין קלאָג־ליד. געשפּינען, האָבן זיך געעפנט טיר און פענ־סטער און פאַרוויינטע שכנות מיט פאַרבראָכענע הענט האָבן געזען ווי טאַטע־מאַמע, געבויגענע, זענען געשטאַנען איבערן אָפענעם קבר.

1923

# אַן אַמעריקאַנער

אין אַ צעהוּיקערט שטיבל, וואו טיר און פענסטער זענען גע־שטאַנען אָפן, איז געזעסן לאה די מלמדקע איבער אַ זעקל אַרבעס און מיט אַ קלימפּער געוואָרפן די ווערעמדיקע אין אַ בלעך אַריין. איבערן שטיבל איז געשטאַנען אַ זשומעריי און ס׳איז שווער געווען צו זאָגן, צי דאָס איז פון די פליגן, וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבער די ווענט, ווי שווארצע פלאַכטעס, צי פון דעם ניגונדל, וואָס די מלמדקע האָט זיך צוגעברומט.

יונגע, איבערגעוואַקסענע מיידלעך, מיט באָרוויסע פיס, שוואַרץ איבערן די קנעכלעך, זענען געשטאַנען מיט זייערע סדורים גרייט אַרומצוגיין, געזוכט אין דעם זעקל מיט אַרבעס און די שאַרפע ווייסע ציין האָבן מיט אַ קנאַק געביסן איין אַרבעס נאָך דער ווייטער.

— גייט שוין, מוידן, גייט, איר וועט דאָך מיר אויפעסן אַלע אַרבעס! — האָט די מלמדקע זיי אָפּגעטריבן פון זיך.

— נאָך איינע, רביצין!

— נאָך איין אַרבעסל!

— נו, גייט שוין — האָט די רביצין זיך אַ שטעל געטאָן מיט די לעדערנע לאָקשן ביי דער טיר, געוואַרט די מיידלעך זאָלן אַרויסלויפן.

דער רביצינס טאָכטער, אַ באָרוועסע, אַ צעפּלאַמטע מיט אַן אריבער־געוואָרפענעם צאָפּ, איז אַריינגעפאַלן אָן אַן אָטעם און גענומען איינ־רוימען דער מוטער:

— מאַמע, אַן אַמעריקאַנער..

— וואָס?

— אַן אַמעריקאַנער זוכט אונז. זאָגט, ער איז אַ שרייבער.

— אַן אַמעריקאַנער!

אין דער טיר איז געשטאַנען אַ מאַן אין די דרייסיקער, אָן וואָנצעס. ער האָט געהאַלטן דעם קאַפּעלוש אין דער האַנט און זיך געווישט דעם נאַסן שטערן.

די רביצין האָט פון איבערראַשונג געעפנט מויל און אויגן, זיך געכאַפּט, אַז די מוידן שטייען נאָך, האָט זי זיך פאַרמאַסטן מיט די לעדערנע לאָקשן:

– גייט שוין, אַ גוט יאָר אויף אייך. – די מיידלעך ווי איבער־געשראָקענע גענז, האָבן זיך געפּלאָנטערט אין דער טיר און זיך צעשאָטן מיט אַ געלעכטער איבערן הויף.

– איר לערנט מיט קינדער? – האָט דער פרעמדער געפרעגט.

– יאָ, הערעלע.

– און דער מאַן אייערער?

– מיין מאַן איז אַ וואַסערטרעגער.

– פאַראַן נאָך יידן וואַסערטרעגער.

– זעט איר, הערעלע, די פּרנסה האָט שוין לאַנג געמעגט ליגן אין גויאישע הענט.

זי האָט מיטן שפּיץ פאַרטוך אָפּגעווישט אַ בענקל און עס צו־גערוקט צום פרעמדן:

– זיצט.

די טאָכטער האָט זיך דערווייל פאַרקליבן הינטער דעם זעקל, געניסטערט מיט די פינגער צווישן די אַרבעס און אירע אויגן, גרויסע, ווייכע, האָבן זיך געפּלאָנטערט אין דעם פרעמדנס קליידער, און זיינע האָר, געווען גליקלעך, וואָס ער רעדט צו דער מאַמע, נישט צו איר.

– אייער טאָכטער האָט מיר געזאָגט – האָט דער אַמעריקאַנער זיך אַ דריי געטאָן צו דער מוטער – אַז איר קענט דערציילן שיינע מעשיות.

– ווער קען דאָס נישט דערציילן קיין מעשיות? – האָט די יידענע קונציק איינגעצויגן דאָס דריי־עקיקע טיכל אַרום דעם פּנים.

– נישט יעדער, מומעשי.

– אַז מ׳האָט אַ פרייען קאָפּ, נישטאָ קיין דאגת פּרנסה...

– כ׳מיין נישט בחנם, מומעשי.

– וואָס בחנם?

— כ'וועל אייך צאָלן פאַר יעדער זאַך, וואָס איר וועט דער־צײלן.

— וואָס? — האָט זי זיך אַ רוק געטאָן צום אַמעריקאַנער, גע־וואָלט זיך קלאָר מאַכן, צי ער איז נישט חסר־דעה.

— יאָ, מומעשי, לאָמיר זאָגן צוויי דאָלאַרס פאַר אַ דערציילטער מעשה, וועט זײַן גענוג?

— איר לאַכט פון אונז, הערעלע.

— כ'מיין מיט אַן אמת.

— ביי אייך אין אַמעריקע איז דאָס אויך סחורה?

— וואָס אַרט עס אייך, מומעשי, איר קריגט צוויי דאָלאַרס או־אויב די דערציילונג וועט מיר זייער געפעלן קריגט איר דריי. נאָכן אָונטברויט וועל איך אַריבערקומען. איר וועט דערציילן און איך וועל פאַרשרייבן, דאָ האָט איר צען דאָלאַרס האַנטגעלט, אַז כ'וועל קומען.

בשעת דער אַמעריקאַנער האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש די צען גילדן, האָט זיך אין דער אָפענער טיר באַוויזן אַ ברייטביינעקער יונג אין אַ פאָר שווערע שטיוול. ער איז אַריינגעקומען אָן אַ גוט־מאָרגן מיט חשד האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן פרעמדן, אויף דער טאָכטער, וואָס איז געזעסן אַ פאַררויטלטע, אויף די צען גילדן.

— דאָס איז מיין טאָכטערס חתן — האָט די מלמדקע געוויזן אויפן יונג.

— זי איז שוין ביי אייך אַ כלה?

— אַ כלה, געלויבט השם יתברך!

— מיט וואָס באַשעפטיקט זיך דער חתן?

— אויף אַ וואַסערטרעגער.

דער אַמעריקאַנער האָט אָנגעטאָן דעם קאַפּעלוש:

— וועל איך זיין נאָך אָונט־ברויט.

— גוט, הערעלע.

אַז דער פרעמדער איז אַרוים, האָבן מאַמע־טאָכטער זיך גע־כאַפּט פאַר די הענט פאַר פרייד:

— וואָס זאָגסטו צו אַזאַ משוגעת!

דער יונג האָט זיך מיט אַ וואָרט ניט אָנגערופן, געקוקט בייז אויף דער מחותנתטע. ער איז צוגעגאַנגען צו דער כלה:

— שרה, וואָס פאַר אַ געלט ליגט אויפן טיש?

— דאָס האָט מיר דער אַמעריקאַנער אַ מתנה געגעבן, — האָט שרה געשטראַלט אינגאַנצן.

— פאַרוואָס עפּעס דיר?

— ווייל כ'בין אים געפעלן

— מיר ווייסן, שרה!

— וואָס ווייסטו?

— די פאַרשוינען קענען פאַרפירן אויך!

— און דו, וועלוול, האָסט שוין מורא!

ער האָט זיך געדרייט איבער דער שטוב, עטלעכע מאָל געכאַפּט אַ פּולע האַנט מיט פליגן, וואָס האָבן געשטעקט צווישן די פינגער, זיי געשליידערט דורכן פענסטער און איז אַרויס אַ ברוגזער.

אין אָוונט האָט דער וואַסערטרעגער, אַ ייד, וואָס איז ברייטער ווי העכער, אַ קוש געטאָן די מזוזה, אַוועקגעשטעלט די אַקסל־שטאַנגען, נישט געקוקט אויפן אַמעריקאַנער און זיך גענומען וואַשן די הענט. דער חתן האָט זיך נאָכגעשאַרט, געמאַכט עטלעכע טריט און געבליבן שטיין ביים אויוון מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס.

— דאָס איז מיין מאַן — האָט ס'ווייב אים פאָרגעשטעלט פאַרן אַמעריקאַנער.

— שלום עליכם — האָט דער וואַסערטרעגער אויסגעשטרעקט אַ שווערע, צעווירענע האַנט, אַריינגענומען דעם פרעמדנס ווייכע, אייד־דעלע, זי געהאַלטן ווי אין אַ קלעם און גלייך אויסגעשאָסן — נישט אין דער ריכטיקער טיר האָט איר אָנגעקלאַפּט, פעטער!

— וואָס מיינט איר? — האָט זיך דער אַמעריקאַנער פאַרלוירן.

— מיר זענען פּשוטע מענטשן, קליינשטעטלדיקע... איך בין אַ וואַסערטרעגער — האָט ער צענומען די הענט, געוויזן אויפן ברייטן גוף זיינעם, וואָס איז ברייטער געוואָרן — מיש זיך אין קיינעמס געשעפטן, ווייל איך מען זאָל זיך אין מיינע אויך ניט מישן.

— ווער מישט זיך דען אין אייערע געשעפטן? — האָט דער אַמעריקאַנער געפרעגט.

— אפילו אירן

— איך?

— איך בין שוין אַ ייד אַ פופציקער, איך האָב נישט געהערט, מען זאָל פּאָר דערציילעכצן צאָלן געלט... אַז אַ ייד צאָלט געלט און דערצו נאָך אן אַמעריקאַנער, האָט ער עפּעס אַ מיין...

— וואָס פעלט אייך איין?...

— וואָס איר הערט — האָט דער וואַסערטרעגער אים איבערגע־ריסן — כ'בין אַן אָרימאַן, האָב צו קיינעם קיין תרעומות און וויל נישט, מען זאָל אויף מיר רחמנות האָבן... מיין טאָכטער, זאָלט איר וויסן, איז אַן אָרנטלעך מיידל. נישט פון די אַרומלויפערקעס...

און איידער דער אַמעריקאַנער איז געקומען צו זיך פון אַזאַ ברוך־הבא, האָט דער וואַסערטרעגער זיך אַ דריי געטאָן צו די פרויען:

— שרה, לאה, וואו ס'געלט, וואָס דער אַמעריקאַנער האָט אייך געגעבן?

— משוגע! — האָט ס'ווייב אַ כאַפּ געטאָן די הענט פּאָדבאָקעס.

— אַזוי וויל איך, לאה — און די באָרד האָט זיך ביי אים צע־כמאַליעט ווי אַ בעזים.

דאָס ווילדע פּנים זיינס האָט אַזוי געווירקט, אַז לאה האָט גלייך אַרויסגענומען פון בוזים די צען גילדן. דער וואַסערטרעגער האָט זיי געשטעקט דעם אַמעריקאַנער אין דער האַנט אריין און די אויגן, מורא־דיקע, באַברעמטע האָבן געטריבן דעם פרעמדן צו דער טיר, נאָכ־געשריען:

— מיר זענען פשוטע מענטשן, קליינשטעטלדיקע... מישן זיך אין קיינעמס געשעפטן, ווילן, אַז מען זאָל זיך אין אונזערע אויך ניט מישן.

# איז אויטאָמאָביל

אומערוואַרטעט האָט זיך קריסטל באַוויזן אין דעם קרייז פון דער יונגער אַלמנה אָרוויט. ער איז געווען אַ הויכער, אַנגעטאָן ווי אַן שנײַדער, מיט אַ פּנים פון אַן אַקטיאָר, וואָס שפּילט טראַגישע ראָלן.

דאָקטוירים, אינזשינערן, אייגנטימער פון הייזער, — די אַלע וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דער יונגער רייכער אַלמנה — האָט דער פרעמדער פון ערשטן טאָג אָן אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט.

אַלע האָבן גערעדט וועגן קריסטעלן. זיין אויטאָמאָביל, אַן איטאַליענישער, איז פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט געשטאַנען פאַר דער יונגער אַלמנהס הויז און אַרום דעם שאָפער, דעם איינציקן נעגער אין גאַנץ וואַרשע, האָבן זיך געקליבן דורכגייער.

גענוי, ווער קריסטל איז האָט קיינער נישט געוואוסט. מען האָט געשמועסט, אַז ער איז אַ מיליאָנער, וואָס האָט הייזער אין בערלין, אין דאַנציג, פירט געשעפטן מיט דער פוילישער מלוכה, זיינע פערסישע דיוואַנען באַטרעפן אַ האַלבן מיליאָן.

ער האָט וועגן זיך ווייניק גערעדט, כמעט געשוויגן. די נייעס זענען געקומען פון שאָפער, פון זייטיקע מענטשן, זיך געטראָגן מיט דער לופט און זיין עשירות איז זיך צעוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

איינציקווייז האָט ער אַרויסגעשטופּט די קאָנקורענטן, וואָס האָבן זיך געשדכנט צו מאַדאַם אָרוויט, וועמעס הויז איז ווערט געווען אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר.

ער איז געבליבן דער איינציקער.

וועגן דער אַלמנהס רייכקייט האָט מען אויפגעהערט צו רעדן. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָס אין פאַרגלייך מיט קריסטעלס עשירות? אַלע האָבן גערעדט וועגן דער אַלמנהס שיינקייט. און שיין איז זי געווען. אַ הויכע, פיס דינע, ס׳קעפּל אַ געטאָקטס אָן אַ זייט און אין איר

גאַנצער רירעוודיקייט — אַזאַ פולקייט, וואָס שטעקט אָן, לאָזט נישט פאַרבייגיין, און מען מוז איר נאָכקוקן.

און אַז מען געפינט זיך ביי מאַדאַם אָרוויט אין זאַל, פאַרגעסט מען אָן איר שיינע פנים, מען זעט נישט מער ווי פיס, דינע, לאַנגע פיס. וואָס ענדיקן זיך נישט, פאַרלירן זיך ערגעץ אין די טיפענישן פונם קורצן קליידל און דאָס נישט דרייסטע מאַנסבילשע אויג, וואָס מיידט אויס צו קוקן אַהין, בלאָנדזשעט דווקא אין דער שוואַרצקייט פון די זאָקן.

די צימערן אין האָטל בריסטאָל, וואו קריסטל איז זעלטן געשלאָפן, האָט ער אָנגעהאַלטן. טעלעגראַמעס פון אויסלאַנד זענען געקומען יעדן טאָג. לאַנגע, כמעט בריוו, אָפגעקאָסט אַ פאַרמעגן. ער האָט זיי נאָכלעסיק געעפנט, ווי ס׳גאַנצע עסק וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען. און מיט דערזעלבער רוהיקייט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אָנצורייבן אַ שוועבעלע, האָט ער געענטפערט אויף די טעלעגראַמעס.

וועגן געשעפט האָט ער זעלטן גערעדט מיט מאַדאַם אָרוויט ווען־נישט־ווען געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז מאָרגן וועט ער נישט עסן ביי איר קיין מיטאָג, איז פאַרבעטן צום האַנדלס־מיניסטער.

אירע שיינע פיס זענען דאַמאָלט נישט איינגעשטאַנען, זיך געטראָגן איבער דעם קאָלירטן דיל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיק שאַך־ברעט און אין די שטילע באַוועגונגען, אין די מאַטע זיידענע זאָקן, איז געווען די זיכערקייט, אַז קיין מאַנסביל וועט זיך פון איר נישט אַרויספּלאָנטערן.

קריסטל האָט נישט געעפנט טעלעגראַמעס, וואָס האָבן אים גערופן פון וואַרשע קיין אויסלאַנד, פאַרנאַכלעסיקט וויזיטן ביי מיניסטאָרן, פון פרי ביז שפעט איז ער נאַכט געזעסן ביי מאַדאַם אָרוויט, זיך געבעטן ביי איר.

— איר זעט דאָך, מאַדאַם, אַז איך איז פאַרנאַכלעסיק געשעפטן, לאָז דיך געלעגנהייטן, קיין זאַך גייט מיר נישט איין...

— איבער מיר, פאַניע קריסטל?

— איבער אייך

זי האָט קונציק אַ שאַר געטאָן ס׳קורצע סאַמעטענע קלייד און

די פיס האָבן זיך געצייכנט אויף דער אָטאָמאַנע ווייטער מאַכעך, קריסטלס בליק, וואָס האָט זיך מער נישט געקענט אַרויספּלאָנטערן פון, די שלייפלעך און בענדלעך, און וואָס אומרוהיקער ער איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער איז אין איר געוואַקסן די זיכערקייט.

— און צו מיינע צוויי קינדער?... — האָט זי זיך מיט אַמאָל אַ הויב געטאָן, צעלאָזן דאָס קליידל, ווי אַ פויגל די פעדערן און נישט געענדיקט.

— איר באַליידיקט מיך, מאַדאַם אָרוויט — האָט ער זיך אַ רוק געטאָן צו איר — אַלץ וואָס איז אייך טייער, איז מיר טאָפּלט טייער, ווייל כ'ליב אַייך, קען נישט לעבן אָן אייך. איר דאַרפט זען די קינ־דער זאָלן ניט קוקן אויף מיר ווי אויף אַ פרעמדן, נישט וויסן, אַז דאָס באַלאַנגט צו זיי און דאָס צו מיר. אַזעלכע באַציהונגען דעמאָראַלי־זירן. איך דאַרף זיין דער טאַטע, דער באַלעבאָס איבער אַלעס און אין דערזועלבער צייט דאַרף אויך אַלץ באַלאַנגען צו דער מאַמע, צו די קינדער.

— איר האָט רעכט, פּאַניע קריסטל.

— וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אייער הויז פאַר מיר? — איז ער געוואָרן דרייסטער — אַ סטאַוועקע אויף אַ קאָרט און פונדעסטוועגן האַלט איך, אַז עס איז נישט פּאַסיק איינצעטיילן — דאָס באַלאַנגט דעם טאַטן און דאָס דער מאַמע — ס'פאַרשאַרפט די באַציהונגען, שטערט מען זאָל זיך דערנענטערן...

— כ'בין גרייט אייך אָפּצושרייבן ס'הויז — האָט מאַדאַם אָרוויט זיך אַ שטעל געטאָן און אין גאַנצן האַלטן זיך און אין איר קול איז געווען אַ באַהאַלטענער חשד.

קריסטל האָט עס אויפגעכאַפּט און געלאַסן, מיט אַ מינע ווי ער וואָלט געעפנט אַ געשעפטס טעלעגראַמע, אַ זאָג געטאָן:

— דאָס וויל איך נישט.

זי איז געוואָרן רוהיקער, דער גלויבן אין אים זיכערער און דער פאַרלאַנג אויסצופּיינען זיך, ווען ביזט זיכער, אַז מען פאַרלאַנגט עס נישט — שטאַרקער.

— און איך וועל אייך אָפּשרייבן ס'הויז. איך וויל נישט ס'זאָל זיין מיינס־דיינס. קינדער דאַרפן זיך אין אַזעלכע זאַכן נישט מישן.

– ס׳הויז וועט איר נישט אָפּשרייבן, ס׳באַלאַנגט צו די קינדער... כ׳וויל זיך אָבער נישט פילן פרעמד אין דעם הויז, וועט איר מיר אָפּשרייבן העלפט און איך וועל אייך אָפּשרייבן העלפט פון מיין פאַרמעגן, ס׳זאָל הייסן מיר האָבן גלייכע חלקים.

מער האָט מען וועגן געשעפט ניט גערעדט. די פרייד פון אַ ניי לעבן האָט נישט געלאָזט זיך פאַרטראַכטן. זעכצן שעה אין מעת־לעת האָט דער אויטאָמאָביל געוואַרט פאַר מאַדאַם אָרוויטס הויז. מען האָט אויסגעמיטן באַקאַנטע, כמעט נישט פאַרבעטן קיין געסט און נישט מיד געוואָרן צו זיין מיט זיך.

די טעלעגראַמעס זענען געקומען אָפטער. אים גערופן אין די געשעפטן, וואָס ער האָט פאַרנאַכלעסיקט, דערציילט וועגן וואַגאָנעס תבואה, וועגן פערסישע דיוואַנען, וועגן קאָנצעסיעס, און דעם היזק האָט מען גוט געמאַכט מיט קושן, מיטן צאַפּל פון יונגע לייבער.

נאָכדעם ווי מאַדאַם אָרוויט האָט אָפּגעשריבן קריסטעלן אַ האַלב הויז און קריסטל האָט איר אָפּגעשריבן אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן, האָט דאָס יונג פּאָר פאָלק זיך אויסגעאַרבעט פּעסער און זיך געלאָזט נאָך אויסלאַנד אין קריסטעלס גיטער.

דער אויטאָמאָביל, וואָס קריסטל האָט אַרויסגעשיקט נאָך אויסלאַנד מיט אַ וואָך פריער, האָט נישט געוואַרט אויף זיי ביי דער באַן. מען איז פאַרפאָרן אין אַ האָטעל, אַלץ געוואַרט אויפן אויטאָמאָביל, מיט וועלכן מען האָט זיך געקליבן פאָרן אין די גיטער. און אַז עס זענען דורך עטלעכע טעג און די „מאַשין" איז נישט געקומען, האָט די שיינע מאַדאַם אָרוויט, מיט די נאָך שענערע פיס, זיך געכאַפּט, אַז זי איז אַריינגעפאַלן און פאַרעקשנט געשוויגן.

1924

# צווײ שוועסטער

זײ האָבן זיך ליב געהאַט, נישט געקאָנט לעבן אײנע אָן דער צווייטער, די עלטערע, רחל, איז זיך באַגאַנגען מיט דער יונגערער שוועסטער, ווי אַ מאַמע, און די יונגערע, פײגעלע, האָט זיך געשאַרט אַרום דער עלטערער, ווי אַן אײן־און־אײנציקע טאָכטער.

שטענדיק איז מען געווען צוזאַמען, זיך זעלטן צעשײדט, און אַז ס׳איז אַמאָל אויסגעקומען אײנער אַוועקצופאָרן אויף עטלעכע טעג, האָט מען זיך געשריבן לאַנגע בריף, פאַרבענקטע, ווי יונגע געליבטע.

אַזוי האָט מען זיך געשאַרט פון אײן ווינקל אין צווייטן, יעדע מיט איר שטומע ליבע צום זעלבן בחור, און אַז מען האָט זיך מער קײן אָרט ניט געקאָנט געפינען פון בענקעניש, זיך געהילט אין באַטיקשאַלן, וואָס זײ האָבן אַלײן אויסגעאַרבעט — האָט מען געלײענט צוזאַמען געהאָפטן, געמאָלן.

פאַרנאַכט, ווען די רחבת פון די צימערן האָט אָנגעהויבן אײנצולויפן, זיך געוויקלט אין דער טונקלקײט, וואָס איז געקומען דורך די פענסטער — האָבן די שוועסטער זיך פאַרקליבן אויף דער אָטאָמאַנע.

די יונגערע האָט זיך געטוליעט צו דער עלטערער. דער עלטערערס פינגער האָבן אײדל זיך געשאַרט איבער דער יונגערערס רויטלעכע פאַסמעס האָר, זיך געטוליעט אײנע צו דער צווייטער, און איבער די יונגע לײבער איז גערונען אַ פײנלעכע פרייד.

זײ האָבן כמעט געשוויגן, זיך געקוקט אין די אויגן אַרײן ווי שפילעוודיקע קעצלעך, און אַז ס׳איז געפאַלן אַ וואָרט, איז עס געווען אָפּגעהאַקט, ווי ס׳וואָלט קײן שײכות ניט געהאַט מיטן צווייטן.

- ווייסט, רחלע, אַז דוד האָט דיך ליב?

— ער האָט דיך ליבער — האָט די עלטערע איינגערוימט דער יונגערער.

— און דו אים? — האָט פייגעלע ווידער געפרעגט.

— כ'ווייס ניט.

פייגעלע האָט געוואוסט, אַז ס'איז ניט אמת. זי האָט אַליין געזען, ווי רחלע איז געשטאַנען איבער דודן. ווען יענער איז געשלאָפן ביי זיי אויף דער אָטאָמאַנע און אים געקושט די האָר אויפן שטערן.

און אַז די שטילקייט איז געדיכטער געוואָרן אין דעם טונקעלן צימער, געשווערט, צונויפגעגאָסן די שוועסטערס מיט די ווענט, מיט דער פּאָדלאָגע און געצייכנט אויף דער אָטאָמאַנע בלייכע הענט און פּנימער — האָט רחלע זיך אַ בויג געטאָן איבער פייגעלען. אין די אויערן זענען געשטאַנען קלאַנגען און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, צי דאָ רעדט רחלע, צי ס'דאַכט זיך פייגעלען:

— און דו, פייגעלע?

— וואָס, רחלע?

— האָסט ליב דודן?

— דודן? — האָט פייגעלע זיך אַ הויב געטאָן, אויסגעצויגן דעם ווייסן האַלז, געקוקט אין דעם איינגעלאָפענעם צימער — כ'ווייס ניט.

רחלע האָט געוואוסט, אַז ס'איז ניט אמת. פייגעלע האָט לאַנג געקאָנט אָפּזיצן איבער דודס בילד. וואָס איז געשטאַנען ביי איר אויפן טישל, ניט מיד ווערן צו קושן זיין שיין פּנים, דעם קאָפּ האָר.

אין צימער איז אינגאַנצן טונקל געוואָרן. ניט געווען מער קיין זכר פון הענט, פּנימער, בלויז בלייכע פלעקן האָבן זיך געגרויט. מען האָט דערהערט אַ קלונג. ביידע שוועסטער האָבן זיך אויפגעזעצט, זיך אַ וויילע אָנגעקוקט, און פייגעלע האָט אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז דוד.

— יאָ, ס'איז דוד — האָט רחלע איבערגעחזרט.

אַ צווייטער קלונג האָט אויפגעציטערט די שטילקייט. פייגעלע האָט זיך געבעטן ביי דער שוועסטער.

— גיי עפן.

— עפן דו.

— ניין. דו וועסט עפענען.

רחלע איז געווען דאַנקבאַר, צוגעלייגט די ליפּן צו פייגעלעס ווייכע האָר און זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער אָטאָמאַנע.

מיט דודס אַריינקומען איז די שטילקייט ניט געוואָרן. אַ שמאָ־לער, אַ בויגיקער, אויגן ווייכע, וואַרעמע שמייכלען פון אונטער אַ שויבער האָר אַפער און די ווערטער פאַלן מיט קלימפּער פון אַ שנירל וואַסער:

— וואָס עפּעס אין דער פינסטער, רחל?

— אַזוי זיך.

— מאַך ליכטיק!

אַ פרישער און אויפגערוימטער האָט ער רחלען אַרומגענומען מיט ביידע הענט, געהאַלטן זי אַ ווייל פון דערווייטנס, געקוקט ווי ס'מיידל בייט זיך אין פּנים, פלאַמט אויף, ווערט בלאַס, און די אויגן קוקן אָן אַ זייט, ער האָט זי לייכט אַ הויב געטאָן, ווי זי וואָלט אינגאַנצן קיין וואָג ניט געהאַט, זי געלאָזט הענגען אויף זיך און זיין פּנים האָט זיך געגנורעט אין די געדיכטע האָר, וואָס האָבן געשלאָגן מיט וואַרעמקייט.

— מיין מיידל! מיין רחל!

פון אַ צווייטן צימער האָבן זיך דערטראָגן אַקאָרדן, שטיל און טרויעריק.

— ווער שפּילט? — האָט דוד געפרעגט.

רחלע האָט באַלד ניט געענטפערט. די לוסטיקייט האָט זיך ביי איר פאַרקליבן אַרום האַרץ, הויל, הוילער, זיך דערפילט שולדיק פאַר דער שוועסטער, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין דער פינסטער און שפּילט. זי האָט זיך צוגעניכטערט און אַ זאָג געטאָן:

— פייגעלע שפּילט.

— ווי איז טאַקע פייגעלע? — האָבן די אויגן ביי דודן אויפגעע־לויכטן — קום, רחלע, מיר וועלן אַ קוק טאָן, וואָס פייגעלע מאַכט!

ער האָט זי אַ שלעפּ געטאָן, געעפנט אַ טיר נאָך אַ טיר, זיך געטראָגן מיט רחלען און ניט אויפגעהערט צו רופן:

— וואו איז פייגעלע?

— וואו איז פייגעלע?

— אָט בין איך — האָט זיך אַ שטים געטראָגן פון די ווייסע קלאַ־

ווישן, וואָס האָבן געשאַרט אין דער פינסטערניש, ווי קאַסטנס מיט ציין.

דוד האָט אָפּגעלאָזט רחלען און געכאַפּט צו ערשט פייגעלעס רעכטע, דערנאָך לינקע האַנט צווישן זיינע. די וואַרעמקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון די האָר, פון יעדן גליד, האָט אויפגעלויכטן אין צימער און די מיילער האָבן געפּלאַפּלט:

— אַזוי, פייגעלע, באַהאַלסט זיך אויס פאַר מיר!

— ביזט דאָך געווען מיט רחלען!

— איז וואָס?

— גאָרנישט.

— דיך פאַרדריסט?

— מיך? – האָט זי אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, העכער גע־וואָר און זיך אַרומגעקוקט – וואו איז זי שוין?

— רחל?

— יאָ.

— זי איז דאָ, זי איז דאָ — האָט דוד זי געוואָלט פאַרהאַלטן.

— מיר וועלן זי אויפזוכן — האָט פייגעלע אַ כאַפּ געטאָן דודן, הנאה געהאַט, וואָס ער גייט ניט גערן און בשעת מעשה אונטערגע־שטעלט ס'פּנים, די אויגן, דעם שטערן — אונטערגעשטעלט זיינע צע־פלאַמטע ליפּן.

מיט אַ פריילעכן קוויטש האָט פייגעלע זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער אָטאָמאַנע, אַרומגעכאַפּט די פאַרטרויערטע שוועסטער, זיך גע־פּיעשטשעט ווי אַ קינד און מיטאַמאָל געמאַכט פּלאַץ צווישן זיך אין דער שוועסטער, געוויזן מיט די אויגן דודן, ער זאָל זיך זעצן

דוד איז אַריין אין דער מיט, אַרומגעכאַפּטביידע מיידלעך, און פון דעם שפּרונג האָט די אָטאָמאַנע לאַנג זיך געוויגט.

1925

# דער פּאַספּאָרט

אויפן דריטן טאָג האָט דער גאַנצער צווייטער קלאַס זיך גענומען פאָרען אַרום אַ פאָרשטייער פון סאָוועט־רעגירונג, וואָס האָט אויפגעקויפט אין אַמעריקע מאַשינען פאַר דער בערשטער אינדוסטריע.

דער פאָרשטייער איז געזעסן אין אויסלייג־שטול, די פיס צוגעדעקט מיט אַ קאָלירטער קאָלדרע. אַ בייסיק ים־ווינטל האָט זיך געשפּילט מיט זיין שויבער האָר, זיי צעשאָטן איבערן שטערן, און די אויגן אַריין, צוגעגעבן דעם פנים וואָגיקייט און קיינער וואָלט ניט געגלויבט, אַז אונטער דער קאָלדרע זיצט אַ קליין, דאַר מענטשל.

די פּאַסאַזשירן האָבן געגאַפט, און אין דערזעלבער צייט געוועזן אנטוישט, וואָס דער פאָרשטייער גייט אָנגעטאָן אין אַמעריקאַנער קליידער און פון נייגעריקייט אים גענומען שטעלן פראַגן:

— און אַז איר וועט אַזאַ אויסגעפוצטער אַריינקומען קיין מאָסקווע — האָט אַן אָלרייטניק אין „ניקערס” מיט געשטרייפטע זאָקן געצייגט אויפן פאָרשטייערס קנייטש אין די הויזן — וועט מען אייך ניט רופן בורזשוי?

— און אַז איך, — האָט אַ דאַמע, געהילט אין אַ לויזן פוטער געוויזן אויף אירע בריליאַנטן — וועל אָנקומען צו דער רוסישער גרעניץ, וועט מען מיר דאָס אַלץ אויסטאָן?

— מען וועט אייך, מאַדאַם, נאַציאָנאַליזירן — האָט אַ יונגערמאַן אַריינגעוואָרפן.

— וואָס יועט מען? — האָט די דאַמע איבערגעפרעגט.

דער אַרומיקער עולם האָט זיך צעלאַכט, זיך געוויגט מיט דער שיף.

אַ יענקי, וואָס האָט געשפּרייזט איבערן דעק, געזען, ווי עס

קלייבט זיך אַ רעדל, האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און סתם אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז?

— דאָ זיצט אַ פאָרשטייער פון סאָוועט־רוסלאַנד, — האָט מען אים איינגערוימט, — ער האָט אויפגעקויפט אין אַמעריקע מאַשינען.

— אַזוי? — האָט דער יענקי צוזיפגעלייגט די ליפּן און געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט געשטאַנען אין אַ קלויסטער ביי אַ גאָטעס־דינסט.

מען האָט אָנגעהויבן צו קומען פון ערשטן קלאַס. צום ערשט ווי אויף אַ וואונדער. שפּעטער, אַז מען האָט זיך פאַנאַנדערגעשמועסט, זענען די אַפּעטיטן זיך צעוואַקסן, באַהאַלטענע פאַרלאַנגען האָבן זיך געוועקט און יעדער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז מען טאָר נישט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט, פאַרוואָרפן דעם פאָרשטייער מיט פראַגן אָנהויבנדיק מיט בריליאַנטן ביז חזיר־האָר.

מען האָט אויפגעזוכט אַ יוניאָן־פּירער מיט ווייסע, מיידלשע הענט, וואָס איז געפאָרן אויף דערזעלבער שיף.

דער יוניאָן־פירער האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויפן רוסישן פאָרשטייער און ביים ערשטן ברוך הבא אַ זאָג געטאָן:

— ווי קומט עס, וואָס אַ פאָרשטייער פון אַרבעטער פאָרט מיטן צווייטן קלאַס?

— און ווי קומט עס וואָס אַ יוניאָן־פירער — האָט דער פאָרשטייער פון אויבן אַראָפּ צוריקגעוואָרפן — פאָרט מיטן צווייטן קלאַס?

— איך בין אַן אַמעריקאַנער יוניאָן־פירער, וואו ס'איז פאַראַן אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. אָבער איר?

— מיר רויטע, דאַרפן פאָרן מיטן ערשטן קלאַס!

— שוואַרצע, זענט איר!

די אַרומיקע האָבן געשעפּט נחת.

יידן וואָס זענען געפאָרן נאָך דייטשלאַנד, נאָך פוילן, האָבן אייבער נאַכט אָנגעהויבן חלומען וועגן רוסלאַנד, געפּלאַנט זיך אַריינצוכאַפּן אַהין מיט דער הילף פון דעם פאָרשטייער. ליטווישע ווייבלעך, וואָס האָבן געהאַט אייגענע אין רוסלאַנד, האָבן געבראַכט קאָשעקלעך אויבס, צוקערוואַרג, געקוקט דעם פאָרשטייער אין מויל אַריין, געגלויבט, אַז מען קען עפּעס פועלן.

די מורא פאַר רוסלאַנד איז נישט געוואָרן, די שרעקלעכע מעשיות פון עמיגראַנטן זענען צערינען. פאַר די פּאַסאַזשירן איז נישט געשטאַנען אַ רוס אין עפּאָלעטן מיט גאָלדענע קנעפּ, פאַר וועלכן מען פלעגט שטיין געבויגענע. רוסלאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ייִד פון מינסק, וואָס רעדט מאַמע־לשון, זאָגט אַ היימישן וויץ — טאָ וואָס איז דאָ צו שרעקן זיך?

איז מען געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרום דעם פאָרשטייער פון רוסלאַנד, געזונגען ייִדישע לידער און יעדער איינער האָט זיך אויסגעוואָרעמט זיין חלום, אים געשפּרייט איבער דעם שטילן רויש פון די כוואַליעס, מען האָט זיך געפילט גוט אויפן גרויסן ים, וואָס האָט מער נישט געשראָקן מיט זיין גרייסקייט, ווי אַ פלאַנץ שרעקט זיך נישט ביים אויפגיין פון דער זון.

בלויז צוויי מענטשן זענען נישט אונטערגעקומען, ביידע רוסן — אַ ברייט־ביינערער פּאָלקאָווניק מיט איידעלע הענט און פיס און מיט אויגן פון א מאָנגאָל און אַ בלאָנדער אָפיציר מיט א פּנים פון אַ כולי־גאַן. זיי זענען געפאָרן נאָך כאַרבין, זיך געהאַלטן אָן אַ זייט, זיך גע־דרייט אַרום אַ יונגער דאַמע מיט רויטע פלאַמיקע האָר און זייער טיפע רוסישע אויסשפּראַך האָט געקלונגען איבער דער דעק.

און אַז די נייגעריקע פּאַסאַזשירן האָבן זיך מיט איר צערעדט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז אַ ייִדישע, האָפט אַריינצוקומען נאָך רוסלאַנד מיט דער הילף פון די צוויי גוים.

— דאַרפט איר זיי, די פּאַניעס, וואָס ריכטן אַליין אָפּ גלות? — האָט אַ בריליאַנטן־סוחר אָנגערופן — מיר האָבן דאָ אַן אייגענעם פאָרשטייער, אַ ייִד. זיינס אַ וואָרט, מאַדאַם, און מען לאָזט אייך דורך די גרענעץ!

די יונגע דאַמע איז אַוועק פון די רוסן, די צוויי גוים האָבן איצט נאָך מער אויסגעמיטן מענטשן. גאַנצע טעג האָבן זיי געשפּילט אין גאָלף, געשפּילט, אַז דער שווייס האָט געשלאָגן דורך די העמדער און פון דער זייט געקוקט אויפן פאָרשטייער פון רוסלאַנד, געהיט יעדע באַוועגונג זיינע.

און אַז דאָס שפּילן איז דערעסן געוואָרן, האָט מען גענומען שפּאַנען איבער דער דעק, געבויגענע, די אויגן אומרוהיקע, אויסגע־

הונגערטע, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, ווי פאַרשפּאַרטע וועלף אין אַ שטייג.

יידן, וואָס האָבן זיך געלאַנגווייליקט, האָבן דווקא געוואָלט די צוויי גוים זאָלן זיך באַקענען מיטן פּאָרשטייער פון רוסלאַנד.

די נייגעריקייט האָט נישט געלאָזט רוען, געוואָלט זען, ווי איין מענטש וועט זיך פאַרלירן פאַרן צווייטן און וואָס פאַר אַ מיטל מען האָט נישט אָנגעווענדט, האָבןביידע צדדים אויסגעמיטן די באַגעגעניש.

דער עולם איז געשטאַנען איבערן פּאָרשטייער, געקוקט אין אַן אויפגעמאַכט ביכל, וואו אַ צעעפנטער רוסישער פּאַס האָט געפלאַטערט צווישן רויטע טאָוולען.

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך", האָבן צענדליקער מיילער איבערגעחזרט די ערשטע ווערטער פון רוסישן פּאַספּאָרט, זיך איינגעהערט אין די אייגענע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן מיטן רויש פון וואַסער.

דער ים, וואָס האָט אויסגעזען, אַז ער הויבט זיך אין ערגעץ גישט אָן, ענדיקט זיך נישט, האָט זיך געוויגט אַ וואַל איבער אַ וואַל און די פאַרגליווערטע שטיקער, האָבן אויפגעשוימט מיט אַ מאַטער ליכט, גערופן.

אַ ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן, זיך פאַרקליבן אונטערן צעעפנטן פּאַס, אים אַ ריס געטאָן פון די טאָוולען, אַ הויב און דער פּאַס האָט זיך גענומען טראָגן איבער די וואַלן.

אַלע זענען אויפגעשפּרונגען. זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ געשריי און געבליבן שטיין פאַרגאַפטע ביים פּאָרענטש פון דער שיף.

די צוויי געוועזענע אָפיצירן זענען אויסגעוואַקסן, זיך פאַרנייגט.

— מיר באַגריסן דיך, מיר זענען אויך אָן פּאַספּאָרטן!

דער פּאָרשטייער איז קלענער געוואָרן, די אויגן אומבאַהאָלפענע האָבן גאָרנישט געזען, ווי מיט דעם שטיקל פּאַפּיר וואָלט מען ביי אים צוגענומען די מאַכט און וואו ער האָט געדרייט מיט די אויגן, האָט ער באַגעגנט פּנימער וואָס לאַכן, ווי פון איינעם וואָס גליטשט זיך אויס און פאַלט

1925

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| | זייט |
| שלעכטס | 7 |
| יוסף קאַרו | 23 |
| אַ גאון | 28 |
| דער געצנדינער | 33 |
| פלאָנטער | 40 |
| אַ סוד | 45 |
| מענדל | 49 |
| מאַראַנגען | 54 |
| באַקעטע פיס | 59 |
| אין אַ פאַרשנייטער וועלט | 63 |
| אויף אַ בית-עולם | 67 |
| אויף אַ פאַרם | 72 |
| אין דער פרעמד | 76 |
| אַ סומנע הויז | 80 |
| אַ משפט | 85 |
| כשוף | 90 |
| הינטערן שלאָס | 94 |
| דעם רבינס טויט | 98 |
| די שטילקייט דערציילט | 103 |
| פערד-שינדער | 107 |
| אַ חתונה | 111 |
| אַרום דעם מדבר פון אַריזאָנאַ | 116 |
| אַרום אַ מיל | 121 |
| אַ גט | 126 |

| | |
|---|---|
| | זייט |
| אַ יורד | 131 |
| אומעט | 136 |
| פעלדמאַרשאַל האַזאַי | 141 |
| לעבן | 146 |
| באַרבאַרע | 151 |
| אַ יובליי־אויסגאַבע | 155 |
| אונטערוועגס | 159 |
| ווייבלעך | 163 |
| שטרייקערס | 167 |
| הונדערט יאָר | 172 |
| קאָרטן | 176 |
| דער בריליאַנט | 180 |
| זינד | 185 |
| אַ רב און אַ גלח | 190 |
| אַ פּאַרטי | 194 |
| שאָטנס | 198 |
| דער פאַרבויגענער שלייף | 203 |
| אַ שטילע פרוי | 208 |
| אויסגעלאָסענע | 213 |
| קבר־ישראל | 217 |
| אַן אַמעריקאַנער | 221 |
| אין אויטאָמאָביל | 226 |
| צוויי שוועסטער | 230 |
| דער פּאַספּאָרט | 234 |